601

2492

י. ל. פרץ.

נייע מעשה׳ליך.

ארבעטער רינג
א. ליעסין-ביבליאטעק

קַיִן און הֶבֶל.

(א ביבלישע געשיכטע, אנדערש דערציילט.)

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

Типографія «Гацефира», Панская 40.

אינהאַלט:

קין און הבל.

(אַ ביבלישע געשיכטע, אנדערש דערציהלט.)

דער מלאך.

(אַ זעהעניש.)

פון אייביגען פריעדען
אין ערגיץ=לאַנד
אַ מעשה'לע.

190

ארבעטער רינג

1.

אַמאָל איז געווען אַ קין, אַמאָל איז געווען אַ הבל; צוויי ברידער זענען זיי געווען.

דער ערשטער קין און דער ערשטער הבל.

האָט הבל געהאַט גאָט אין האַרץ, געהערט זיין שטים ביי זיך אין די ניערען און האָט זיך קיין גאָט נישט געזוכט.

דאַגעגען קין, אָבוואָהל דער עלטערער, האָט ניר די בענקשאַפט צו גאָט געהאַט; האָט ער אַ וואַנדערשטאָק גענומען און איז געגאַנגען זוכען גאָט, אויף וועג און שטעג.

„גאָט מוז זיין גרויס, אונגעהייער גרויס; שטאַרק, אויסטערליש שטאַרק מוז ער זיין!" — אַזוי האָט קין געטראַכט.

און אַז ער האָט דעם ערשטען, אונגעוועהנליך גרויסען, שטאַרקען פעלז אויף זיין וועג געטראָפען, איז ער אויף די קניה געפאַלען און פון האַרץ אַרויס אַ געשריי געטהון:

— אָט איז גאָט!

און פול פאָרכט, דאַנקבאַרקייט און ליעבשאַפט צום גאָט וואָס האָט זיך איהם בעוויזען, פאַלט ער פאַר'ן פעלז אויף די קניה און בעט מיט פערציטערטע ליפען:

„לאָז מיך אייביג זיין געבען דיר, גאָט, מיין גאָט!"

„דערוויילט מיך נישט פון דיר, דו קוואַל פון גרויסקייט און מאַכט..."

— אַ ווינטעל בלאָזט און רוישט אין דער שטיל —

דערהערט קין אינ׳ם ווינטעל גאָטס וואָרט; פערנעמט ער זיינע רייד און געראויש —
געהט הבל פאַרביי, רופט ער איהם בעגייסטערט צו;
— ברודער, קום צו און זעה בעשיינפערליך גאָט!
— ברודער, דאָס איז גאָט! און איך, דיין ברודער קין, בין זיין נביא און, —
„אזוי זאָגט גאָט“ — —
ער ענדיגט נישט!
הבל שטעלט אַרויף אַ פוס אויפ׳ן פעלז:
ער טרעט אויף גאָט!
שפרינגט קין אויף און האַפט דעם וואַנדערשטאָק, און טייט זיין ברודער הבל, וואָס האָט געלעסטערט גאָט...

. . . .

„בלוט פאַר בלוט“ איז דאָס געזעץ.
לויפט אַ ווילד-טיער פון וואַלד אַרויס און צורייסט קינ׳ען, וואָס האָט זיין ברודער הבל געטייט. —

2.

„בלוט פאַר בלוט“ איז איין געזעץ;
„געשטאָרבען איז עמיץ, עמיץ זאָל לעבען!“ — דאָס צווייטע!
און אַ נייער קין ווערט געבוירען; און — אַ נייער הבל.
האָט הבל גאָט אין האַרץ און זוכט נישט גאָט; קין — נור דאָס פאָרגעפיהל פון גאָט און אַ ברענענדיג בענקשאַפט צו איהם, — זוכט ער גאָט אין וואַלד און פעלד.
„גאָט איז ל ע ב ע ן, גאָט איז פ ר י י ד!“
איז זיין געדאַנק.
„געזאַנג איז ער און בליהונג... אויסער גרויס און שטאַרק!“

געפינט ער אַ בוים — אַ ריעז אין וואַלד, און פאַלט אויף די קניהען פאַר גאָט!

„ווי גרויס דו ביזט, גאָט; די הימלען שפּאַרסט דו אונטער. און שטאַרק, — צוואַנציג ריעזען געמען נישט אַרום דיין שטאַם!"

„און ווי דו בליהסט, גאָט; דאָס ביזט די בליהונג אַליין!"

און ווי זיס צוגיסט זיך דער געזאַנג אין דיינע צווייגען, — לאָז מיך רוהען אין דיין שאָטען, גאָט..."

„און אַז אַ ווינטעל בלאָזט און די בלעטער הייבען אָן צו רוישען, הערט קין די שטים פון גאָט און פאַלט אויף די קניהען.

געהט הבל פאַרביי:

„זעה, ברודער, גאָט! און איך, דיין ברודער, בין זיין נביא!

„אין די אויערן רוישט מיר זיין געזאַנג; ביז'ן האַרץ אַריין — זיין קלינגענדיג וואָרט..."

און — אַזוי זאָגט גאָט...

וויל הבל נישט הערען גאָטס וואָרט; שטרעקט ער אויס זיין האַנד און חאַפּט אָן אַ צווייג פון בוים.

— איך בייג אַראָב דעם קאָפּ פון גאָט; איך רייס איהם ביי די האָהר!

און רייסט אויס, און צעוואַרפט אַ הויפען בלעטער פון גאָט.

פאַלט הבל, דער גאָט־לעסטערער, פון קינ'ס הענד דערוואָרגען; ענטלויפט קין, דער ברודער־מערדער, צום ים, פערפלייצט איהם אַ וואַל!

„בלוט פאַר בלוט!"

3.

„געשטאָרבען קין און הבל, לעבען זאָלען קין און הבל!“
און ניי־געבוירען, קומען זיי צוריק אויף דער וועלט.
האָט הבל גאָט אין האַרץ און זוכט איהם נישט.
און קין האָט איינמאָל גאָט אין חלום געזעהן; און איז דער חלום פערשוואונדען, האָט ער זיך אויפגעכאַפּט נאָך מיט אַ גרעסער, ברענענדיגער בענקעניש צו גאָט.
און אַ שניצער איז שוין קין געווען. מוז ער זיך אויסשניצען דעם גאָט, וואָס ער האָט אין חלום געזעהן.
פערווירקליכט מוז דער חלום ווערען; צוריקקומען און אייביג בלייבען מוז דער פערשוואונדענער טרוים!
ער קאָן אָהן גאָט שוין נישט לעבען!
נעמט ער מיט זיך מעסער, האַק, הובעל און זעג און גייהט אין וואַלד אַריין.
דעם שטאַרקסטען, העכסטען בוים קלויבט ער אויס; און דער פאַלט אונטער זיין האַק, און ווערט דערנאָך מיט האַק, הובעל און מעסער בעאַרבייט...
און טעג און נעכט טרעט קין פון דער אַרבייט נישט אָב. פון די שפענער האָט ער זיך אַ פייער, צום וואַרימען און קאָכען געמאַכט; פון אָבגערייניגטען שטאַם זיך זיין גאָט געשניצט...
און עס איז אַרוים אַ גאָט!
דער גאָט, וואָס האָט זיך איהם אין חלום בעוויזען, וואָס ער האָט אין שלאָף געזעהן...
און גרויסע איינען האָט ער איהם געמאַכט — גאָט זעהט פון עק וועלט ביז עק... אָבער נישט גלייכע אויגען:
קוקט איין אויג לייטזעליג און בעשענקענדיג־ליעב — גאָט איז אַ גוטער! —
דאָס צווייטע — שטרענג, — אַ ריכטער איז גאָט אַ שטרענגער און בעשטראָפט יעדע זינד!
און אין איין האַנד האָט ער איהם אַ הענגעל־טרויבען,

אַריינגעשטעלט — פּרוֹלִטַבאַרקייט איז דער גוטער גאָ׳ט!

די צווייטע האָט ער אויף אַ פּויסט פּערשניצט און זיי־
האַק אין דער פּויסט אַריינגעשטעקט — דעם זינדיגען. אָ־צ־
שרעקען; גאָט שטראָפט!

און פּאַרטיג איז געוואָרען דער גאָט, און ער האָט איהם
אייפגעשטעלט און — פּאַלט פֿאַר איהם אויף די קניה!

— אָ, גאָט!

ווי ליעב האָב איך דיך, גאָט, מיין גאָט! און ווי פֿאָרכֿט
איך מיך פֿאַר דיר!

— און איך בין דיין נביא, גאָט!

איך האָב דיך געפונען!

און איך וועל דער וועלט זינגען דיין לויב און שאַלען
דיין קראַפט!

איבער דער ברייטער וועלט וועל איך דיין נאָמען צוטראָ־
גען; ווי שמעקענדיגער בוימאייל וועט זיך, אָ, מיין בעשעפער,
דיין נאָמען צוגייהן — —

און בעטען בעט ער זיך!

„רייד מיט מיר, גאָט!"

פליהט, איבער זיין, צו גאָטס פיס פערזונקענעם קאָפּ, אַ
מה־ה וואַנדער־פייגעל פּאַרביי; רוישען זייערע פליגעל אין דער
לופט; הערט ער גאָטס רייד צו זיך אין געריויש.

גייהט הבל פּאַרביי.

— הבל, זעה בעשיינפערליך גאָט! און —

„אַזוי זאָגט גאָט! — — "

— דיין בעשאַפענער בעשעפער? — פּאַלט איהם הבל
אין די רייד אריין מיט שפּאָט.

— האָסט אַ בוים איוסגעהאַקט, ביים פ י ע ר פ ו ן זיינע
שפּענער דיך געוואַרימט און דיין עפּיז געקאָכט, און די קניהסט
פֿאַר׳ן טויטען אָבגעשיילטען שטאַם, וואָס דו האָסט, לויט דיין
איינען בילד, געמאַכט?

דערקענסט די דיך נישט, קין, אין דיין גאָ ט?

און זעה, איך שפּיי אויף דיר און אויף דיין עבענבילד — דיין גאָט!

—גאָט — שריים קין אוים אין ברענענדיגען צאָרן — פערשטאָפּ דאָס לעסטער־מויל, בעגיס דיין האַק פאַר׳ן זינדי־גענם קאָפּ!

און ער פאַלט נאָך אַמאָל אויף די קניהען:

— ער איז מיין ברודער, גאָט! פון איין טראַכט זענען מיר אויף דער וועלט אַרויס, דיזעלבע בריסטען האָבען אונז גענעהרט, — נור דו ביזט מיר טייערער, גאָט, געערעכטער גאָט — און איך בעט, און איך פערלאַנג פון דיר: שטרעק אוים דיין האַנד און שטראָף!

— און ווילסט דו נישט? מוז איך עס טהון; איך, דיין נביא, דיין קנעכט!

און שפּרינגט אויף; און מיט דער האַק פון גאָטס האַנד אַרויס, האָט ער זיין ברודערס קאָפּ געשפּאַלטען...

4

און ווייטער איז אין גאָטס נאָמען אַ ברודער־מאָרד גע־שעהן —

און „בלוט פאַר בלוט" איז דאָס ערשטע געזעץ; „דער, וואָס גייהט, קומט צוריק" — דאָס צווייטע.

„קין און הבל געשטאָרבען; לעבען זאָלען קין און הבל".

און אַזוי וועט זיין, אייביג זיין. —

דער מַלְאָך.

(אַ זעהעניש.)

אויפגעבליהט האָט דער מזרח-שטריין.

שווער עטעמט-אויף דאָס פעטע שטיק פעלד, מיט טוי בערעקט.

און שטאָל בלעקט דער אָקס, וואָס וויל אויפ'ן פרייען אַרוים.

און באַלד עפענט זיך די טיר פון הויז; דער ערדמאַן בעוויזט זיך אויף דער שוועל.

אָפען איז די שטאַרקע ברוסט; פערשאַרצט די ריעזי-גע הענד.

מיט אַ קלאָר, ליעב און דאַנקבאַר אויג בליקט ער — אַרויף צום צושמייכעלטען הימעל, אַראָב צו זיין פעטער שפייזערין — ערד, און דערהערענדיג די שטים פון געטריי-ען אָקס, צושמייכעלט ער זיך:

— איך גייה, ליעבער, געטרייער אָקס!

נישט לאַנג האָט געדויערט, און דער אָקס איז שוין צום אַקער געשפּאַנט.

אונטערן אַקער שטייהט דער ערדמאַן, דריקט דאָס מעסער טיעף אין דער ערד אַריין, און דער אָקס ציהט אוים האַלז און קאָפּ צום ערשטען שריט.

בעוויזט זיך פּלוצלינג אַ מלאך פון הימעל, ציהט-אוים זיין פייערדיג שווערד איבערן אַקער, צווישען אָקס און מענש...

און אין די אויגען פון מלאך זעגען שמערץ און ליעב-שאַפט צוזאַמענגעגליהט; באַרמהערציגקייט און דראָהונג.

און פייערליך ווענדט זיך צום מענש דער מלאך, און בעפעהלט, און שטאָלערן קלינגט זיין שטים דערביי:

„פערלאָז דיין אָקס, דיין אַקער, דיין פעלד און גייה!"

און אַז דער ערדמאַן וויגערט זיך דערשראָקען, קלינגט נאָך האַרטער דעם מלאכ'ס שטים:

„און ווערסט דו נישט גערנווילי: גייהן; טרייבען וועל איך דיך!"

„ווילסט דו דיין שפייזערין־ערד נישט פערלאָזען, פער־שליס איך איהר טראַכט, און זי וועט דיר איהר שפראָצונג נישט געבען."

„ווי אייזען וועט זי ליגען אויסגעשפרייט פאַר דיינע אויגען; און אָנזאָגען וועל איך די הימלען, און זיי וועלען איבער איהר קיין טראָפּען רעגען נישט לאָזען; קיין טראָ־פען טוי".

„און ווערסט דו מיט שרעק פון דיין ערד ענטלויפען, און אין דיין שטוב, פאַר מיר און פאַר מיין געבאָט, זיך בעהאַלטען —"

„שיק איך מיין בליץ און צינד אָן דעם דאַך איבער דיין קאָפּ..."

„רוף איך פון אַלע עקען וועלט ווינטען צוזאַמען, און זיי וואַרפען איבער דיר די ווענד פון דיין הויז."

„און ווערסט דו נאָך ווידערשפעננסטיג זיין, און אַלץ נישט אָברייסען זיך פון דאָס דייניגע, און פון דיין האָב־און־גאָב, —"

„ווינק איך צו די ווילדע און סטעפּ, און שטויביגען וואָלקען קומען זיי געפלויגען, און בעפאַלען דיין האָב־און־גאָב..."

„און אין דיינע אויגען קוילען זיי דיין אָקס און דיין שאָף און רינד, און פרעסען זייער פלייש!"

„דו מיט ברענענדיגע אויגען ווערסט עס צוזעהן, און פערהונגערט בלייבען!"

„און דיינע זיהן און דיינע טעכטער וועלען זיי בעצוויני־גען; מיט פייכטע שטריק בינדען, און פאַר זיך טרייבען, אויף קנעכט און דיענסטען צו פערקויפען — אין קיינס ווערט צו דיר שוין צוריק נישט קומען,—די אויגען וועלען דיר אויס־גייהן, וואַרטענדיג אומזיסט!״

— דו מוזט גייהן!

— וואו אהין — ? פרעגט דער ערדמאַן פערציטערט.

„גאָט האָט דיך אַלס זיין שליח אויסדערוויילט, און דו וועסט גייהן איבער דער וועלט שאַלען, און רופען זיין נאָמען!״

„איבער דער וועלט וועסט דו גייהן!״

„נע ונד וועסטו זיין״.

„און אָהן וועג און שטעג וועסט דו גייהן; איבער דערנער שאַרפע און שטיינער שפיצינגע, באָרוויס וועסטו וואַנדערן; אייביג בלוטיגען וועלען דיינע באָרוועסע פיס...״

„און אַז דו וועסט מיעד ווערען און זיך אָבשטעלען, דעם אָטעם נורצו האַפּען וועל איך אָנצינדען די ערד אונטער דיינע פיס, און זי וועט דיך טרייבען!״

„וועל איך דיך פון הימעל פערפאָלגען מיט דונער און בליץ.״

„און בלוטינע שונאים וועל איך אויפשטעלען אונטער דיר, און זיי וועלען דיך מיט זייערע פיילען יאָגען... דאָס ווילדע טיער וועל איך רופען אויף דיר פון וואַלד, און עס וועט דיך טרייבען...״

„און צו איין אָברוּהע, צי אַ הערבערגע וועסט דו לעכצין:

„און וואו אַ טיר, וועסט דו אָנקלאַפען און בעטען זיך:

„לאָזט מיך איבער דער שוועל!״ און וואו אַ פענסטער:

„נאַכטלעגער פאַר אַ קראַנקען וואַנדרער, בעטלען —״

„און טרייבען וועט מען דיך פון אומעטום!״ —

„מיט שאַנד און שפאָט טרייבען, מיט קלעפ און שלעג — ווי אַ קרעציגען פון ישוב אַרויס! און משוגע פאַר שרעק וועסטו ווייטער לויפען...״

„און אַז דו װעסט פאַר אַ װאַסער־שפּיגעל פאַרבײַ, און דיך אַליין דערזעהן, װעסט דו דיך פאַר זיך אַליין דערשרעקן! װעט דיך אָנחאַפּען אַ גרױל פאַר זיך אַליין! אַ שרעק פאַר דיינע אָפענע װאונדען; איין עקעל פאַר דיין שמוץ אויפ'ן צובלוטיגטען לייב . . . און װעסט דיך װעלען פון דיין שליחות, פון גאָטס־נאָמען־שאַלען — בעפרייען, און װעסט נישט קאָנען!"

„דעם טויט װעסט דו רופען און ער װעט נישט קומען!"—

„די נעגעל װעסטו אַריינשטעקען אין דיין אייגען לייב, דאָס האַרץ אַרויסצורייסען, די נשמה און גאָטס װאָרט פון דיר, — און װעסט נישט קאָנען!"

„און נאָך אַ גרעסערע שרעק װעט דיך יאָגען . . ."

„און װי הייסע טראָפּען בלײַ װעלען פאַלען די טרערען פון דיינע אויגען איבער דיין פנים; און פון דיינע, אייביג אָפענע װאונדען װעט זיך גיסען אָהן אויפהער דיין בלוט . . ."

— נאָך װאָס?

פיל באַרמהערציגקייט װערט די שטים פון מלאך:

„פון יעדער טרער, װאָס װעט פון דיינע אויגען פאַלען— אַזוי װיל גאָט! — װעט אויסשפּראָצען פון דער זינדיגער ערד אַ װייסע ליליע —"

„און פון יעדען טראָפּען בלוט, װאָס װעט טריעפען פון דיין איטליכער װאונד — אַ רויטע רויז! אַזוי האָט גאָט בעשטימט!"

און צוריק שטאָלערן קלינגט די שטים:

„אָבער דאָס אַלץ װעט זיין הינטער דיר; דאָס אַלץ װעלען דיינע אויגען נישט זעהן . . ."

„פאַר דיר — דערנער; שטיינער אונטער די פיס; װי װייט די אויגען זעהען — אַ װיסטעניש — —"

„און װעסט, משוגע פאַר שרעק און פיין, אַלץ װייטער און װייטער לויפען . . . די װעלט אונטער דיר מיט בלומען פערזייהען, די ערד אונטער דיר אין אַ גן־עדן פערטװישען, און דו װעסט עס נישט זעהן — ביז — —"

— ביז וואַנען, מלאך?!
„ביז דו וועסט צוריקקומען צום אָרט, פון וואַנען דו גייהסט אַרויס — — אויב..."
—אויב וואָס, מלאך? — פרעגט דער ערדמאַן נאָך מעהר פערציטערט.
„אויב גאָט וועט דיך אויף אַנדערע פון זיינע וועלטען נישט שיקען..."
„צו דעם ביזט דו געבענשט און פערשאָלטען..."
„צו דעם — אויסדערוויילט!" —

פון אייביגען פריעדען
אין ערגיץ־לאַנד
אַ מעשה׳לע.

דערציילט אזוי דאָס מעשה'לע פון ערגיץ-לאַנד:

אין ערגיץ-לאַנד איז אַ הויכער גרויסער באַרג פאַראַן. האַלטען זיך אויפ'ן שפּיץ פון באַרג די אָדלער די גרעסטע, שפּיעלען אויף זיין הייך די ווינדען די שטאַרקסטע; — שפּיעלען זיי און ראַנגלען זיך.

זעהט אויך דער שפּיץ פון באַרג דאָס גרעסטע הימעל-שטיק פון געוועלב איבער ערגיץ-לאַנד, און דעם שענסטען אויפגאַנג פון דער זון יעדען מאָרגען פריה אין ערגיץ-לאַנד...

באָדט זיך דער שפּיץ באַרג אין העלסטען, ריינסטען ליכט. עס איז דאָך דער העכסטער באַרג אין ערגיץ-לאַנד: די זון פערשטעלט איהם קיינער נישט, פון ערגיץ פאַלט אויף איהם קיין שאָטען נישט...

און שטאַרק איז ער, דער באַרג: פעלזען זענען זיינע גליעדער, קופּער און גאָלד — זיינע אָדערן... דאָס ווייסט די ווילדע ציעג, וואָס שפּרינגט איבער זיין רוקען...

אָט אַזוי האָט דאָס מעשה'לע פערציילט. —

. . . .

האָבען די מיטער דאָס מעשה'לע געהערט, דערפון אַ וויעגען-ליעד פערפאַסט, און שלעפערן די קינדער איין דערמיט. מיט'ן ליעד פון ערגיץ-לאַנד, פון הויכען גרויסען באַרג אין ערגיץ-לאַנד...

וואַקסט אָבער אויף דאָס קינד און עס פערגעסט דאָס וויעגען-ליעד; אין לערנען און אין שפּיעלען ווערט עס פערגעסען;

דערנאָך אין לעבען, ליעבען און ליידען . . . אינ׳ם וועלט-געדרויש !

ערגיץ דאָך, אין אַ פערבאָרגענעם ווינקעל פון האַרץ, ציטערט נאָך אַליץ אַ סטרונע שטיל, און עס קלינגט דאָס ליעד, דאָס וויעגען-ליעד, פון שפּיץ פון באַרג אין ערגיץ-לאַנד, — פלייצט דאָס לעבען אַרום און אַרום, רוישט עס און זידט, הערט מען די סטרונע נישט —

גייהען אַזוי יאָהרען און צייטען פאַרביי — —

טרעפט זיך אַמאָל —

שפּינט אַ יונגער-מאַן זיין גאָלדענעם פאָדעם פון לעבען, און עס שטרעקט זיך אויס דעם מזל׳ס האַנד, און רייסט איהם דעם פאָדעם איבער; גייהט דער יונגער-מאַן פון לעבען אַוועק אין דער איינזאַמקייט . . . דערפיהלט ער פלוצלינג אין דער שטילער איינזאַמקייט: עפּיס ציטערט ווינקעל פון אין האַרץ ביי איהם, אין פערבאָרגענסטען ווינקעל פון האַרץ קלינגט . . . שטעלט ער זיך אָב און הערט זיך איין . . .

זינגט אַמאָל אַ יונגער-מאַן זיין גליקליך ליעבעס-ליעד אויף זיין האַרף, אויף זיין גאָלדענער יונענד-האַרף: דערהערט דאָס בייזע מזל און שלייכט זיך צו און שטרעקט אויס די בייזעביינערינע האַנד, און רייסט איהם אַ סטרונע נאָך אַ סטרונע מיט געוואַלט; ווערט שטיל די האַרף און שרעקליך שטיל אין האַרץ; — שטייהן איז דאָס האַרץ געבליבען . . . און אין דער שטילקייט קלינגט פלוצלינג אויף דאָס וויעגען-ליעד. דאָס ליעד פון ערגיץ-לאַנד, פון הויכען, גרויסען באַרג אין ערגיץ-לאַנד . . .

און אַמאָל וועקט זיך עס עמיצען אין חלום אויף, און קומט אין אַ שטילער לבנה-נאַכט צום אויער, חאַפּט זיך יענער אויף . . .

און אַזוי אַמאָל, פערטראַכטערהייד, וועקט זיך ביי לייטען די בענקשאַפט אויף, און טרייבט קיין ערגיץ-לאַנד; צום הויכען באַרג, צום גרויסען באַרג אין ערגיץ-לאַנד . . .

ציהט דאָס ערגיץ-לאַנד און ציהט; וואַנדערט מען . . .

און אין אַלע צייטען, און אויף וועגען אַלערליי, און פון אַלע עקען וועלט וואַנדערט מען קיין ערגיץ־לאַנד...
בלאָנזעט מען, פערבלאָנזעט מען, —
ביינער בלייבען אויף וועג און שטעג קיין ערגיץ־לאַנד...
מאַנכע טרעפען דאָך און דערגרייכען עס.
קומען מאַנכע קיין ערגיץ־לאַנד; ווייסט איינער דאָך פון צווייטען נישט...
אויף איינזאַמע וועגען גייהען זיי, פון פערשיעדענע עקען וועלט קומען זיי... איינער טרעפט זיך מיט'ן צווייטען נישט.

שפינט זיך און שפינט ווייטער דאָס מעשה'לע...
פון לבנה־שטראַהלען שפינט זיך עס; און שטילע נעכט אין לבנה־נעכט...
דערציילט עס ווייטער אַזוי;
צופוסענס ביים הויכען באַרג אין ערגיץ־לאַנד ליעגען לענדער פרייע, פעט און שוואַרץ... וואַקסען וועלדער טיעפע טיעפע, און שטראָמען, יאָגען און טייכען פליסען... און רינגלען אַרום דעם גרויסען הויכען באַרג...
און קומען די וואַנדערער, — איינציגוויז, פאָרענוויז אָדער פאַמיליען גאַנצע — און דערגרייכען זיי דעם באַרג אין ערגיץ־לאַנד, בעזעצען זיי זיך אַרום און אַרום דעם באַרג, צופוסענס דעם באַרג...
גייהט דער יעגער מיט פייל־און־בויגען אין וואַלד אַריין; זעצט זיך דער פישער מיט נעץ און ווענטקע ביים קלאָרען טייך; זוכט זיך דער פעלדמאַן זיין אַקער אויס; טרייבט דער הערט זיין פיה איבער דער פעטער לאָנקע... ווערען קאָלאָניעס מיט דער צייט...
גרויס איז אָבער דער צופוסענס פון באַרג, טרעפט זיך

איין קאָלאָניע מיט דער צווייטער נישט; ווייסט איינע פון דער צווייטער נישט.

בויט זיך יעדערע איהר וועלט פאַר זיך, און אָרדענט זיך איין די „איינציגע" וועלט. בויט זיך איטליכע איהר היילינגטום פאַר גאָט דעם „איינציגען", און דיענט דעם האַר פון דער וועלט דעם איינציגער...

און מען לעבט זיינע יאָהרען אויס, און מען שטאַרבט צו דער רעכטער צייט, און אַלץ לויט ווילען און געזעץ פון גאָט פון איינציגען...

און מען בעט גאָט, און מען רעדט אויף דער „איינאיינציג" מענשליכער שפראַך.

און מען אַרבייט; און מען מעהרט, און מען פרוכפערט זיך, און מען הויבט זיך פאַמעליך, פאַמעליך אויפ'ן רוקען פון הויכען באַרג, פון געגלוסטען באַרג...

לאַנגזאַם—מיט ווייץ, האָבער און קאָרן, גייהט דער אַקערמאַן; מיידט איהם אויס דער פלאַנצער פון וויין; העכער שפרינגט דער הערט, איבער שטיין און פעלז, נאָך דער וויל-דער ציגע; מיט דער מעטאַלענער אָדער גייהט דער בערג-מאַן פעסט און טיעף...

און נאָך העכער שטייגען מאַנכע...

דאָס זענען די, וואָס האָבען זיך, מיט'ן גאַנצען האָב-און-גאָב, בערוהיגען נישט געקאָנט...

שוין צו פערבענקטע נשמות זענען זיי; צו פערבענקטע נשמות צו דער הייך, צו דער הויכער הייך.

וויל שאַרפער קלינגט אין האַרץ ביי זיי דאָס וויעגען-ליעד...

ליגט מען אַמאָל די ווענטקע אַוועק אין דעם פייל-און-בויגען, און מען גייהט פון וואַלד אין טייך... פאַלט רידעל און קאָסע אַמאָל פון האַנד אַרויס; פערלאָזט מען דעם אַקער, פערליערט מען שער און שניידמעסער פון האַנד, קומט מען פון וויינבערג אַרויס. און מען וואַרפט די האַק אַוועק, און מען

קוקט פון דער מעטאַלענער אָדער אַרויס אויף דער ליכטינער שיין ... פערלאָזט מען אויף גאָטס בעראָט די ווילדעציוג, און מען שטייגט ...

עס ציהט דער שפּיץ פון באַרג ...

האָט יעדע קאָלאָניע איהר בענקענדיגען מאַן, אַנדערע — איהרע בענקענדיגע לייט — שטייגען זיי ...

שטייגען זיי.

איז, וואָס העכער, דינער און דינער דער רוקען פון באַרג; בלאָנזשען זיי און טרעפען זיך אַמאָל.

און טרעפט מען זיך ...

און טרויעריג ווערט דאָס מעשה'לע, ווען עס דערציילט דערפון ... און שרעקליך ...

טרויעריגע געשיכטען; בלוטיגע געפעכטען ...

עס שפּינט זיך און שפּינט דאָס מעשה'לע אַזוי:

האָט יעדע קאָלאָניע איהר בענקענדיגען מאַן; מאַנכע — איהרע בענקענדיגע לייט — —

צום שפּיץ פון באַרג בענקען זיי ...

צו די ווינדטען די שטאַרקע, צו די אָדלער די גרויסע ... צום גרויסען פרייען הימעל; צום רייכען העלסטען ליכט, צום שענסטען אויפגאַנג פון דער זון בענקען ...

עס ציהט דער שפּיץ פון באַרג ...

און איינציגווייז גייהען זיי איבער די גרעניצען פון פעלדער גייהען זיי ... פון וויינבערג-געוועלבען קומען זיי אַרויס ... ביי די רענדער פון די מעטאַלענע גרובען שלייכט מען זיך ...

איבער שטיין און פעלז, איבעריאָגענדיג די ווילדע ציעג. —

מיט פערבענקטע אויגען, און דער הויכער הויך פערקוקט, בלאָנזשען זיי; זאַפּענדיג מיט אויפגעשפּיצטע אויערן

די געראוישען פון דער הייך — און טרעפען זיך אמאל . . .

און טרעפען, און — דערשרעקען זיך.

און מיסטעריאָיש פערוואונדערט, קוקט איינער אויפ'ן צווייטען, זיך אָבשטעלענדיג:

פון פערשיעדענע ערטער געקומען, אויף פערשיעדענע וועגען געגאַנגען און—אַנדערש געקליידט, אַנדערש געשוירען און אַנדערש דעם קאָפ בעדעקט . . .

שטאַמעלט מען, זיך גריסענדיג און זאָגענדיג:

— גוט מאָרגען!

זאָגט עס יעדערער אויף זיין שפראַך, אויף זיין איינציגער שפראַך... קלינגט עס דעם צווייטען פרעמד, האַרט, נישט-מענשליך און פיינדליך אין די אויערן... מיינט יעדערער, דער צווייטער דראָהט.

„ער בעליידיגט מיך, ער שילט!"

שטייהט מען זיך געגענזייטיג צו:

—ביסטו אַ מענש, גלויבסט דו אין — —

און אָנגערופען ווערט דער נאָמען פון גאָט פון „איינציגען" גאָט . . .

ווערען אין צוויי שפראַכען גערופען צוויי נעמען פון גאָט; און יעדערער פון צווייטען טראַכט:

— רעדען רעדט ער נישט ווי קיין מענש און גלייבען גלייבט ער נישט אין גאָט . . .

גרייט מען זיך צום שטרייט . . .

רופט יעדערער פאַר'ן שטרייט זיין גאָט צו הילף . . .

אויף פערשיעדענע שפראַכען ריידען זיי, פערשיעדענע נעמען רופען זיי.

זאָגט יעדערער: ער לאַכט פון מיר און לעסטערט נאָך מיין גאָט! —

אָדער: ער דיענט איין אַנדערן גאָט, אַ פאַלשען גאָט, אַ שלעכטען גאָט!

פלאַקערט מיט אַמאָל שטאַרקער אויף דער האַס, און

מען ראַנגעלט זיך ; אויף טויט און לעבען גייהט דער שטרייט . . .

זיעגט איין מענש און זיין אייגציגער גאָט . . .

און דער בעזיעגטער שעלט צי בענשט זיין גאָט און—פאַלט . . .

קאָלערט זיך דעם בעזיעגטענס קערפּער באַרג־אַראָב, באַרג־אַראָב . . . און צייכענט מיט בלוט זיין וועג איבערן באַרג, איבערן רוקען פון הויכען גרויסען באַרג . . .

און זיין גאָט אויף זיין שפּראַך דאַנקענדיג, שטייגט דער זיעגער אַלץ העכער און העכער . . .

און די צאָהל פון די בענקענדיגע אין די קאָלאָניען, און די צאָהל פון די, וואָס טרעפען זיך און ראַנגלען זיך אויפ'ן רוקען פון באַרג, וואַקסט פון טאָג צו טאָג . . .

עס וואַקסט די בענקשאַפט, וואָס טרייבט אַלץ אַרויף און אַרויף . . . און עס וואַקסט דער צאָרן קעגען דעם ווילדען, וואָס מען טרעפט אויפ'ן וועג ; קעגען דעם ווילדען טיער, וואָס גלייבט נישט אָן גאָט . האָט אַ שלעכטען פאַלשען גאָט און שטאַמעלט אויף אַ נישט־מענשליכער שפּראַך . . .

און וואָס אַמאָל העכער שטייגט דער מענש מיט זיין צאָרן! און מיט'ן מענש, אַלץ העכער און העכער — שטרייט און שלאַכט . . .

ראַנגעלט מען זיך וואָס אַמאָל נענטער צום שפּיץ פון באַרג . . .

און די טויטע קערפּער פון בעזיעגטע קאָלערן זיך אַלץ עפּטער און עפּטער, און פון אַ העכערער הייך, באַרג־אָב, באַרג־אָב . . . און צופליישען זיך, זיך קאָלערנדיג, אויף בלוטיגע פּעצען און פעדעם, אָן שפּיצין פון שטיין און פעלז ; און אַלץ עפּטער און עפּטער ריזעלט דאָס בלוט באַרג־אָב, באַרג־אָב ; און שטראָמט, און טרענקט, און רייטעלט דעם רוקען פון באַרג . . .

און אַ דאַנק די אַראָבגעפאַלענע צופליישטע לעסטערער

פון גאָט, ווערט אַלץ פעטער און פעטער די ערד צופיסענס דעם באַרג; אַלץ פולער און געבענשטער — די זאַנג פון ווייץ און קאָרן; פולער און גליהענדינער—די טרויב, זיסער—דער זאַפט אין איהר... און דער ווילדער ציעג שפּראָצט אַלץ מעהר און מעהר גראָז פון אונטער די פיס, און אַלץ מעהר און פעטערע מילך גיט זי דעם הערט...

און די פערבענקטע זיענער דאַנקען גאָט און— שטייּ נען...

און ווייטער פערצייהלט דאָס מעשה׳לע:

און עס פרובּפערן זיך אַלץ, און מעהרען זיך די קאָלאָּ ניען צופיסענס דעם באַרג. און די פערבענקטע צו דער הייך וואַקסען אויך אין צאָהל,—שטייגען שוין מעהרערע מיט אַמאָל...

און געפעהרליך, און מיט יעדען טאָג געפעהרליכער ווערט דער וועג אַרויף; צו גרויסע אָדלער און פרייע ווינטען דער שטעג... און צום אויפגאַנג פון דער זון, און צו די ברייטע הימלען אין דער הייך...

אַלץ מעהר ווילדע שטאַמלער און גאָט-לעסטערער פראָגען זיך אויפ׳ן ריקען פון באַרג.

און שוין בעהאָפענט ווערט געשטיגען...

און מחנות בעוואָפענטע טרעפען זיך אָפט און עפטער...

און שלאַכטען ווערען ביי יעדען טרעפען-זיך געפיהרט, און אַלץ — אין נאָמען פון גאָט, פון איינציגען גאָט!

און דערהערט מען הינטען די קריעגס-געשרייען פון דער הייך, לויפט מען אַרויף צו הילף...

קומט דער הערט פון זיין געצעלט אַרויס, דער בערגּ מאַן פון זיין גרוב, פון טרויבען-געוועלב לויפט דער וויינּ בערגער אַרויף, עס איילט אויך דער ערדמאַן פון אַקער אַוועק, און דער פישער פון ברעג טייך, און דער יענער

פון טיעפען וואַלד . . . און בעוואָפּענט זענען אַלע ; דער בערגמאַן האָט פאַר אַלע וואָפען געמאַכט . . .

און אַלץ עפטער און העפטיגער ווערט די שלאַכט . . .

הילכט דער באַרג פון איביגען קריעג ; פון העלדען־געשריי , פון געוועהר־געקלאַנג . . . און פון גאָטס נעמען, וואָס ווערען אין אַלערליי שפראַכען געריפען . . .

און מאַסענווייז קאָלערן זיך די טויטע אַראָב , אַראָב , און צופליישען זיך אויף שטיין און פעלז, איבער וועג און שטעג . . . און בלוטיגע טייכען שטראָמען באַרג־אָב , באַרג־אָב . . . יאָגען זיך און שטראָמען .

און וואָס אַמאָל , ווערט אונטען פעטער די ערד , פולער די זאַנג פון ווייץ , האָבער און קאָרן . זיסער און גליהענדיגער דער וויין און זאַטער און זאַטער פיטערט זיך די ווילדע ציגע צווישען שטיין און פעלז און מעהר און גיט פעטערע מילך . . .

נור איינמאָל — אַזוי ווערט דאָס מעשה׳לע דער־ציילט — האָבען זיך צוויי , אין צופלאַקערטען קאַמפף , אַלץ העכער און העכער געיאָגט , ביז זיי האָבען פּלוצלונג דעם הויכען שפּיץ פון באַרג דערגרייכט , און פּלוצלונג גאָר פערבאָרען זיך אין אַ שטראָם פון ליכט , פון העלסטען רייכ־סטען ליכט פון דער הייך . . .

און מיט אַמאָל און פּלוצלונג רייסט זיך זיי ביידע אַ נייע , גאַנץ נייע שפראַך פון דער צונג אַראָב ! — דאָס איז געוועזען די שפראַך פון דער הייך , די ליכטיגע שפּראַך ,— די שטראַהלען־שפראַך .

און מיט אַמאָל און פּלוצלונג האָט איינער דעם צווייטען דערהערט און פערשטאַנען ; האָט יעדערער אין׳עם צווייטען אַ מענש דערקענט, דעמזעלבען גאָטס נאָמען פון זיינע ליפּען אַראָב געהערט, און זיי זענען זיך איבער די העלזער געפאַלען. —

און נאָך זיי זענען געקומען אַנדערע און אַריינגעפאַלען אין ליכט, און נאָך אַנדערע — און אַלע, אַלע האָבן אָנגעהויבן רעדן אויף דער איינציג-מענשליכער שטראַהלען-שפּראַך . . .

איז אַ פרייד געווען!

אָבער פּלוצלונג האָבן זיי דערהערט פון הינטען אַ קריעגס-געשריי, פון אַלע זייטען באַרג אַ ליאַרם פון שלאַכטען . . .

אונטען איז געשעהען, וואָס עס האָט געמוזט געשעהען... ווי אויבען די איינצעלנע פערבענקטע מענשען, האָבן זיך אונטען די קאָלאָניען געטראָפען . . .

געמעהרט איבער דער צייט און געפּרוּכפּערט זיך האָבען די קאָלאָניען, און פערשפּרייט זיך און פערשפּרייט, און אַלץ שמעלער און שמעלער זענען די פרייע פעלדער און די פרייע וועלדער געוואָרען . . . האָבּען זיך יעגער מיט יעגער געטראָ-פען, דער ערדמאַן מיט'ן ערדמאַן; און הערטשאַפט מיט הערט-שאַפט בעגעגענט, און בערגמאַן מיט בערגמאַן — אונטער דער ערד . . .

— פרעמדע זענען געקומען! פרעמדע אַקערן אונזער לאַנד! ווילד פרעמדע האַפּען פיש אין אונזערע טייכען; שטאַמלער אָהן אַ שפראַך גראָבען זיך איין אין אונזער ערד . . . נאָט-לייקענער האָבען אונזערע וויינבערגער פערנומען, — דיענער פון פאַלשע, שלעכטע געטער די ווילדע ציעג בעצוואונגען! —

אַזוי האָט מען געריפען.

און אויפגעפלאַקערט האט אויף אַלע גרעניצען די שלאַכט...

לויפען די פערברידערטע פון דער הייך אַראָב:

— שטיל! געוועהר צו די פים! אַלע זענען גלייך! פערהאַן איין איינציג מענשליכע שטראַהלען-שפּראַך!

. . . .

— און דאָס — פערציילט דאָס מעשה'לע — איז דער אָנהייב געווען . . .

פון אייביגען פריעדען דער אָנהייב.

פון אייבינגען פריעדען און ערגיץ־לאַנד, צופיסענס דעם גרויסען, הויכען באַרג...

. . . .

און אַזוי פערצייילענדיג, צושטראַהלט זיך עס, דאָס מעשה׳לע, און צושמייכעלט זיך...

ווי דער מזרח׳דיגער מאָרגען־גלאַנץ פון שפּיץ אַראָב געזעהן, פון שפּיץ פון הויכען גרויסען באַרג אין ערגיץ־לאַנד געזעהען...

עס ווייסט, ס׳וועט ווערען אַ ליעד דערפון, אַ וויעגען־ליעד; זינגען וועלען די מיטער עס, איבער דער ליעבסטער קינדער־וויעג...

און אינ׳ם קינדס הערציל־קליין, הערציל־פיין, קלינגען, קלינגען וועט דאָס ליעד, און ס׳וועט דערפון אַ בענקשאַפט ווערען...

אַ בענקעניש, צו ערגיץ־לאַנד, צום הויכען באַרג אין ערגיץ־לאַנד; צום פריעדען־לאַנד, מיט דער שטראַהלען־שפּראַך, דער איינציג מענשליכער —

אַ בענקשאַפט־פיין, אַ בענקשאַפט־ריין!

JEWISH LOCAL NO 75
OF THE WORLD

פרייז אין ענגלאנד 5 פענס. אין אמעריקא 10 סענט.

על נהרות בבל

אָדער

די

פערוויסטונג פון קעניגרייכען.

פון

גראף דע וואלניי.

איבערזעצט פון

א. טאנענבוים.

ארויסגעגעבען פון ב. רודערמאן,
71 הענבורי סטריט, ספיטאלפיעלדס, לאָנדאָן, איסט.

פארווארט.

זייט געגריסט, איהר איינזאמע חורבות, דיא הייליגע גריבער און שטילע ווענט! צו אייך וועל איך רופען, פאר אייך וועל איך אויסגיסען מיין הארץ, אייער אומעטיגער אויסזעהן שרעקט אָב דעם פראסטען צושויער— אין מיין הארץ ערוועקט איהר דעם צויבער פון טרייסטליכע געפיהלען, פון ערהאבענע געדאנקען, וואס פאר אַ נוטציגע לעקציאָנען, וועלכע טיעפע רעיונות איהר ערוועקט ביי דעם וואס וויים פון אייך צו לערנען! בעת דיא גאנצע ערד האָט געבונדענערהייט אין קעטען געבויגען דעם האלז פאַר איהרע טיראַנען, האט איהר שוין געלאזט וויסען דיא וואַרהייטען, וועלכע זיי פערהאסען: פאַר אַייך וואַהר גלייך דער שטויב פין אַ קעניג מיט'ן שטויב פון אַ קנעכט און האט דיא מענשען געלערנט דעם הייליגען געזעץ פון גלייכהייט.

קברים! וויא הייליג איהר זייט! איהר פארקלעמט דעם טיראַן'ס הארץ און פאַרגיפטעט מיט אַ בעהאַלטענעם שרעק זיין פערדאָרבענע פרייליכקייט! איהר שטראפט דעם מעכטיגען בעדריקער און זייט זיך נוקם פאר דיא שוואכע, וועמען זיי האבען בערויבט.

איהר פארגעלטיגט דעם אריםאנס ליידען מיט דיא שרעקען פון רייכע! איהר טרייסט דעם אונגליקליכען דערמיט וואס איהר עפענט פאר איהם אייערע טויערן פון רוהע און איהר פארשיינקט דער זעלע אַ גלייכגעוויכט פון שטארקייט און פיהלבארקייט, וועלכע שטעלט צוזאמען קלוגשאפט— דיא ריינע וויסענשאפט פון לעבען.

פאַרוואָרט,

אלע מוזען זיך אומקעהרען צו אייך, איהר קיהלט אב פון נייציגען דיא שרעקליכע היטץ פון זיין געלד פיבער: איהר לייגט ארויף אויף זיינע ליידענשאפטען א צוים פון גערעכטיגקייט, און, נור ווען אמענש קען יך שטעלען אויף איירע העהען איז ער אימשטאנד איבער צו טראכטען דיא פערגאנגענהייט פון נאציאנען און פעלקער: זיין הערץ איז נור דאן אימשטאנד צו פערבארגען אין זיך ווארעמע געפיהלען פאר דער מענשהייט און זיין פערשטאנד—צו געבערען ערהאבענע געדאנקען פון וואהלטהאט און גערעכטיקייט, איהר וויסטענייען, צו אייער שולע וויל איך מיך בעקעהרען! איך וויל זוכען דיא רוהע וואס הערשט אין איירע איינזאמקייט און דארט, ווייט פון דיא שעדליכע סצענעס פון ליידענשאפט, וויל איך בעהאלטען אין מיין געדעכטנים דיא ליעבע צור מענשהייט און וויל מיך בעמיהען איהר צו דיענען מיט אלע קרעפטען: מיין גליק וויל איך בויען אויף דאם וואהלזיין דער מענשהייט.

1'טער קאפיטעל.

דיא רייזע.

דאס איז געווען אין 1784. דיא בעהערשערין פֿון אלע רוסען, עקאַטערינאַ דיא צווייטע האָט דעמאלט געפֿיהרט קריעג מיט דער טירקיי און האט אפגענומען דיא קרים, פֿון וואנען זיא האט ארויס געטריבען דעם לעצטען אייניקעל פֿון דעם גרעסטען מערדער און גרעסטען הערשער פֿון דער וועלט.—טשינגיז-כאַן. איהר געליעבטער. דער פֿירסט פאטיאמקין, האט בערויבט אלע רוסען און אלע טירקען אין האט געוויזען זיין קייזערליכער געליעבטער.

אז דערצו זיינען בעשאפֿען פרינצען : זיי זאלען רויבען און „בעגליקען" פראווינצען, אין דעם פֿרעהליכען הויף פֿון לודוויג דעם 16טען האט עס מיך געלאנגווײלט, עס האט מיך געצויגען אין דיא ווייטע וועלט. איך האב געוואלט זעהען, וויא אזוי עס לעבען מענשען אין אנדערע לענדער, און אנדערע געגענדען. בעזאנדערס אבער האב איך געוואלט זיין און דעם אריענט. פֿון קינדוויים אן האב איך אלץ געביינקט צו זעהן דיא לענדער, וואו עס איז געשטאנען דיא וויעגעלע פֿון דער מענשהייט: וואו דיא ערשטע פֿעלקער האבען געלעבט. וואו דיא ערשטע קֿעניגרייכע זיינען אויפֿגעקומען, גרויס געווארען, געפֿיהרט קריעג מיט דער גאנצער וועלט און דערנאך פֿארשוואונדען געווארען, אז עס איז פֿון זיי קיין שפור ניט געבליעבען : וואו דיא מענשהייט האט זיך צום ערשטען מאהל געלערנט שרייבען, לייענ און דענקען, אז איך בין עלטער געווארען, איז דיזער וואונש געווארען אין מיר אלץ שטארקער מיינע עלטערן. דיא גראפֿען פֿון וואָלניי האבען מיר איבערגעלאזען גענוג געלד, זא דאס איך

האב געקענט בעפֿריעדיגען אלע מיינע ווינשע און איך האב מיך ענטשלאסען צו מאכען אַ רייזע אין אריענט.

איך האב בערייזט דיא טירקיי איך בין געוועזן אין דער טירקישען פראווינץ מארעא.—היינט הייסט עס גריכענלאנד.—איך האב איינינע צייט צו געבראכט אין עגיפטען. דעם אלטען מצרים, וואו איך האב געזעהן דיא פיראמידען.

איין אנדענקען פֿון גרויסע און מעכטיגע קעניגע, וואס האבען אמאל בעהערשט דיא גאנצע וועלט: דארט האב איך געזעהן דיא ערטער. וואו עס זיינען געשטאנען דיא גרויסע און בעריהמטע שטעדט: טהעבען, מעמפיס, טאנים, רעמסס און דיא רואינען, דיא חורבות, וואס איז פֿון זיי געבליבען, פֿון עגיפטען בין איך געפֿאהרען מיט אַ קאראוואנע קיין סיריען. איך האב געוואלט זעהן אלע לענדער און אלע שטעדט, וואס זיינען דערמאנט אין דיא אלטע ביכער פֿון דער וועלט געשיכטע איך בין אנגעקומען קיין העמס, אַ קליין טירקיש שטעדטעל אין דיא בערג לבנון. וואו איך האב מיך געוואלט אויס רוהען עטליכע טעג. אַ טאָג רייזע פֿון העמס געפֿונען זיך דיא רואינען. דיא חורבות, פֿון דער שטאדט פאלמירא, וואס איז אמאל געוועזן אזוי גרויס, אזוי רייך און אַזוי בעריהמט אין דער גאנצער אלטער וועלט, וויא דיא שטאדט פאריז איז בעריהמט אין אונזערע צייטען.

איך האב מיך ענטשלאסען צו בעזוכען דיזע וועלט בעריהמטע רואינען אליין מיט מיין דיענער, ווארים דיא קאראוואנע האט ניט געוואלט ווארטען אויף מיר ווייל דיא רואינען ליגען ניט אויף זייער וועג, איך בין געגאנגען אַ גאנצען טאָג, דעם אנדערן טאָג אין דער פֿריה האב איך דערזעהען דיא רואינען.

אין אַ גרויסען ברייטען טאהל זיינען געשטאנען לאנגע שורות פֿון ווייסע, שעהן פֿארציערטע, קינסטלעריש געשניצטע, מארמארנע זיילען, וואס האבען געבילדעט לאנגע גאסען און ברייטע עוועניוס, צווישען דיא זיילען זיינען געשטאנען גרויסארטיגע פאלאצען: איינינע נאך גאנץ און פֿעסט, גלייך וויא דיא איינוואוינער וואלטען ערשט ניט לאנג זיך ארויסגעצויגען פֿון זיי, אַנדערע אהן דעכער, אבער דיא ווענט, דיא טיהרען און דיא פֿענסטער זיינען נאך געוועזן גאנץ: ווידער אנדערע זיינען שוין אין גאנצען איינגעפֿאלען און מען דערקענט נור דעם אָרט, וואו זיי זיינען געשטאנען, דיא ערד איז געוועזן באדעקט מיט צובראכענע, צושטיקעלטע, צופיצעלטע שטיקער מאַרמאָר פֿון זיילען, פֿון דעכער, פֿון געזימסען פֿון טהירען און פֿענסטער׳

א שרעקליכעס א טרויריגעס בילד!

איך בין געגאנגגען ווייטער און צו געקומען צו איין אָרט, וואס איז ארומגערינגעלט פֿון 4 ווענט און אין דערמיטען איז געשטאַנען אַן אלטאַר א מזבח, דאס איז געווען דער איינגעפֿאלענער, פֿערלאזאנער, פֿערנאַכלעסיגטער טעמפעל פֿון דער זון, צו וועלכער דיא פֿעלקער, וואס האבען דאָרט געוואוינט, האבען אמאל געדיענט, אַפּאָר בעדואינען, אראבער, מיט זייערע קעמלען האבען זיך אבגעשטעלט אברוהען אין דעם טעמפעל פֿון דעם גרויסען גאט—דיא זון, צו וועלכען אין דיא גלענצענדע צייטען האט קיין פֿרעמדער ניט געטארט צוגעהן, דיא היטץ איז געווען שטארק און איך האב מיך אויך געלעגט אברוהען אין דעם שאטען פֿון דעם היילינען מזבח.

דיזע שרעקליך גרויסארטיגיַס בילד האט מיך אזוי אינטערעסירט, עס איז ביי מיר געבליבען צו בלייבען דאָ אַפּאר טעג אום צו קענען גוט בעטראכטען דיזע וואונדערבארע רואינען,

פֿארנאַכט בין איך ארויפֿגעגאנגען אויף אַ באַרג ניט ווייט פֿון דיא רואינען אום איך זאל קענען בעסער בעטראַכטען, וויא גרויס דיא שטאדט איז אמאל געווען און וואס פֿאר אַ רייכע, שעהנע שלעסער און פאלאצען זיינען אין איהר געווען.

דיא לופֿט איז געווען ריין און קלאר, דער הימעל—בלוי און דורכזיכטיג און פֿון דעם אָרט, וואו איך בין געשטאנען, האב איך געקענט איבער זעהען אַ ווייטע שטרעקע לאנד, אבער וואס האב איך געזעהען? וא וווייט מיין אויג האט געקענט גרייכען האב איך געזעהן נור חורבות,— צו בראכענע ווילען, איינגעפֿאַלענע פאלאצען, צושטערטע טעמפעל, צו טרימערטע שלעסער, צו ווארפֿענע שטיינער, צו ברעקעלטע מאָנומענטען, צו פיצעלטע דעכער,--דאס באגרעבנים פלאץ פֿון אַ ריעזען וועלט, דיא קברים פֿון א וועלט שטאָדט, ארום און ארום האט געהערשט אשרעקליכע שטילקייט, מען האט ניט געהערט קיין שאָרך קיין פיפס: אַלעס איז געווען שטיל, טויט, אויס געשטארבען, בעגראבען, און פֿערגעסען, איך בין אראפגעגאנגען פֿון׳ם בארג בין צו געגאנגען צו איינעם פֿון דיא ציבראכענע ווילען, האב מיך אַנידער געזעצט אויף אַ שטיק מאַרמאָר און האָב מיך פֿארטראכט.

2 טער קאפיטעל.

דער טרוים.

דאָ—האב איך געזאגט צו מיר אליין—האט אמאל געבליהט אַגרויסע און רייכע שטאדט, דא איז אמאל געוועז דיא הויפשטאדט פֿון אַ מעכטיגעם קעניגרייך, אין דיזע פאלאצען, וואס זיינען יעצט איינגעפאלען און פֿערווילדערט, האבען אמאל געוואונט פֿרעהליכע און גליקליכע מענשען: אין דיזע גאסען, וואס זיינען יעצט אזוי שטיל און אזוי פֿאַרוויסטעט, זיינען אמאל ארומגעגאנגען בעשעפֿטיגטע מענשען און האבען גערעדט, געלאכט, געפלוידערט און געשריען: אין דיזע ווענט אין וועלכע עס הערשט יעצט דיא שטילקייט פֿון׳ם טויט! פֿלעגט מען אמאל הערען דעם רעש פֿון ארבייט און בעשעפֿטיגונג, די שטימע פֿון פֿרייד און דאס פֿרעהליכע געלעכטער פֿון פֿאַרגניגען, דיזע צובראכענע זיילען זיינען געוועז אַ ציערונג פֿון פאלאַצען, פֿון טעמפעל און פֿון שטאאטס-געביידען׳ אין דיזע צובראכענע און איינגעבויגענע גאלעריען פֿלעגען זיך אמאל פֿערזאמלען מאַסען מענשען אום צו דיענען זייער גאט, דא פֿלעגט דיא ארבייט און דער האנדעל בליהען און דיא טייערע סחורות פֿון אינדיען פֿלעגט מען פֿארבייטען פֿאר דיא פארפֿיומען פֿון אראביען, דיא טייערע דעקען פֿון קאַשמיר פֿלעגט מען אומטוישען פֿאר דיא נאך טייערערע קליידער פֿון לידיען, דעם בערשטין פֿון דעם באלטישען מעער פֿלעגט מען אוועקגעבען פֿאר דיא פערל פֿון ציילאָן, דאס גאלד פֿון אופיר פֿאר דעם צין פֿון שפאַניען.

און זעה, וואס איז געווארען פֿון דיזער רייכער און שעהנער שטאדט? א וויסטעניי!

טרוקענעביינער פֿון א לייכע! בעטראכט, וואס איז געבליבען פֿון דיזעם קעניגרייך? נור אַ גאנץ שוואכעס אנדענקען! וואו עס האט אמאהל גערוישט און געליארמט, הערשט יעצט שווייגען, און טויט, אין

דיא פרעהליכע רווישענדע גאסען ליעגען יעצט שטיל צובראכענע שטיינער, אין דיא פאלאצען פון קעניגע קריעכען ארום שלאנגען און ענדישען, אין דיא טעמפלען פון דיא געטער רוהען זיך אב ארימע, שמוציגע אראבער מיט זייערע קעמלעך, אין דעם קדשי-קדשים פון דיא גרויסע געטער האלטען זיך אויף שפינען און פרעש! אנשטאט רייכקייט און גלאנץ געפינט מען פערוויסטונג, און א שרעקליכע ארימקייט, וואו איז דאס גרויסע פאלק פארשוואונדען געווארען? וויא אזוי איז אזא שעהנע און גרויסע שטאדט פערוויסטעט געווארען? וויא אזוי איז דיא ארבייט פון טויזענדער מענשען פערניכטעט געווארען? אה! אזוי, פערשווינדען פעלקער און קעניגרייכע! אזוי געהן אונטער נאציאנען מיט זייער מיה, זייער פלייס און זייער גרויסקייט!

איך האב אנגעהויבען נאכצודענקען איבער דיא געשיכטע פון דיא אלטע צייטען: איך האָב מיך אנגעהויבען צו דערמאנען אן דיא גליקליכע יאהרען, ווען אין דיזע לענדער האבען געלעבט און געבליהעט גרויסע, מעכטיגע פעלקער, בעריהמטע נאציאנען איך האב מיר פארגעשטעלט דיא שטאלצע אסיריער, (אשור), אויף דיא ברעגעס פון'ם טייך טיגרים (חדקל), דיא רייכע כאלדעער (כשדים) אויפ'ן טייך אייפראט (פרת), דיא פערזער, וואס האבען געהערשט איבער 120 פראווינצען פון הודו ביז כוש, איך האב אנגעהויבען איבער צו צעהלען דיא קעניגרייכע פון דמשק, אדום, יהודה, שומרון, מואב, עמון, דיא קריעגערישע פלישתים, דיא סוחרים פון צור און צידון, דאס סיריען דאס לאנד, וואס איז יעצט אזוי ויסט, אזוי פינסטער, אזוי פארנאכלעסיגט, אזוי ארים אין מענשען, איז אמאל געוועזן א בעריהמט לאנד, וואו הונדערטער גרויסע שטעדט, טויזענדער שטעדטלעך און דערפער האבען געבליהט און אומעטום האט מען געזעהן רייכע פעלדער פערזייעט מיט אלערליי תבואות, שעהנע, וויינגערטנער, גרויסע גערטנער מיט הייכע ביימער באדעקט מיט פרוכטען, וואו איז דאס אלעס אהינגעקומען? וואוהין זיינען פערשוואונדען אלע דיזע שעפּפונגען פון'ם מענשליכען פערשטאנד און פון מענשליכער ארבייט? וואו זיינען אהינגעקומען דיא פעסטונגען פון נינוה, דיא מויערן פון בבל, דיא פאלאצען פון פערזעפאלים, דיא טעמפעל פון בעלבעק דער בית המקדש פון ירושלים? וואו זיינען אהינגעקומען דיא מאגאזינען און וואַרענלאגער פון ערד? וואו זיינען פערשוואונדען דיא הערדען (טשערעדעס) פון בשן, דאס רייכקייט פון גלעד? דיא מאטראזען, דיא סוחרים, דיא סאלדאטען פון אלע דיא רייכע שטעדט,

וואס זיינען געשטאנען ביים מיטעללענדישען מעער אדער הים הגדול. וויא דיא ביבעל רופט איהם ? וואו איז דיא רייכקייט, דאס פרעהליכקייט, דאס לעבען, וואס איז געוועזען אין דיזע לענדער, פון וועלכע מיר לעזען אין דיא אלטע ביכער ?

אך וועה ! איך האב בערייזט דיזע לענדער, זיי זיינען ליידיג און פערוויסטעס איך האב בעזוכט אלע דיזע פאלאצען, אלע דיזע טעמפעל און האב זיי געפונען צערשטערט, איינגעפאלען, איינזאם, פערנאכלעסיגט פערניכטעט—רואינען ! איך האב געזוכט דיא אלטע איינוואינער, זייערע ווערק, זייער ארבייט און האב געפונען פון זיי נור א שפור, אזוי וויא דיא שפור, וואס דער רייזענדער לאזט איבער אויפין זאמד פון דעם מדבר, דיא פאלאצען זיינען איינגעפאלען, דיא שטעדט צערשטערט. דיא טעמפעל צובראכען. פערברענט. פערניכטעט. און דאס גאנצע לאנד—א גרויסער בעערדיגונגס פלאץ.

גאט אין הימעל ! פון וואנען קומט עס ? ווער האט עס געטאהן ? ווער האט דיא גרויסע און שעהנע שטעדט צערשטערט? ווער האט דיא גרויסע פעלקער פערניכטעט ?

איך האב געטראכט און געקלערט און האב גאר ניט געקענט אויסטראכטען, גאר ניט געקענט בעקלערען.

נאך מעהר,—האב איך ווייטער געטראכט—דעמאלט, ווען דיזע פעלקער זיינען געוועזען גרויס, רייך און מעכטיג. זיינען זיי געוועזען געצען דיענער, זיי האבען ניט געגלויבט אין דעם אמת'ן גאט (?) זיי האבען זיך געביקט צו העלצער און קלעצער, דיא פלשתים פלעגען אפפערן זייערע קינדער צום אבגאט מולך. דיא כשדים פלעגען זיך בוקען צו א שלאנג, בל. וועלכער וויא זיי האבען געגלויבט, פיהרט פאר זיי קריעג, נעמט אב שטעדט, בעצווינגט קעניגע און גיט זיי אוועק דאס רייכקייט פון אנדערע פעלקער.

דיא פערזער, (פרס ומדי) וואס האבען געהערשט פון הודו ביז כוש, האבען געדיענט צום פייער, צו דער זון און דיא שטערן.

רייכע שטעדט, שעהנע בליהענדע פעלדער, גאנצע הערדען, (טשערעדעס) פון שאף רינדער און קעמלען, גאלד, זילבער דיעמענטען און ברילאנטען און נאך אזעלכע זאכען. מיט וועלכע דער פרומער, דער גאטס פארכטיגער דארף זיין בעלוינט, האבען גאר געהאט דיזע געצענדיענער, דיזע אונגלויביגע, דיזע רשעים וואס האבען געמאכט אשטיק האלץ פאר א גאט, היינט אבער אז אין דיזע לענדער וואוינען הייליגע מענער, וואס זיינען גוט און פרום, פאסטען און בעטען טאג און נאכט דעם „אמת'ן גאט" אדער זיין „אייגענעם"

זין, אָדער זיין „אמת'ן" נביא, זיינען די לענדער וויסט פינסטער און ליידיג פאַר דיזע הייליגע און פרומע מענשען וואַקסען נור דערנער און שטיינער איוף ריזועלבע פעלדער.

דער מענש אַרבייט מיט'ן שוויים פון זיין פנים און האָט דערפון נור טרערין און צרות, הונגער, קראַנקהייטען, מלחמות ברייגגען איהם מיט יעדען טאָג נייע ליידען, נייע נויט.

און דערנאָך זיינען דאָך דיזע קריסטען, דיזע אידען. דיזע מאַחמעדאַנער דיא אויסגעוועהלטע פעלקער פון'ם אמת'ן גאָט, וואָס האָט בעוויזען פון וויערט וועגען גרויסע וואונדער און האָט געשוואָרען צו זייערע עלטערן אַז ער וועט זיי לאָזען ערבען זיין הייליג לאַנד, פאַר וואָס, אלזא, זאָלען דיזע פרומע, פון גאָט, געליבטע פעלקער ניט געניסען דאָס גליק, וואָס דיא פריערדיגע פעלקער, דיא רשעים, האָבען גענאָסען? פאַר וואָס זאָלען דיזע פעלדער, וואָס זיינען געטרענקט מיט'ן בלוט פון דיא מאַרטירער, פון דיא קדשים, וואָס זיינען דערהערגעט געוואָרען על קידוש השם, ניט זיין אַזוי פרוכטבאַר, אַזוי בליהענד, וויא פריהער? פאַר וואָס איז דיא רייכקייט, דאָס פאַרמעגען. דאָס פרעהליכקייט און דאָס גליק איבער געגאַנגען אין אַנדערע לענדער, און אַנדערע געגענדען. צו אַנדערע פעלקער?

ביי דיזע ווערטער האָב איך מיך דערמאָנט אָן מיין היימאַט אָן דעם ליעבען פראַנקרייך מיט איהר שעהנע שטעדט. מיט איהרע רייכע דערפער בליהענדע פעלדער און ליארמענדע פאַבריקען: איך האָב פערגליכען דאָס איצטיגע פראַנקרייך מיט איהר וועלט האַנדעל, מיט איהרע פיעלע שיפען, מיט איהרע גרויסע פאַלאַצען, רייכע קירכען מיט איהרע פלייסיגע איינוואינער, מיט דעם אַלטען עגיפטען און סיריען.

און איך בין געווען העכסט דערפרייט צו געפינען אַז פראַנקרייך האָט זיי ווייט, ווייט איבערגעיאָגט.

אָבער איין בליק אויף דיא רואינען האָט מיר פאַרשטערט מיין שמחה, וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד אַז פעלקער און לענדער בליהען און פאַרגעהען, ווערען גרויס און פערשווינדען, היינט ווער וויים אויב אונזער בליעהנדע אייראָפאַ וועט ניט זיין אַמאָל אַזוי וויסט, וויא יעצט אַזיען? ווער וויים, אויב אַרייזענדער וויא איך, וועט ניט אין עטליכע הונדערט יאָהר שפעטער זיצען טרויעריג וויא איך אויף דיא חורבות פון פאַריז און לאָנדאָן? ווער וויאויב דיא לעבעדיגע אוז פרעהליכע ברעגעס פון דער סיינע (אין פאַריז) פון דער טעמזע (אין ענגלאַנד) פון דער זידערזעע (אין

האָלאַנד) ווערלען אַמאָל ניט אזוי וויסט, אַזוי לעדיג, אַזוי צערשטערט, וויא סיריען וויא פּאַלמיראַ, וואו איך זיץ יעצט ?

עס האָט מיר פאַרקלעמט דאָס האַרץ און מיינע אויגען זיינען פֿול געוואָרען מיט טרערין, איך האָב מיך איינגעוויקעלט אין מיין מאַנטעל און האָב מיך פאַרטראַכט איבער דאָס שיקזאַל פֿון׳ם מענשען.

אונגליקליכער מענש ! האָב איך געטראַכט—אַלעס וואָס דוא טוהסט און מאַכסט, איז אַ שפּיעלעכען פֿון דעם צופֿאַל : היינט בליהט פֿראַנקרייך מאָרגען וועט בליהען בבל : היינט איז פּאַריז דיא גרעסטע און שעהנסטע שטאָדט אין דער וועלט, מאָרגען וועט עס זיין צפּת ! אָבער, ניין !

דאָס קען ניט זיין ! דאָס האָט געוויס אַ גאָט געטאָהן ! ער האָט פֿאַרשאָלטען דיזעס לאַנד פֿאַר דיא זינד פֿון דיא מענשען ! ווער קען דאָן פֿערשטעהן דיא וועגען און דיא פּלאַנען פֿון דעם אַלמעכטיגען ? איך האָב מיך שטאַרק פֿאַרטראַכט און בין איינגעשלומערט געוואָרען.

3 טער קאפיטעל.

דיא ערשיינונג.

איך ווייס ניט וויא לאַנג איך האָב געשלאָפֿען. איך ווייס ניט אויב איך האָב גאָר געשלאָפֿען אָדער איך האָב נור געטרוימט, פלוצלינג האָב דערהערט אַ גערויש, וויא דאָס רוישען פֿון לאַנגע קליידער אָדער וויא דאָס זומען פֿון לאַנגזאַמע שריט אויף טרוקענעם גראָז.

איך האב צונומען מיין מאַנטעל און האָב מיך אומגעקוקט, דיא לבנה האָט געשיינט דורך דיא צובראָכענע זיילען און איהרע שטראַהלען האָבען געציטערט איבער דיא צו וואָרפֿענע שטיינער, פֿון אונטער אַ גרויסען שטיין האָט זיך אויפֿגעהויבען אַ געשטאַלט׳ אַ גייסט, בלייך, וויא דער ווייסער מאַרמאָר, אין לאַנגע ווייסע קליידער, פונקט אַזוי וויא מען האָט מיר דערצעהלט, ווען איך בין געוועזען אַ קינד אַז דיא מתים געהן אַרוים ביי נאַכט פֿון זייערע נאַסע קברים, איך האָב מיך שטאַרק דערשראָקען מיינע האָר האָבען זיך מיר געשטעלט קאַפויר, איך האָב געציטערט, וויא פֿון אַ פֿיעבער, עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, איך האָב ניט געוואוסט, וואָס צו טאָהן: זאָל איך בלייבען זיצען, זאָל איך אַנטלויפֿען אָדער זאָל איך צו געהן נעהענטער און זיך צו קוקען צו דער ערשיינונג, אָבער אין דער זעלבען צייט האָב איך דערהערט אַ קלאָרע, דייטליכע, פֿייערליכע שטימע:

וויא לאַנג וועט דער מענש בעלאַסטען גאָט מיט זיינע קלאַגען? וויא לאַנג וועט דער שטערבליכער בעשולדיגען דעם צופֿאַל און זאָגען, אַז דער בלינדער צופֿאַל איז דיא אורזאַכע פֿון אַלע זיינע ליידען? וועט דער מענש שטענדיג פֿאַרמאַכען זיינע אויגען און ניט וועלען זעהן דיא ליכטיגקייט? וועט ער אייביג פֿאַרשליעסען זיין האַרץ און ניט פֿאַרשטעהן דיא וואַרהייט? דיא ליכטינקייט שטעכט איהם דיא אויגען און ער זעהט זיא ניט! דיא

שטימע פֿון דער ווארהייט דרינגט איהם אין דיא אויערן און ער הערט זיא ניט ! אונגערעכטער אונפֿערנונפֿטיגער מענש ! ווען דוא זאָלסט קענען ווענינגסטענס אויף איינינע מינוט עפֿענען דיינע אויגען : ווען דוא זאָלסט קענען אויף איינינע מינוט אראָפּ ווארפֿען דעם צויבער, וואָס פֿארבלענדעט דיינע אויגען און פֿערשטיינערט דיינע זינען, וואָלסט דוא אויפֿגעהערט רופֿען צו גאָט אָדער בעשולדיגען דעם צו פֿאַל !

פֿרעגט דיזע רואינען ! הערט נור, וואָס דיזע איינגעפֿאַלענע פּאַלאַצען, דיזע צערשטערטע טעמפּלען זאָגען אייך ! פֿאַרשטעהט דיא לעקציאָן, וואָס דיזע צובראָכענע וויילען. דיזע צו-וואָרפֿענע שטיינער לערנען אייך ! און איהר שטילע קברים ! איהר הייליגע חורבות ! איהר אַלטע, איינגעפֿאַלענע ווענט ! קומט און זאָגט דיא מענשען דיא ווארהייט ! ערשיינט פֿאַר דעם ריכטער-שטול פֿון דעם פֿערשטאַנד און שרייט געגען דיא אונגערעכטע בעשולדיגונגען פֿון דיא נארישע מענשען ! שטייט אויף, איהר שטיינער ! הייבט אייך אויף, איהר צובראָכענע און צושטאָכענע הייזער ! ווייזט, וויא דער מענש איז פֿאַרפֿיהרט דורך פֿאַלשע פֿילאָזאָפֿיע אָדער דורך בעטריגער און צבועיאַקעס !

וואס איז דער בלינדער צופֿאַלל, וועלכער שפּיעלט זיך מיט דעם מענשען אהן אַ שום אָרדנונג ? וואָס איז דאָס שיקזאַל, וואָס פֿאַרניכטעט דיא ווערק פֿון דיא מענשען ? וואָס איז דיא קללה, וואָס גאָט האָט פֿארשאָלטען דיזעס לאַנד ? ליעגט דען דיא קללה אויף דיזע פֿעלדער ? זאָגט, איהר שטיינער ! איהר מאָנומענטע פֿון פֿאַרגאַנגענע יאָהר הונדערטע !

האָט דער הימעל, זייט איהר געדענקט, געענדערט זיינע געזעצע ? האָט דיא ערד אויף געהערט זיך צו דרעהען אַרום דער זון ? איז דיא זון אויסגעלאָשען און ווארימט ניט מעהר דיא ערד ? געהן פֿון דיא ימים ניט מעהר אַרויף דיא וואָלקענס ? הייגנט דער רעגען און דער טהוי אין דער לופֿט און פֿאַלען ניט אראָפּ צו דער ערד ? זיינען דיא טייכען אויסגעטריקענט געוואָרען ? טראָגען דיא בוימער קיינע פֿרוכטען מעהר ? ענטפֿערט איהר דומע, אונוויסענדע מענשען ! האָט גאָט געענדערט דיא געזעצע פֿון דער נאַטור ? קען ער זיי ענדערן ? וויל דער הימעל מעהר ניט געבען דער ערד, וויל דיא ערד מעהר ניט געבען דיא ברכות וואָס זיי האָבען איהם מיט טויזענד יאָהר צוריק געגעבען ? ווען אַלזאָ, קיין זאַך האָט זיך ניט געענדערט : ווען אַלעס איז יעצט דאָס זעלבע וואָס איז געוועזען פֿריהער, פֿאַר וואָס זיינען דיזע לענדער ניט דיא זעלבע, וואָס זיינען געוועזען פֿריהער ? אומזיסט שרייט איהר צו גאָט אָדער בעשולדיגט דעם צופֿאַל !

איהר זייט דומקעפּפֿע, ווען איהר גלויבט אַז גאָט פֿלוכט און שילט,

וויא אַ מאַרק אידענע ! זאָגט, איהר פֿערדאָרבענע גאָט שווינדלער ! האָט גאָט צערשטערט און פֿאַרוויסטעט דיזע שטאָדט ? האָט זיין האַנד אומגעוואָרפֿען דיזע ווענד, צו בראָכען דיזע זיילען, פֿאַרברענט דיזע טעמפעל, פֿערניכטעט דיזע פּאַלאַצען, אָדער האָבען עס מענשען געטאָהן ?

איז גאָט געקומען מיט אַ שווערד אין דער האַנד אין דיזע שטאָדט און האָט געטייטעט איהרע איינוואָינער צוטרעטען דיא פֿעלדער, פֿאַרברענט דיא תבואות און אויסגעריסען דיא ביימער אָדער האָבען עס מענשען געטאָהן ? און אַז מען האָט צוטרעטען דיא פֿעלדער, פֿאַרברענט דיא תבואות און עס איז געוואָרען אַ הונגער, האָט גאָט געמאַכט דעם הונגער ? האָט ער זיך נוקם געוועזען און דיא מענשען פֿאַר זייערע זינד, אָדער האָבען זיך דיא מענשען נוקם געוועזען איינער אין דעם אַנדערן ? און אַז עס איז געוואָרען אַ הונגער און מענשען האָבען גענעסען שלעכטע, פֿאַרדאָרבענע שפּייזען און דאַדורך זיינען אויס געבראָכען אַלערליי קראַנקהייטען און מענשען זיינען געפֿאַלען, וויא פֿליעגען, האָט עס גאָט געטאָהן ?

האָט עס דער בלינדער צופֿאַל געטאָהן ?

ווען קריג, הונגער און קראַנקהייטען האָבען פֿאַרניכטעט דיא פֿעלקער וואָס האָבען דאָ געוואָונט, האָט עס גאָט געטאָהן ? אָדער דיא שלעכטיגקייט, דיא פֿערדאָרבענהייט פֿון דיא מענשען האָבען עס געטאָהן ? האָט גאָט, זינט ער לעבט (?) האָטש איין מאָל אַוועק גערויבט ביים בויער זיינע תבואות, ביים פּאַסטוך זיינע לעמער, ביים סוחר זיינע סחורות, אָדער האָבען עס דיא קעניגע און דיא הערשער געטאָהן ? האָט גאָט זיך אַמאָל געפֿיהלט בעליידיגט און געפֿיהרט קריעג און געטייטעט טויזענדער מענשען, אָדער האָבען עס קעניגע און זייערע מיניסטאָרען געטאָהן ? זיינען גאַנצע פֿאַמיליען אונגליקליך געוואָרען דער פֿאַר, וואָס גאָט האָט גענומען בעשטעכונג (חאַביאָר) אָדער האָבען ריכטער און גייסטליכע עס געטאָהן ? ווערט גאָט רייך פֿון׳ם שווייס און בלוט פֿון מיליאָנען אַרבייטער, אָדער דיא מענשען ווערען דערפֿון רייך ?

ווען איהר מענשען, זיינט אונגליקליך און עלענד און זעהט ניט דיא מיטעל, וויא אזוי זיך צו העלפען, איז גאָט שולדיג ! זאל אייך גאט העלפען ! קען אייך גאט העלפען ! הערט אויף, אלזא, זיך צו בעקלאגען אויף גאט ! הערט אויף צו יאמערן, אז דאס שיקזאל פערפאלגט אייך ! ניין ! ניט דאס שיקזאל שפיעלט זיך מיט דעם מענשען און מאכט איהם אמאל גליקליך און אמאל אונגליקליך ! ניט גאט שילט און פלוכט, וויא א מארק אידענע און טוהט דעם מענשען גוטעס אדער שלעכטעס ! ניט גאט ! דיא אורזאכען פון דעם מענשענס לײדען זיינען ניט אין הימעל, זאנדערן אויף

דער ערד : דיא קוועלען פון זיין גליק און אונגליק ליעגען אין איהם נ.ט אויסער איהם : ער טראגט זיינע פריידען, זיינע ליידען, זיין גליק, זיין אונגליק, אין זיין קאפ, אין זיין הארץ, אין זיינע געדאנקען, אין זיינע געפיהלען.

דוא בעקלאגסט זיך : שטייטש ! דיא אונגלייביגע פעלקער, וואס האבען געדיענט צו שטיינער און ביינער, זיינען געוועןן רייך און גליקליך, און דיא פרומע און הייליגע פעלקער ליידען מאנגעל און נויט ! נארישער מענש ! וואס פארשטייסט דוא דא נים ! וואס איז דיר אזא וואונדער ! וואס איז דיר אזא קשיא ! נעהם דוא דיא וואגשאל פון גערעכטיגקייט אין דיינע הענד ! נעהם דיא וואגשאל פון בעלוינונג און בעשטראפונג, בעטראכט דיא אורזאכען און דיא פאלגען און אורטהייל אליין ! זיי דוא דער ריכטער פון דער וועלט און ריכטע ! ווען דיא אונגלייביגע פעלקער, דיא רשעים, האבען אבגעהיט דיא געזעצע פון דער נאטור, האבען געאקערט און געזייעט, האבען אבגעהיט דיא צייטען, ווען צו בעארבייטען דיא פעלדער, זאל גאט ענדערן דיא נאטור און זאל זיי קיין תבואת נים געבען ? קען עס גאט טאהן ?

ווען מענשען האבען געארבייט מיט'ן שוויס פון זייער אנגעזיכט, האבען זיך געמיהעט און געפלאגט און בעארבייט זייערע פעלדער, קען גאט אויפהאלטען דעם רעגען און דעם טהוי ? קען גאט לאזען וואקסען דערנער אנשטאט ווייץ ? ווען דיא רשעים האבען געגראבען קאנאלען און האבען בעוואסערט דיא מדבריות : ווען זיי האבען פון ווייטע ערטער אריין געפיהרט וואסער אויף א זאמדיגע וויסטע, אז זיא זאל טראגען פרוכטען, קען גאט אויסטריקענען דיא וואסערן און פערניכטען זייער ארבייט ?

דוא יאמערסט, אז יענע פעלקער זיינען געוועזן געצענדינער, זיינען געוועזן נים פרום, זיינען געוועזן זינדיג, הייסט דאס נים פרום הייסט דאס זינדיג, אי זיי—האבען געבויט שטעדט, געגרינדעט גרויסע פארטען, באדעקט דעם ים מיט שיפען, אויסגעטריקענט בלאטעס און האבען געמאכט אלעס זאל לעבען און געניעסען ? הייסט דאס זינדיג זיין ? ווען דאס הייסט געצענדריענסט און זינדיג, וואס הייסט שוין פרום זיין ?

באשטעהט דיא פרומקייט און הייליגקייט אין פערניכטונג, און נערשטערונג ? קען גאט פאדערען, אז מען זאל צערשטערען הען מען איהם דיענען דאדורך, וואס מען פארברענט און פערניכטעט ? קען דען א גאט, (אפילו ווען ער זאל שוין זיין) פארדערן קרעכצען אלעס אפפער ? קען ער פערלאנגען אז מערדער זאלען זיין זיינע פריסטער, רוצחים זיינע דיענער און בלוט זיינער זיינע טרייע קנעכט ? בעטראכט איהר הייליגע פעלקער ! איהר פרומע גלויבינער אין גאט ! דאס איז אייער ווערק ! דאס האט איהר געטאהן ,

איהר פֿרומע, האָט געטייטעט דיא פֿעלקער פֿון דיזער געגענד! איהר־היילינע, האָט צערשטערט דיזע טעמפעל, דיזע פאלאַצען! און איהר פֿאָרערט נאָך א בעלוינונג? דאָס איז אייער אונגליק! אונוויסענהייט, דומהייט און ווילדהייט זאָגען: אַלעס איז אַ צופֿאַל! דער שיקזאַל מאַכט איינעם גליקליך און דעם אַנדערן אונגליקליך!"

דיא רויבזוכט זאָגט: איך וועל אונטערדריקען דעם שוואַכען, איך וועל פרעסען דעם אָרימען און איך וועל זאָגען גאָט האָט אַזוי געהייסען, מענשען רויבען, פלינדערן, מאָרדען, טויטען, ברענען און פֿערניכטען און זאָגען, גאָט האָט אַזוי געהייסען! גאָט האָט דאָס לאַנד פֿערשאָלטען! דומע, אונוויסענרע מענשען!

4־טער קאפיטעל.

וואס דער גייסט האט מיר געוויזען.

איך האָב מיך בערוהיגט און האָב אויסגעהערט אַלעס, וואָס דער גייסט האָט מיר געזאָגט, זיינע ווערטער זיינען מיר אַריין טיעף אין האַרצען: זיי האָבען דערוועקט אין מיר טויזענדער געדאַנקען, טויזענדער בעטראַכטונגען און פאָרשונגען, איך האָב איבערגעקייט זיין רעדע, איך האָב איבערגעקלערט זיינע ווערטער, איך האָב מיך בעמיהעט צו פֿערשטעהן יעדעס וואָרט, יעדע פֿראַגע, יעדען שפּרוך, וואָס ער האָט אַרויסגערערט, יעדע פֿראַגע וואָס ער האָט געשטעלט, ענדליך האָב איך געפּאַסט מוטה און האָב איהם געזאָגט:

— אָה, גייסט פֿון דיזע חורבות! הייליגער לעהרער פֿון דיזע קברים, און פֿון דיזע רואינען! דוא זעהסט וויא דיא מענשען זיינען בלינד! דוא פֿער־שטעהסט, וויא דום, וויא אונוויסענד, וויא שלעכט זיי זיינען און דו פֿער־אַכטעסט זיי! דוא האַלסט זיי פֿאַר אונווירדיג זיי אויפֿצוקלערען!

אָה, גייסט! דוא זאָלסט וויסען וויא איך זוך דיא וואַהרהייט! וויא איך פֿאָרש, קלער, טראַכט און שט־עב צו געפֿינען דיא וואַהרהייט! דוא זאָלסט קענען לעזען אין מיין האַרץ, וויא זיא ציטערט פֿון דעם וואונש צו בעגרייפֿען, צו פֿאַרשטעהן די וואַהרהייט און זיא ערקלערען דיא מענשען, וואָלסט דוא מיך געוויס געלערענט, וואָלסט דוא מיר געוויס געגעבען צו פֿערשטעהן דיא סודות פֿון דיזע רואינען, דיא לעהרען פֿון דיזע קברים, די געהיימניסע וואָס זיינען באַדעקט מיט דיזע צובראָכענע, צופּיצעלטע שטיינער!

איך האָב בערייזט דיא וועלט, איך האָב יאָהרען לאַנג פֿערבראַכט אין פּאַלאַצען און קעניגליכע שלעסער: איך האָב געזעהן, וויא מענשען לעבען אין שמוציגע איינגעפֿאַלענע שטיבלאך: איך האָב בעטראַכט וויא דיא מענשען לעבען, וויא זיי געגעהרען זיך, ווי זיי פֿרעהען זיך און וויא

זיי ליידען: וועלכע פֿארגניגען זיי האָבען און וואָס פֿאַר אַ צרות זיי טראָגען איבער: איך האָב אַלעס געזעהן, אַלעס געהערט, אַלעס שטודירט — און וואָס האָב איך אויסגעפֿונען? פֿון איין זייט, האָב איך געזעהן די קעניגע, דיא פֿירסטען, דיא רייכע, וואָס פרעסען, קוועטשען, דריקען פלאָגען און קוועלען דיא אָרימע און דיא אונגליקליכע: זיי האָבען אַלעס, וואָס זייער האַרץ געלוסט, זיי האָבען אַלע מינים פֿערגניגען און זיינען ניט צו־פֿריעדען, זיי זוכען אלץ נייע פֿערגניגונגען. זייער גייסט, זייער פֿערשטאַנד, זייער שכל ווערט אָבער פֿערפֿינסטערט, פֿערגרעבט, פֿערטהיערט, פערשטיי־נערט, זיי האָבען צופֿיעל און פֿערלאַנגען נאָך מעהר, וויא קענען זיי דענקען פֿון דער מענשהייט? וואָס געהט זיי אָן דיא מענשהייט? פֿון דער אַנדערער זייט, האָב איך געפֿונען דיא ביטערע אָרימקייט מיט איהרע ליידען, איהרע צרות, איהר נויט, איהרע שווערע זאָרגען, מיט דיא שוואַרצע, טרויעריגע געדאַנקען: „וואָס וועל איך מאָרגען עסען?" וויא קען אַזאַ מענש דיינקען? וויא קען ער טראַכטען און פֿאָרשען, קלערען און זוכען צו פֿערבעסערן זיין לאַגע, אַז שווערע קייטען בינדען איהם? אַז אַ שווערע מאַסע ליעגט אויף איהם און לאָזט איהם ניט אָטהעמען? ווי קען ער האָבען אין זינען דיא מענשהייט?...

איך האָב זיי ביידע בעטראַכט, איך האָב זיי ביידע בעדויערט און האָב מיך דערוויטערט פֿון די מענשען, איך בין אַוועק אין דער וויסטע, איך האָב מיך ענטשלאָסען אויסצוגראָבען פֿון דיא אַלטע רואינען, פֿון דיא אַלטע קברים דעם גייסט פֿון דיא פֿערגאַנגענע דורות, פֿון דיא פֿערפֿלאָסענע יאָהר הונדערטע און איהם פֿרעגען, וואָס זיינען די אורזאַכען, וואָס מאַכען אַז לענדער און פֿעלקער ווערען גרויס און פֿאַלען? פֿון וואַנען קומט עס, וואָס נאַציאָנען זיינען גליקליך, וואַקסען, ווערען מעכטיג און בעריהמט, דערנאָך ווערען זיי פֿערניכטעט און פֿערשווינדען פֿון דער וועלט? איז עס מעגליך, אַז דיא מענשען זאָלען אַמאָל בעסער לעבען וויא זיי לעבען יעצט? זיינען דאָ מיטעל און וועגען, אז די מענשליכע געזעלשאַפֿט זאָל לעבען גליקליך אין פֿריעדען און רוהע? אַז אַלע זאָלען זיין גלייך, אַז אַלע זאָלען לעבען וויא ברידער און דער מענשליכער פֿערשטאַנד זאָל זיך קענען אַלץ מעהר ענטוויקלען? זאָג מיר, גייסט פֿון דיזע רואינען! קען דאָס זיין? און אויב עס קען, לערען מיך, וויא אַזוי קען דאָס זיין, וויא אַזוי קען דאָס געשעהן?

איך האָב געענדיגט מיין רעדע און געוואַרט איניגע מינוט אויף אַן ענטפֿער.

די מענשען קענען לעבען גליקליך, זיי קענען לעבען אין פריעדען און רוהע, — האט דער גייסט געענטפערט, — ווען זיי זאָלען נור זיין גערעכט איינער געגען דעם אנדערן! דאס גליק פון'ם מענשען ליעגט אין גערעכטיגקייט, דאס אונגליק — אין די אונגערעכטיגקייט.

שטערבליכער מענש! אויב דו זוכסט די וואַרהייט, אויב דיינע אויערן קענען נור הערען איהר שטימע, וועל איך ערפילען דיין ביטע און וועל זיא דיר צייגען, איך וועל עפענען דיא קברים פון אַמאָלינע פעלקער און וועל מיט דיר לערנען דיא וויסענשאַפט און די חכמות, וואס ליעגען באַגראָבען דאָ אין דיזע רואינען, אונטער דיזע צובראָכענע שטיינער.

אַ הויך האָט אָנגעריהרט מיין קאָפ, אַ ווייכע האַנד האָט מיך אָנגענומען ביי די האָר.

אַלע מיינע גלידער האָבען אָנגעהויבען צו ציטערן און אַ שטימע האָט מיר געזאָגט:

שטעה אויף, דו שטערבליכער מענש, און וואַרף אַראָפ פון דיר דעם גראָבען שטויב פון דער ערד!

איך וויים ניט, וואס מיט מיר איז געשעהן, אין איין אויגענבליק האָב איך מיך געפיהלט גאַנץ אַנדערש, אַ הימלישער פייער האָט געלייכט אַרום מיר, עס איז מיר געוואָרען וואַרעם אין האַרצען איך האָב מיך געפיהלט אויפגעהויבען אין דערהויך און גלייך ווי איך וואָלט בעקומען פליגעל, האָב איך געשוועבט הויך, הויך איבער דער ערד, איך האָב געעפענט דיא אויגען און דערזעהן פון דערוויטענס אַ גרויסע קוגעל, דיא קוגעל איז געווען פיעל גרעסער פון דער לבנה. אָבער ניט אַזוי העל, ניט ליכטיג און ניט אַזוי שעהן, אויף דער קוגעל האָב איך געזעהן גרויסע פלעקען: ווייסע, גרינע, גרויע און דונקעלע. איך האָב אויפגעריסען אַ פאָר אויגען און האָב געוואָלט זעהן, וואס דאָרט טהוט זיך, וואס דאָרט קומט פאָר, אָבער די קוגעל איז געווען זעהר וויים און איך האָב גאָר ניט געקענט זעהן.

— מענש, וואס זוכט די וואַרהייט! וואס זעהסט דו? האָט מיך דיא שטימע געפרעגט.

— איך זעה אַ גרויסע קוגעל און אייף איהר פלעקען: איך מיין אַז דאס איז דיא לבנה, דיא פלעקען זיינען ימים און יבשה, אָבער דיא לבנה, דאַכט זיך, איז גאָר־ניט אַזוי גרויס.

— דאס איז די ערד, פון וואַנען דו קומסט! דאָ וואוינען דיא מענשען און פלאָגען זיך! — האָט די שטימע געזאָגט.

— דאָס איז דיא ערד, וואו דיא מענשען וואוינען? — האָב איך אויסגערופען, — אָבער איך זעה גאָר ניט, מיינע אויגען זיינען צו שוואַך, זיי קענען אַזוי ווייט ניט זעהן!

אין דער סעקונדע האָב איך געפיהלט, וויא עפּעס האָט מיר אַ וויש געטהאָן איבער די אויגען, גלייך וויא מען וואָלט אַ פאָך געטאָהן מיט אַ טאַשענטוך איבער מיינע אויגען און—מיינע אויגען האָבען זיך מיר געעפענט, זיי זיינען געוואָרען קלאָר און ליכטיג, איך האָב אָנגעהויבען צו דערקענען, וויא דיא הויכע בערג דערהייבען זיך פון די טהאָלען, וויא זיי זיינען באַדעקט מיט אייביגען שנעע: וויא דיא טייכען פליעסען אין ים, וויא דער ים רוישט און שטורמט: איך האָב אָנגעהויבען צו דערקענען דיא גרויסע שטעדט מיט זייערע טורעמס, מיט זייערע הויכע קירכען: איך האָב אָנגעהויבען צו דערקענען, פעלדער און וועלדער, גרינע שטיקער לאַנד און וויסטע געגענדען, באַדעקט מיט זאַמד.

—זעהסט, דוא מענש!—האָט די שטימע מיר געזאָגט,—אָט איז דער גרויסער ים אוקיאַנוס, וואָס רינגעלט אַרום דיא גאַנצע וועלט: אָט ליעגט דער וועלט-טהייל אַפריקאַ, וואו דיא שוואַרצע מענשען וואוינען, אָט ליעגט דאָס גרויסע, ברייטע אַזיען און דאָרט אין צפון זייט ליעגט אייראָפּאַ מיט איהרע גרינע פעלדער און פרעהליכע וועלדער.

— אָה, אונשטערבליכער גייסט! —האָב איך געזאָגט.

דוא זעהסט אַלעס אַזוי שנעל, אַזוי גיך אַזוי געשווינד, אַז איך בין ניט אימשטאַנד דיר נאָך צולויפען, מיינע אויגען זיינען צו שוואַך אַלעס מיט איין מאָל צו בעטראַכטען, פיהר מיר פּאַמעלעך, לערן מיך לאַנגזאַם, וויא מיין שוואַכער קאָפּף קען פערנעהמען, וואו מיינע דונקעלע אויגען קענען זעהן.

אַ האַנד האָט נאָך אַמאָל בעריהרט מיינע אויגען, עס איז מיר געוואָרען ליכטיגער און דער גייסט האָט מיר ווייטער געזאָגט:

— זעה נור, מענש! אָט פליעסט דער גרויסער טייך נילוס! זעהסט דוא דיא הויפען שטיינער, וואָס ליעגען צוואָרפען אויף זיינע ברעגעס פון ביידע זייטען? דאָ האָבען אַמאָל געבליהט גרויסע און רייכע פעלקער! דאָ איז אַמאָל געוועזען דאָס גרויסע קעניגרייך כוש אָדער עטהיאָפּיען, וועלכע איז היינט פערשוואונדען און פערגעסען, אַז מען געדיינקט אפילו ניט זיין נאָמען, דאָס איז געוועזען דאָס ערשטע און גרעסטע פאָלק אויף דער וועלט, זיי האָבען צום ערשטען אויסגעטראַכט אַלע מלאכות און אַלע חכמות, זיי האָבען

דיא ערשטע אויסגעקלערט די רעליגיאָן*) און האָבען דיא ערשטע געמאַכט אַ אונטערשיעד צווישען איין מענשען און דעם אַנדערן: ביי זיי איז צוערשט אויפגעקומען די אידעע, אַז די מענשען זיינען ניט גלייך. אַז איינער איז געבוירען העכער און דער אַנדערער נידעריגער.

בעטראַכט נור דיזע חורבות! דאָ איז אַמאָל געשטאַנען דיא שטאָדט טהעבען, די הויפט שטאָדט פון כוש אָדער עטהיאָפען, זיא האָט געהאַט הונדערט טויערן, אין וועלכע עס פלעגען טעגליך אַריינגעהן און אַרויסגעהן מיליאָנען מענשען, וואָס האָבען אַהער געבראַכט דאָס רייכקייט פון דער וועלט,—דאָ—אין טהעבען—האָבען דיא מענשען צוערשט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דעם גאַנג פון דער זון, פון דער לבנה און פון דיא שטערן, דאָ האָבען זיי צוערשט אָנגעהויבען פערשטעהן דיא קרעפטע פון דער נאַטור.

אָבער—אָנשטאָט זיי צו לערנען זיי צו פאָרשען און צו געפינען, אַז דיא נאַטור האָט אייביגע געזעצע, וואָס ענדערן זיך קיין מאָל ניט: וואָס ניט דער מענש, ניט דיא נאַטור אַליין קענען קיין מאָל ניט איבערמאַכען, ניט איבעראַנדערשען, ניט פערדרעהען און ניט פערבייטען.

האָבען דיא קעניגע, די פריעסטער, און דיא פוילענצער געזאָגט, אַז דאָס זיינען געטער, וואָס פערלאַנגען קרבנות, דאַרפען האָבען מתנות, ווינשען געשענקע און יעדער גאָט שווינדלער קען מאַכען ניסים, בעווייזען מופתים, פון שטעקענס מאַכען לעבעדיגע שלענג, פון רייגעס, קלאָרעס וואַסער מאַכען בלוט.

זעה נור ווייטער! אָט דיא גרויסע הויפען שטיינער וועלכע איהר מענשען רופט „פיראַמירען" טויזענדער, צעהנדלינגע טויזענדער מענשען האָבען זיך געפלאָגט יאָהרען לאַנג, איידער זיי האָבען צוזאַמענגעשטעלט דיזע מאַסען, איידער זיי האָבען צוזאַמענגעשלעפט דיזע גרויסע און שווערע שטיינער: טויזענדער מענשען האָבען זייער לעבען לאַנג געליטען הונגער און דורשט, איידער זיי האָבען אויפגעבויט דיזע געביידען, דיזע קברים פאַר אַ רעמסס, אַ מענפטאַ, אַ סעזאָסטרים און פיעלע אַנדערע: טויזענדער מענשען האָבען געאַרבייט מיט'ן בלוטיגען שוויים, אונטער דער שרעקליכער בייטש פון זייערע אויס-בייטער אום צו מאַכען מאָנומענטען, אייביגע אַנדיינקען פאַר טויגעניכטסען,

* דיא נייעסטע היסטאָריקער בעווייזען, אַז דיא שוואַרצע אַפריקאַנער זיינען געוועזען דיא ערשטע, וואָס האָבען אויסגעטראַכט דיא רעליגיאָן מיט צערעמאָניעס, מיט קרבנות, מיט געבעט, מיט תחנות, מיט בקשות, מיט בעזונדערע דיענער פון דער רעליגיאָן, כהנים און לוים, און מיר ווייסע מענשען, האָבען זיך פון זיי אָבגעלערענט, וויא אַזוי צו דיענען „גאָט".

וואָס מען האָט אפילו ווייער נאָמען פֿערגעסען, וואָס לערנען אונז דיא שטומע שטיינער, דיזע פּיראַמידען?

אַז דיא עגיפּטישע קעניגע, דיא עגיפּטישע פּריעסטער, דיא עגיפּטישע געזעצע, דיא עגיפּטישע קאַפּיטאַליסטען האָבען נור געטראַכט, אַזוי וויא היינטיגע קעניגע, היינטיגע פּריעסטער, היינטיגע קאַפּיטאַליסטען טראַכטען וויא אויסצופּרעסען, אויסצודריקען דעם שוואַכען, דעם אָרעמען, דעם פֿערשקלאַפֿטען, דעם אונגליקליכען!

בעטראַכט נור ווייטער, דאָס דרייעקיגע שטיקעל לאַנד! דאָס איז דיא האַלב אינזעל סיני! דאָס איז דער מדבר סין פֿון דעם תנ"ך, די ליבליכע וויסטע פֿון אייערע געלערנטע, וואָס רופֿען זיך געאָגראַפֿען, בעטראַכט נור דיזע בערג! אָט זיינען די „הייליגע" בערג סיני און חורב. דאָ האָט אין אַלטע צייטען אַ שטאָלצער און טיפֿזיניגער גייסט, אַ דענקענדער קאָפּ און פֿייעריגער ענטהוזיאסט אַרויסגעגעבען געזעצע, וועלכע האָבען מוי־זענדער יאָהרען געפּרעסט, געקוועטשט, און צעררריקט די מענשהייט, ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ פּנים די וועלט וואָלט געהאַט, ווען דיזע געזעצע וואָלטען ניט געווען אָנגעשריבען?

אָבער ווייטער! אָט איז אַ שטיק לאַנד — וויסט, פֿינסטער, נאַקעט, ליידיג, פֿאַרברענט, פֿאַרקוילט פֿון דער הייסער זונן: מען זעהט ניט קיין גרעזעלע, קיין ביימעלע, מען הערט ניט דאָס קול פֿון אַ פֿייגעלע, פֿון אַ חיה'לע — אַ מדבר, אַ וויסטענים! און דאָך האָבען דאָ אַמאָל געבליהט גרויסע און רייכע שטעדט:

צור, צידון, עזה, אשקלון, אשדור, באר־ות (ביירוט), בית שמש (העליאפּאָליס) סעבאַסטאַ, אנטיאכיא און פֿיעלע אַנדערע!

אָבער ווייטער, ווייטער! בעטראַכט נור דאָס שמאָלע שטיקעל לאַנד. קוק זיך צו צו דיזעם פּונקט, — אַן אָרים דערפֿעל, מיט'ן נאָמען נאַזאַרעט, דאָ איז אַמאָל געבוירען געוואָרען אַ קינד ביי אַן אָרימען קאַרפּענטער (טישלער), וועלכער ווען ער איז אויסגעוואַקסען האָט ער געלערנט דיא מענשען, אַז זיי זאָלען ליעב האָבען איינער דעם אַנדערן, ווי ברידער, און אין דעם נאָמען פֿון דיזער לעהרע, אין דעם נאָמען פֿון דער רעליגיאָן דער ליעבע, האָט מען 16 הונדערט יאָהר כסדר געמאָרדעט, געראויבט, געפּלינדערט, פֿערברענט מענשען און שטעדט! נאַרישע מענשען האָבען דאָס קינד גערופֿען גאָט — גאָט פֿון ליעבע און גערעכטיגקייט, און מיט דיא ווערטער ליעבע און גערעכטיגקייט אויף די ליפּען רויבט מען, מאָר־דעט און שווינדעלט נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג.

וואָס לערנט אונז דאָס דערפֿעל נאַזאַרעט, (נוצרת וואו יעזוס קריסטוס איז געבוירען געוואָרען)? אַז דיא שלעכטסקייט, דיא פֿערדאָר־בענהייט פֿון דיא מענשען האָבען בענוצט יעדע געלעגענהייט אום דעם אָרימען, דעם שוואַכען, דעם אונגליקליכען צו אונטערדריקען און אויס צובייטען, און די מענשהייט, דער גרויסער וועלט נאַר, האָט זיך געלאָזט און לאָזט זיך ביז אויף היינטיגען טאָג פּרעסען, קוועטשען, אונטערדריקען, און בעטריגען, נו, ווער איז אייך שולדיג? אָה, איהר רואינען! איהר קברים פֿון אַלטע, גרויע, פֿערשימעלטע יאָהר הונדערטע! וואָס פֿאַר אַ טיפֿע וואַרהייטען ליעגט אין אַייך בעגראָבען! וואָס פֿאַר אַ הייליגע לעה־רען, וואָס פֿאַר ניצליכע לעקציאָנען קענט איהר געבען דער מענשהייט! איהר קענט דעם מענשען זאָגען, וואָס ער דאַרף טהאָן, איהר קענט איהם לערנען, ווי אַזוי ער זאָל גליקליך לעבען! לאָז דיא ע־פֿאַהרונג פֿון דיא אַלטע צייטען ווייזען דעם מענשען, ווי אַזוי ער זאָל זיך אויפֿפֿיהרען אין דער צוקונפֿט, „די וועלט געשיכטע איז דאָס וועלט געריכט”, אויב איהר ווילט וויכען, וואָס איהר זאָלט טהאָן, פֿרעגט דיא אַלטע דורות און נעהמט אייך אַ ביישפּיעל פֿון דעם, וואָס עס איז געשעהן.

* * *

דער גייסט האט געשוויגען עטליכע אויגענבליק.

איך האָב ניט געוואוסט, וואָס איהם צו ענטפֿערען, ניט וואָס איהם צו זאָגען, ענדליך האָט דער גייסט ווייטער געזאָגט:

— מענש, וואָס זוכט די וואַהרהייט! איך האָב דיר שוין ערקלערט, אַז דער מענש האָט אַ גרויסען טעות, ווען ער זוכט די אורזאַכען פֿון זיינע צרות, פֿון זיינע ליידען אין זאַכען, וואָס ער פֿערשטעהט ניט און רופֿט זיי בלינדער צופֿאַל אָדער אין גיעהיימע קרעפֿטען, וואָס ער קען זיי ניט און וועלכע ער גיט אַ נאָמען: גאָט אָדער טייוועל. אמת, דער מענש איז אַרומגערינגעלט פֿון שונאים, פֿון פֿיינדליכע קרעפֿטען, דיא היץ, דיא קעלט, דער ווינד, דער רעגען, דער שנעע, דאָס וואַסער, דער פֿייער— אַלעס איז איהם פֿיינדליך, אַלעס קען איהם טויטען, קען איהם פֿערניכטען: אָבער דאָס זיינען אייבּיגע נאַטור געזעצע, וועלכע בעהערשען די גאַנצע וועלט און דעם מענשען, וואָס איז אויך אַ טהייל פֿון דער וועלט. דער מענש מוז לערנען די געזעצע, ער מוז פֿערשטעהן וויא אַזוי מיט זיי אום צו געהן, ווי אַזוי זיי בעהאַנדלען: ער מוז שטודירען די אורזאַכען, וואָס טהוען איהם שלעכטס אוּ דערפֿאַרשען דיא מיטעל וויא אַזוי זי

צו העלפען, דערפאר איז איהם געגעבען געוואָרען דער שכל, דערפאַר איז ער קלינגער און געשייטער פון אַלע אַנדערע בעשעפעניסען אויף דער וועלט, גוטעס און שלעכטעס איז אויסגעמישט אויף דער וועלט, אָדער בעסער, יעדעס קען זיין גוט אָדער שלעכט, ווי אַזוי דער מענש באַגעהט זיך דערמיט. פייער, צום ביישפיעל, איז אַוודאי אַ ניצליכע זאך פאַר דעם מענשען. אַלעס וואָס ער טהוט, וואָס ער שאַפט, וואָס ער מאַכט, טהוט ער מיט דער הילפע פון פייער. ווען איז עס אָבער גוט, אַז דער מענש בעצווינגט עס, אַז ער האַלט עס איינגעשפאַרט, איינגעצוימט און צווינגט עס צו טהאָן זיין ווילען, דאָס זעלבע פייער אָבער, דיזעלבע נאַטור קראַפט ווערט געפעהרליך פאַר דעם מענשען, ווען ער ווייס ניט וויא אַזוי דערמיט אומצוגעהען, ווען דאָס פייער ווערט זיין באָס און בעהערשט איהם. דאָס זעלבע איז מיט דיא אַנדערע נאַטור קערפער, דיא נאַטור זאָגט צום מענשען: — שוואַכע, שטאַרקע בעשעפעניש, איך האָב דיך געמאַכט גלייך מיט אַלע מיינע בעשעפענישען: אויף דער וועלט איז דאָ גוטס און שלעכטס, אויף דיין וועג און לעבען זיינען פערזייעט דערנער און רויזען, קלויב דוא אַליין אויס, וואָס פאַר דיר איז בעסער, דיין גליק און דיין אונגליק איז אין דיין אייגענע האַנד: דוא קענסט זיין אַ קנעכט, דוא קענסט זיין פריי: בייג אָן דיין קאָפּ, טראָג דעם יאָך און זיי אַ שקלאַף, אָדער הייב אויף דעם קאָפּ, זיי שטאָלץ, זיי אַ פרייער מענש—מיך געהט עס גאָר ניט אָן".

יאָ, דער מענש איז דער אַרכיטעקטאָר, דער בויער פון זיין שיקזאַל. זאָל ער נור וועלען בעטראַכטען וויא ווייט ער האָט געבראַכט מיט זיין פערשטאַנד, מיט זיין חכמה, מיט זיין לערנען און פאָרשען, וואָלט ער זיך געראַפּט שעמען איבער דיא גרויסע פעהלער, דיא גרויסע דומהייטען, דיא גרויסע נאַרישקייטען וואָס ער איז בעגאַנגען און בעגעהט נאָך ביז אויף היינטיגען טאָג.

5־טער קאפיטעל

ווענען זאל גאט הערען?

איך האָב מיך אַלץ מעהר צוגעקוקט צו דיא לענדער און דיא געגענדען, אויף וועלכע דער גייסט האָט מיר געוויזען, בעזאָנדערס האָב איך מיך צוגעקוקט צו דעם וועלט טהייל אזיען, ווייל אין אַזיען איז געשטאַנען דאָס וויעגעלע פון דער מענשהייט,—אַזוי לערנט אונז דיא וועלט געשיכטע, אין אַזיען האָבען זיך דיא ערשטע מענשליכע געזעלשאַפטען געבילדעט.

אין אַזיען זיינען דיא ערשטע קעניגרייכע ענטשטאַנדען: אין אַזיען זיינען אַלע גרויסע מלחמות פאָרגעקומען, פון וועלכע דיא אַלטע ביכער, דיא אַלטע געשיכטען דערצעהלען אונז: אין אַזיען זיינען אַלע חכמות, אַלע וויסענשאַפטען, אַלע מלאכות, אַלע קינסטע אויסגעטראַכט געוואָרען און אין אַזיען זיינען אַלע דומהייטען, אַלע שלעכטיגקייטען אַלע פאַלשקייטען אַלע אירטהומער פון דעם מענשליכען גייסט ענטוויקעלט געוואָרען. פלוצלינג האָב איך דערזעהן אין צפון זייט פון אַזיען אויף דיא ברעגעס פון'ם שווארצען מעער, אויף דער האַלב אינזעל קרים, אַ שטאַרקען רויך אויפגעהן צום הימעל, נאָכ'ן רויך האָט זיך געוויזען אַ פייער איך האָב געמיינט אַז אַ שטאָט ברענט, איך האָב מעהר צוגעקוקט און האָב דערזעהן מיט שרעקען און מיט שטוינען, אַז דאָס פייער קומט ניט פון איין אָרט: אַז דיא גאַנצע קרים איז בעדעקט מיט פייער און רויך און גלייך וויא דער ווינט וואָלט געטראָגען דיא פלאַמען, פערברייטען זיי זיך אַלץ ווייטער און ווייטער, דאָס פייער איז געוואָרען אַלץ גרעסער און האָט זיך אויסגענאָסען, וויא אַ ים ביז צו דיא גרינע פעלדער פון דעם אַזאָף, ביז צוא דעם דאָן, ביז צו קאַווקאַז און צום טייך קובאַן, איך האָב מיך בעסער צוגעקוקט און האָב דערזעהן אַז פאַר דעם פייער און הינטער דעם פייער געהן גאַנצע מחנות קליינינטשקע בעשעפענישען, גלייך וויא היישרעקען אָדער אַמייזען (מוראַשקעס).

„זעהסט דוא—האָט מיר דער גייסט געזאָגט,—זעהסט דוא דעם פייער וואָס פערברייטעט זיך אַלץ ווייטער און ווייטער און צושטערט שטעדט און דערפער? ווייסט דוא דיא אורזאַכען דערפון?

—אָה, גייסט! האָב איך איהם געענטפֿערט,—איך זעה, אַז ווילען זיך געהן אַרויף ביז צום הימעל: איך זעה, אַז אַ פֿייער צושטערט און פֿערוויסטעט אַ גאַנץ לאַנד: איך זעה, אַז קליינע בעשעפֿענישען: היישעריקען אָדער אַמייזען שלאָגען זיך: איך זעה אַז אָט קומען זיי זיך צונויף, אָט צולויפֿען זיי זיך אין אַלע זייטען, איך ווייס אָבער ניט, וואָס פֿאַר אַ מיני חיה'לעך דאָס זיינען און וואָס זיי טהוען דאָרט.

דער גייסט האָט מיר ווייטער אַ וויש געגעבען איבער דיא אויגען און האָט מיר געהייסען זיך נאָך אַמאָל צוקוקען צו דעם שטיקעל לאַנד, איך האָב אַזוי געטהון און האָב אַ געשריי געטהון:

— געוואַלד! דאָס זיינען דאָך מענשען! דאָס איז דאָך אַ מלחמה צווישען רוסלאַנד און דעם טערק! אָט לויפֿען די רוסישע פאָלקען מיט זייערע פיקעס מיט זייערע הויכע קיווערס: אָט געהן דיא רוסישע סאָלדאַטען מיט זייערע לאַנגע אָנגעפורערטע צעפּ *) און אָט זעה איך דיא טאַטאַרען, דיא מחנות פֿון קרים גיריי, *) וועלכע אַנטלויפֿען פֿאַר דיא רוסישע סאָלדאַטען, אַלזאָ, דאָס זיינען דיא רוסען, וועלכע ברענען דיא שטעדט פֿון דער קרים: דאָס זיינען מענשען, וועלכע מאָרדען און רויבען דיא אַנדערע מענשען! דאָס זיינען מענשען, וועלכע טרייבען אַרויס מענער, פֿרויען און קינדער פֿון דיא הייזער, אין וועלכע זיי האָבען געוואוינט יאָהרען לאַנג! דאָס זיינען מענשען, וועלכע הרג'ענען קאַלטבלוטיג פֿרויען, קינדער און אַלטע לייט, גלייך וויא עס וואָלטען געווען פֿליעגען אָדער שפּיענען! מענשען! מענשען! אַך וויא שלעכט, וויא ווילד זייט איהר! —וואַרט,—האָט מיר דער גייסט געזאָגט,—דאָס איז נאָך ניט אַלעס, זעה נור, וואָס עס טהוט זיך ווייטער, איך האָב מיך צוגעקוקט צו דער טירקיי און האָב געזעהן וויא אַזוי דאָרט איז אַלעס אין אַ שרעקליכע בעוועגונג, פֿון אַלע זייטען זיינען געלאָפֿען מענשען און האָבען געשריען געוואַלד! דיא מאָסקווער שענדען אונזערע הייליגע מעטשעטען, זיי טרעטען מיט דיא פֿיס אונזער הייליגען קאָראַן! און פֿון אַלע זייטען שלעפּט מען ביקסען, האַרמאַטעס, פּולווער און אַנדערע קריעגס מאַטעריאַלען און מען פֿערזאַמעלט זיך צו געהן אין קריעג אַריין, אין מאָסקוואַ איז געווען דאָס זעלבע געטומעל, דער זעלבער רעש, דיזעלבע בעוועגונג:

---

*) אין עקאַטערינאַ'ס צייטען פֿלעגען דיא רוסישע סאָלדאַטען טראָגען פּאַריקען אָנגעפּודערט מיט קאָרן מעהל.

*) דער לעצטער קרימער כאַן אָדער פֿירסט, האָט געהייסען קרים גיריי.

דאָרט האָט מען אייך צוגויפגעשלעפּט אַלערליי קריעגס מאַטעריעלען, מען זאָל געהן פיהרען קריעג מיט דיא טערקען, בעזאָנדערס אָבער האָט מיך אינטערעסירט די הויפען מענשען, וואָס האָבען זיך פערזאַמעלט אין דיא טעמפּלען, אין דיא קירכען, און אין דיא מעטשעטען, פון איין זייט האָבען זיך די מאַחמעדאַנער פערזאַמעלט אַרום זייערע מעטשעטען, האָבען אויס-געצוהון זייערע שיך, אויסגעקעמט זייערע לאַנגע בערד, אויסגעשפּרייט שטיקלעך קאַ־פּעט אויף דער ערד, האָבען זיך געבוקט, אויסגעשפּרייט זייע־ע הענד צו גאָט און האָבען געבעטען:

— אָה גרויסער גאָט! דוא האָסט צוגעזאָגט צו דיין נביא, דעם הייליגען מחמד, אַז דוא וועסט אונז געבען דיא הערשאַפט איבער אַלע פעלקער: דוא, וואָס האָסט אונז געוויזען אַזוי פיעל וואונדער, וואָס האָט פון אונזערט וועגען געטהון אַזוי פיעל מופתים: דוא גרויסער און אַלמעכטיגער גאָט! גיב אין אונזערע הענד דיזע היידען, דיזע מאָסקאָוויטען: זיי גלויבען ניט אין דיין הייליגען קאָ־אַן זיי גלויבען אפילו ניט אין דיין הייליגען נביא מחמד, געב אונז, גערעכטער גאָט! דיזע היידען, דיזע קריסטען אין אונזערע הענד: מיר וועלען זיי פערניכטען, מיר וועלען זיי צווינגען צו גלויבען דיין ליעבען נאָמען און דעם נאָמען פון דיין הייליגען נביא מחמד, מיר וועלען זיי וורייזען, אַז טאַקע נור גאָט איז אַ גאָט און מחמד איז זיין איינציגער נביא!

דיא מיללאַהס און אימאַמס (טערקישע גייסטליכע) האָבען געזאָגט צום פאָלק: רעכט אייף אייך! איהר האָט געזינדיגט, איהר האָט ניט געבראַכט קיין מתנות אין דער מעטשעט, איהר האָט ניט געגעבען קיין נדבות דיא הייליגע דערווישע, דערפאַר האָט אייך גאָט געשטראָפט, דער-פאַר האָט ער אויף אייך אַנגעשיקט דעם מאָסקווער קאַצאַפּ.

פון דער אַנדערער זייט האָב איך געזעהן, וויא דאָס רוסישע פאָלק פערזאַמעלט זיך אין דאָס הייליגע הויז פון גאָטס מוטער פון קאַזאַן, דאָרט פאַלען זיי אויף דיא קניע פאַר גאָטס לייבליכען זוהן און פאַר זיין הייליגע מאַמע, דיא פריעסטער פילען אָן דיא קירכע מיט רויך און בעטען צו גאָט:

— אָה דוא גרויסער, דרייענדיגער גאָט! געב אונז אין דיא הענד דיא מאַחמראַנער: זיי גלויבען ניט אין דיר, זיי גלויבען ניט אין דיין איינציגען זוהן, זיי גלויבען ניט אָן די הייליגע מוטער, גיב אונז דוא גרויסער, אין דרייען געפלאָכטענער גאָט! דיזע אונגלויביגע אין אונזערע הענד מיר וועלען זיי פערניכטען, מיר וועלען צושטערען זייערע שטערט און זייערע דערפער, מיר וועלען זיי אויסקוילען, וויא דיא לעמער: מיר

וועלען לויבען און דאנקען דיין ליעבען נאָמען, מיר וועלען גאַנצע דריי טאָג ניט עסען קיין פֿלייש און קיין אייער, מיר וועלען דיר אויסבויען 99 נייע קירכען, וואו מיר וועלען פֿערברענגען וויירויך פֿאַר דיא הייליגע מוטער פֿון קאַזאַן!

דיא גלחים, דיא פריעסטער האָבען בעשפריצט דאָס פֿאָלק מיט וואַסער, האָבען זיי געגעבען קליינע שטיקלעך מעש, (צלמ׳לעך) און שטיקלעךביינדלעך פֿון הייליגע מענשען (אַזוי האָבען זיי געזאָגט) און דאָס אָרימע פֿאָלק איז געווען בערייט צו דערהרגענען יעדען טערק, וואָס זיי וואָלטען געטראָפֿען, אויב ער איז אַ פֿיינד אָדער ניט.

איך האָב אַ לאַנגע צייט בעטראַכט דיביידע סצענען און האָב געטראַכט צו מיר אַליין, נו, ווען זאָל גאָט פֿאָלגען? וועמען זאָל ער צוהערען, אַז ביידע האַלטען מלחמה נור פֿון זיין נאָמען וועגען? אַז ביידע ווילען איינער דעם אַנדערן פֿערניכטען נור פֿון זיין כבוד וועגען? וואָס וואָלט געטהון אַ מענשליכער ריכטער, ווען צוויי זאָלען קומען צו איהם מיט אַזעלכע בקשות? וואָס וואָלט ער זיי געענטפֿערט? וואָס וואָלט ער זיי געקענט ענטפֿערן?

דאָס פֿייער אויף דער קרים איז געוואָרען אַלץ שטאַרקער, גרויסע מחנות פֿון סאָלדאַטען האָבען זיך געצויגען פֿון ביידע זייטען צום שלאַכטפֿעלד, דיא פֿעלקער זיינען אַלץ מעהר און מעהר גערייצט געוואָרען צום ביטערן קריעג, מען האָט געהערט דאָס שיסען פֿון קאַנאָנען, דיא גייסטליכע פֿון ביידע פֿעלקער האָבען פֿאָרטגעזעטצט צו בעטען גאָט און אויפֿצורייצען דיא פֿעלקער איינער געגען דעם אַנדערן, פלוצלינג האָב איך דערהערט אַ שטימע צוערשט שוואַך און רוהיג מיט יעדער סעקונדע אָבער איז זיא געוואָרען שטאַרקער און קרעפֿטיגער ביז זיא האָט געגליכען צום רוישען פֿון אַ שרעקליכען וואַסערשטראָם. וואָס פֿאַר ווילדע, משוגענע קולות הער איך?— האָט דיא שטימע געזאָגט,—וואָס פֿאַר אַ אונזיניגע געבעטע קומען פֿון צוויי פֿערשיעדענע פונקטען פֿון דער ערד? וואָס פֿערלאַנגען דיזע שלעכטע, ווילדע, פֿערדאָרבענע מענשען? וואָס ווינשען דיזע ווילדע חיות אין מענשען-געשטאַלט? נאַרישע, פֿערדרעהטע, פֿערקעהרטע, פֿערווילדעטע מענשען! אויף אַזאַ אופן ווילט איהר דיענען „אייער" גאָט? איהר פֿערלאַנגט, אַז ער זאָל פֿערניכטען זיינע בעשעפֿענישען פֿון אייער נוצען וועגען? וויא קען ער אָננעהמען אייערע תפילות, אַז אייערע הענד זיינען בעפֿלעקט מיט׳ן בלוט פֿון אייערע ברידער? קענען דיא זיעגער ערוואַרטען עטוואָס פֿון גאָט, ווען זיי האָבען נאָר וואָס אויסגע׳הרג׳עט טויזענדער מענשען? האָט דען „אייער" גאָט ליידענשאַפֿטען, וויא אַ מ׳נש? ווערט ער ברוגז און לאָזט זיך איבערבעטען? קענט איהר, פֿרומאַקעס און צבועיאַקעס,

גלויבען, אַז „אייער" גאָט האָט קאַפּריזען, בלאָז זיך אָן, וויא אַ אינדיק, זיען איהר טהוט ניט וואָס ער וויל, און מיט אייער פֿאַסטען, מיט אייער ניט עסען פֿלייש, וועט איהר איהם איבער בעטען? קענט איהר דען דיינקען, אַז „אייער" גאָט ווייס, אַז אַ פֿערברעכען וועט געשעהען, און לאָזט, אַז דאָס פֿערברעכען זאָל געשעהען און דערנאָך שטראָפֿט ער פֿאַר וואָס דאָס פֿערברעכען איז געשעהען? קען מען „אייער" גאָט געבען שוחד (חאַבאַר) גלייך וויא אייערע פֿאַלשע ריכטער? מיינט איהר אַז „אייער" גאָט איז גלייך, וויא אייערע אירדישע טיראַנען, וואָס לאָזען זיך איבערבעטען, ווען מען פֿאַלט פֿאַר זיי אויף די קניע?

אָה! איך ווייס, וואָס פֿאַר אַ פֿאַלש בילד דער מענש האָט זיך געמאַכט פֿון גאָט: איך ווייס, וואָס פֿאַר אַ אונריכטיגע, פֿערקעהרטע, פֿערדרעהטע פֿאָרשטעלונג דער מענש האָט זיך געמאַכט פֿון גאָט: איך ווייס, אַז ניט גאָט האָט בעשאַפֿען דעם מענשען נאָך זיין פֿאָרם, נאָך זיין געשטאַלט, זאָנדערן יעדער מענש מאַכט זיך זיין גאָט נאָך זיינע אידעען, נאָך זיין פֿאָרם נאָך זיין געשטאַלט, דער נעגער אין אַפֿריקאַ מאָלט זיך אויס זיין גאָט שוואַרץ מיט געקרייזעלטע האָר און מיט ברייטע גראָבע ליפּען, דעם טייפֿעל און די שדים מאָלט ער אויס ווייס: דער ווייסער מענש מאָלט זיך אויס זיין גאָט ווייס און זאָגט, אַז ער וויקעלט זיך איין אין ליכטיגקייט, וויא אין אַ קלייד און דעם טייפֿעל, דיא שדים מאָלט ער אויס שוואַרץ, יעדער מענש מאַכט זיך אַ בעזונדערן גאָט נאָך זיין פֿערשטאַנד נאָך זיינע איינבילדונג נאָך זיין פֿאַנטאַזיע, ער טהוט איהם אָן דיא קליידער, וואָס ער טראָגט אַליין, גיט איהם אַלע מעלות און חסרונות, וואָס ער האָט אַליין און אַז ער זעהט, אַז דיא נאַטור וויל ניט איינשטימען מיט זיינע דומהייטען, מיט זיינע פֿאַנטאַזיען, זאָגט ער, אַז דאָס זיינען סודות, געהיימניסע, וואָס מיר פֿערשטעהען ניט,—דאָס איז קבלה.

ער זאָגט, אַז גאָט קען קיינער ניט פֿערשטעהן און אין דער זעלבער צייט בעמיהט ער זיך איהם צו ערקלערען, צו פֿערטייטשען און דערצעהלט פֿון איהם אַזעלכע זאַכען, אַזעלכע וואונדער, גלייך, וויא ער וואָלט מיט איהם יעדען טאָג צוזאַמען מיטאָג געגעסען, דערצו זיינען נאָך געקומען שווינדלער און האָבען גאָר געזאָגט, אַז זיי זיינען גאָטס סטראַפּטשיעס, זיי זיינען מיט איהם אַ גאַנץ קנעפּעל און קענען ביי איהם פּועל'ן, וואָס זיי ווילען, דיזע בעטרינגער, וועלכע האַלטען „זייער" גאָט פֿאַר אַ מעלקענדיגע קוה, האָבען אויסגעקלערט זאַכען, וואָס זיינען שענדליך און לעכערליך און דיזע זאַכען דאַרף מען טהון אום מען זאָל

גאָט געפֿעהלען. דער אינדיאַנער איז פֿעסט איבערצייגט, אַז ער טהוט אָן גאָט אַ מענטעלע, ווען ער שמירט זיך אויס פֿון קאָפּ ביז אין דיא פֿיס מיט מיסט פֿון אַ קוה און זאָגט דאָס הייליגע וואָרט אאום־ Aum*) דער פֿערזער וועט זיך גיכער לאָזען פֿאַרברענען, איידער אויסצולעשען פֿייער מיט'ן מויל, דער מאַהמעדאַנער איז איבערצייגט, אַז ער ווערט פּטור פֿון אַלע זיינע עבירות, ווען ער וואַשט זיך אָב דעם קאָפּ און דיא הענד, און צווישען דיא מאַהמעדאַנישע סעקטען איז אייסגעבראָכען אַ שרעקליכער שטרייט, אויב מען דאַרף זיך אָנהויבען צו וואַשען פֿון דער פּלייצע און אַראָבוואַשען די טומאה ביז אין די שפּיץ פֿינגער, אָדער פֿערקעהרט, מען דאַרף אָנהויבען צו וואַשען דיא שפּיץ פֿינגער און ענדיגען ביי דער פּלייצע, דער באָני (אַ בודיסטישער גייסטליכער) האָט אייסגעקלערט אַ געבעט־מאַשין, ער דרעהט דיא מאַשין און דיא תּפילות פֿליהען אַרויף גלייך אין הימעל אַריין הונדערטער־וויים, מען פֿערשפּאָרט אפילו צו מאַכען מיט דיא ליפּען, דער קאַטהאָליק מיינט אַז ער טהוט דיא גרעסטע עבירה, אַז ער עסט ח"ו פֿלייש אום פֿרייטאָג.

אָה, הייליגע לעהרען! הימעלישע מצות און געבאָטען!

אָה, פֿאַר אַזעלכע מצות, פֿאַר אַזעלכע הייליגע געבאָטע מעג מען זיך טאַקע לאָזען הרג'ענען על קידוש השם! פֿאַר אַזעלכע געבאָטע, פֿאַר אַזאַ מאָראַל מעג מען טאַקע אָפּפֿערן זיין לעבען.

געהיימע קרעפֿטע פֿון דער נאַטור! אייביגע געזעצע פֿון דעם וועלט, אַלל בעוועגענדע און בעלעבענדע רעגעלען און געזעצע פֿון דער גאַנצער וועלט! וואס געהט אייך אָן, וואָס דיא נאַרישע מענשען רעדען אָדער טהון? וואָס קימערט אייך, וואָס פֿאַר אַ דומהייטען דיזע ווערים, וואָס רופֿען זיך מענשען, בענעהען? אייביגע קרעפֿטען פֿון דער נאַטור! איהר, וואָס בעוועגט דיא שטערען אין זייערע הויכע באַהנען, איהר וואָס בעוועגט זונען און לבנות אָהן אַ שיעור און אָהן אַ צאָהל אין דעם גרויסען וועלטרוים! וואָס פֿאַר אַ שייכות איז דאָ צווישען אייך און דיא נאַרישע ווערים, וואָס וואַל-

*) דאָס וואָרט אַאום—Aum איז זעהר הייליג ביי דיא אינדיאַנער, זיי זאָגען איהם נאָך שטילערהייט, אַז קיינער זאָל ניט הערען, דאָס וואָרט בעשטעהט פֿון 3 בוכשטאַבען Aum און דייטעט דעם דרייאייניגען גאָט: בראַהמאַ, דעם שעפֿער, ווישנו דעם ערהאַלטער און שיווא דעם צושטערער, איידער מען רעדט אַרויס דאָס וואָרט, מוז מען זיך טובל זיין אין אַ מקוה, דערנאָך מוז מען דעם גאַנצען קערפּער אויסשמירען מיט דעם מיסט פֿון אַ הייליגער קיה.

גערן זיך אין שטוב? און איהר פֿרומע מענשען, צו אייך ווענדע איך מיך מיט עטליכע פֿראַגען, ווייזט מיר איהר פֿרומע מענשען, וואָס האָט איהר אניפֿגעטהון מיט אייער פֿרומקייט? האָט איהר אַמאָל מיט אייער פֿרומקייט געענדערט וויינינגסטענס איין געזעץ פֿון דער נאַטור? האָט איהר איין מאָל געמאַכט, אַז דיא זון זאָל שיינען העלער? האָט איהר מיט אייערע צערעמאָניען געמאַכט דיא מענשען בעסער און גליקליכער? ענטפֿערט מיר, איהר צבועיאַקעס! ווען גאָט האָט איין מאָל בעשלאָסען, אַז עס זאָל זיין אַזוי, קענען אייערע תפילות עס ענדערן? קענען אייערע שירים ותשבחות איהם געפֿעלען, אַז ער איז אונבעגרייפֿליך, העכער פֿון יעדען לויב, פֿון יעדען שבח? אונזיניגע, אונבעשטענדיגע מענשען! און איהר קעניגע, הערשער פֿון דער וועלט! איהר זאָגט, אַז מיט אייערע מלחמות דיענט איהר גאָט, דאַרף ער אייער הילפֿע האָבען? אַז ער וויל שטראָפֿען, קען ער דען ניט אַליין שטראָפֿען? האָט ער דען ניט דעם דונער, דעם בליץ, דאָס פֿייער, און דאָס וואַסער? קען ער דען ניט בעסער מאַכען דעם מענשען, ער זאָל איהם ניט פֿערניכטען? מוז ער בענוצען אייער שווערד, אייער פולווער און בליי?

איהר מאַהמעדאַנער זאָגט, אַז דער קאָראַן איז הייליג און אַז גאָט שטראָפֿט אייך דערפֿאַר, וואָס איהר זייט ניט מקיים, וואָס עס שטעהט אין קאָראַן, וויא האָבען געלעבט דיא פֿעלקער, איידער דער קאָראַן איז נאָך געווען אויף דער וועלט? עס האָבען געלעבט הונדערטער פֿעלקער, וועלכע האָבען געגעסען שוויין-פֿלייש, האָבען געטרונקען וויין און זיינען ניט געגאַנגען צו פֿוס קיין מעקקאָ און דענאָך זיינען דיזע פֿעלקער געווען גליקליך? וואָרום האָט גאָט ניט בעשטראָפֿט דיא פּאַרטהער, וועלכע ווילען ניט וויסען פֿון מחמד, ניט פֿון יעזוס קריסטוס? וואָרום בעשטראָפֿט גאָט ניט דיא כינעזען, דיא אויסטראַליער, דיא אַלעאוטען און פֿיעלע אַנדערע פֿעלקער, וואָס ווילען ביז אויף היינטיגען טאָג פֿון איהם ניט וויסען? לערנט דומע מאַהמעדאַנער אייער געשיכטע, וועט איהר וויסען, ווער עס האָט אייך געשטראָפֿט, פֿאָרשט, פֿערשטעהט דיא לאַגע פֿון אייערע הערשער, וועט איהר וויסען, פֿאַר וואָס רוסלאַנד נעהמט ביי אייך צו דיא קרים, פֿרעגט אייערע עלטערן, בעט זיי זאָלען אייך זאָגען, וויא אַזוי זיי זיינען געוואָרען גרויס און מעכטיג און האָבען אָבגענומען דיא האַלבע וועלט, וועט איהר הערען, אַז ניט

דער היילינער קאָראַן האָט עס געטאָהן, ניט דער נביא מחמד האָט עס געמאַכט, ניין! זייער מוטה, זייער מעסיגעס לעבען און דיא הויפּטזאַכע זייער איינינקייט, זייער פעסטע אָרגאַניזאַציאָן האָבען זיי געמאַכט גרויס און שטאַרק.

אייערע עלטערען קומען פון מיטעל אַזיען, פון דער טאַרטאַריי: איהר זייט געוועזען ניט פיעל, אָבער איינינ און ערגעבען איינער צום אַנדערען.

אייערע אַנפיהרער זיינען געוועזען אַרים, דער פּאַר אָבער זיינען זיי געוועזען גערעכט און עהרליך און דיא פעלקער, וועלכע זיינען געוועזען אינטערדריקט פון זייערע פירסטען, זיינען בעסער צוגעשטאַנען צו אייך. איהר האָט ניט געטרונקען קיין וויין, ניט ווייל עס איז אַ פערברעכען וויין צו טרינקען נור ווייל איהר האָט נאָך ניט געוואוסט פון שיכורן: איהר האָט ניט געגעסען קיין שווינען פלייש, ניט ווייל עס איז אַ זינדע צו עסען שווינען פלייש, זאָנדערן ווייל איהר האָט געלעבט זעהר מעסיג און האָט בעסער געלעבט פון פרוכטען, אייערע זיטען זיינען געוועזען ריין און פריי, אייערע קריעגער זיינען געוועזען בראַוו און גרויסמוטהיג, אייערע אַנפיהרער זיינען געוועזען העלדען און גוטמוטהיג, וויא קינדער, דער פאַר האָט איהר אַבגענומען קעניגרייכע און געגרינדעט דאָס גרעסטע קייזערריך אין דער וועלט, אָבער קוים האָט איהר אבגענומען דיא וועלט, זיינען אייערע געליסטע צו רייכקייט אויך געוואַקסען מיט אייך: אייער געלדזוכט, אייער יאָגען זיך נאָך פערגניגען זיינען געוואָרען אַלע מאָל שטאַרקער, דאַדורך זיינען ענטשטאַנדען שטרייטיגקייטען און צאַנקערייען צווישען אייך און דאָס איז געוואָרען דיא אורזאַכע פון אייער מפלה, אייערע פירסטען, אייער סולטאַן איז געוואָרען רייך און מעכטיג, טויזענדער מענשען זיינע פלעגען איהם קומען בעטען און האָבען איהם געשמייכעלט:

ער איז געוואָרען שטאָלץ, שוואַך און גרויזאַם, ער איז געוועזען אונוויסענד, ער האָט ניט געוואָלט לערנען עפּעס גוטעס, וואַרום וואָס דאַרף אַ הערשער לערנען, אַז אַלע האַלטען איהם פאַר דעם גרעסטען און בעסטען אַפילו ווען ער קען גאָר ניט, זיינע בעדירפניסע זיינען געוואַקסען מיט יעדען טאָג, הונדערטער שקלאַפען, טויזענדער פרויען האָבען איהם שוין ניט גענוגט ער האָט נאָר געזוכט אַלין נייע פערגניגונגען און, אַז ער האָט זיי אַזוי גיך ניט געפונען, האָט ער אויסגעזוכט אַזעלכע, אַז אונזערע האָר שטעלען זיך קאַפּויער, ווען מיר לעזען

דערפֿון אין דער וועלט געשיכטע, זיינע דינער, זיינע מיניסטאָרען זיינע פֿאשא׳ס האָבען איהם נאָך געטאָהן: זיי האָבען אויך געוואָלט עסען פֿון גאָלדענע טעלער, האָבען הונדערטער פֿרויען און פֿאַרברייננגען דיא צייט אין פֿערגניגען און לײדיג געהן, אָבער וואו נעהמט מען דיא מיטעל אום אַלע ווינשע פֿון דעם הערשער מיט זיינע גרויסע און קליינע דיענער צו בעפֿריעדיגען? וואו נעהמט מען אַלע דיא טייערע זאַכען, וועלכע דיא גרויסע פֿרעסען אויף און פֿערניכטען אין איין טאָג? דער הערשער האָט יעדען טאָג געבראָכט טויזענד אָקסען פֿאַר איין אָפּפער צו זיין גאָט: דער אנדער הערשער האָט געמאַכט מאָלצייטען אויף וועלכע מען האָט געגעבען דיא געסט עסען דיא צונגען פֿון נאַכטיגאַלען: דער דריטער האָט אַכט טאָג כסדר געגעבען עסען זיינע געסט דיא לעבערלעך פֿון פאזאנען,

וואו נעהמט מען דאָס אַלעס? דער פֿאַר איז דאָ דאָס אַרימע פֿאָלק, דער פֿאַר פרעסט מען און מען דריקט אויס דעם לאַנדסמאַן, דעם בויער, דעם אַרבייטער, וואָס זיי אַרבייטען אויס אין אַ גאַנץ יאָהר דאָס פֿערניכטעט דער הערשער אין איין טאַג,

דער איינער אַרבייט שווער און ביטער אַ לאַנגע צייט, ערווערבט זיך עפּעס, דיא קנעכט פֿון׳ם הערשער נעהמען עס ביי איהם צו אין איין מינוט, דאָס לאַנד ווערט אַרים, דער בויער, דער אַרבייטער האָט ניט וואָס צו עסען, עס הייבען זיך אָן קראַנקהייטען און מענשען שטאַרבען, וויא פֿליעגען, דאָס לאַנד ווערט פֿערוויסטעט, אַלעס ווערט שוואַך ערנידעריגט, פֿערדאָרבען און פֿערפֿוילט,

קעניגע, הערשער דער וועלט! איהר טרייבט שפּאַס מיט דעם לעבען און מיט דעם גליק פֿון מיליאָנען מענשען! וואָס פֿאַר אַ רעכט האָט איהר צו נעהמען ביים בויער ביים אַרבייטער, זיין שוויס, און זיין בלוט?

האָט איהר אין אייער לעבען איין מאָהל צו גראָבען אַ שטיקעל ערד? האָט איהר ווען עס איז געאַרבייט? ווייסט איהר דעם טעם פֿון אַרבייטען? האָט איהר אַמאָהל געפּרופֿט ניט שלאָפֿען ביי נאַכט אין רעגען, אין אַ ווינט אין דער קעלט, וויא דיא פּאַסטיכער אויפֿ׳ן פֿעלד? האָט איהר אַמאָהל געפֿיהלט דעם טעם פֿון נויט, הונגער און קעלט?

אה, מענשען! וועט זיך קיין מאָהל ניט געפֿינען פֿון אייך עטליכע בעהערצטע און מוטהיגע העלדען, זיי זאָלען זיך נוקם זיין אַן דיא באַנדע טיראַנען? וועט איהר קיין מאָהל ניט פֿאַרשטעהן, אַז אַ קליינע

באַנדרע שופטע פֿרעסען אייך אויף, טרינקען אייך אויס? איהר געהט פֿאַרגיעסען אייער בלוט פֿאַר דיא קאַפּריזען פֿון אייערע טיראַנען? איך ווילט ניט בעקעמפֿפֿען דיזעלבע טיראַנען? ערניעדעריגטע, פֿערדומטע מענשען? קענט איהר ניט אייערע רעכטע! פֿאַרשטעהט איהר ניט אייער נוצען? בעגרייפֿט איהר ניט, אז איהר זייט דיא שטאַרקע און זיי זיינען דיא שוואכע?

ווייסט איהר דען ניט, אז זיי זיינען שטאַרק דורך אייך? אז איהר מאַכט זיי שטארק, רייך און מעכטיג? אַז איהר וועט זיך נור איין ריהר טאָהן וועלען זיי צו פֿליעהען וויא איבער געברענטע שטרוי?

אַך, נור איינינע מוטהיגע מענער און דער טיראַנען יאָך וועט פֿאַלען! נאָר איינינע וואַהרע אַנפֿיהרער און אַלע רייכע, אַלע טיראַנען וועלען ציטערן! פֿעראייניגט אייך, איהר ערניעדעריגטע, פֿעראַכטעטע, פֿערקנעטעטע, בעליידיגטע אונטערדריקטע, געשטיקטע, געבויגענע, געקרימטע, פֿעראייניגט אייך! וואַרפֿט אַראָפּ פֿון אייך דיא קייטען! ווערט פֿריי! רופֿט ניט צו גאָט, בעט ניט צו איהם ער וועט אייך ניט העלפֿען, אליין העלפֿט אייך! אַליין מאַכט זיך פֿריי!

6 טער קאפיטעל.

ווער דיא מענשליכע געזעלשאפט אמאל בעסער ווערען?

דיא שטימע איז געבליעבען שטיל, דיא קרים מיט אַלע שרעקען און לײדען פֿון דער מלחמה זײנען פֿערשוואונדען געוואָרען, שרעקליכע, טרויעריגע געדאַנקען, שוואַרץ, וויא דיא דונקעלע נאַכט אַרום מיר, זײנען מיר געקראָכען אין קאָפּ און האָבען מיר געפּרעסט דיא ברוסט, איך האָב אָנגעהייבען צו װײנען, וויא אַ קליין קינד, וועה דער מענשהײט! וועה דיא פֿעלקער פֿון דער וועלט! וועה איבער דיא נאַציאָנען! וועה מיר אַליין! — האָב איך געוויינט, — וויא באַלד אַז דער מענש אַליין איז שולדיג אין זיינע צרות, און זיינע לײדען: וויא באַלד אַז נור ער אַליין קען זיך העלפֿען: וויא באַלד אָבער אַז ער אַליין וויל זיך ניט העלפֿען, אַז ער אַליין וויל זיך ניט רעטען, אַז ער אַליין איז ניט פֿעהיג זיך צו בעפֿרייען: וויא באַלד אַז ער איז צו פֿיעל אונוויסענד אום זינע לאַגע צו פֿערשטעהען: וויא באַלד אַז ער איז צו פֿערדאָרבען, צו שלעכט אום צו וועלען זיין פֿריי און גלייך וויא באַלד אַז ניט פֿון גאָט, ניט פֿון ערגעץ אנדערש קען ער קיין הילפֿע, קיין שטיצע ניט ערווארטען, — טאָ וואָס וועט פֿון איהם ווערען? וועט דיא מאסע אייביג קרעכצען און בלוטען אונטער דעם שווערען יאָך פֿון דיא הערשער, פֿון דיא בעטריעגער פֿון דיא אונטערדריקער? ווער וועט איינצוימען דיא האָבזוכט, דיא געפֿרעסיגקייט פֿון דעם שטארקען פֿון דעם רייכען? ווער וועט אמאָל לערנען דיא מאסע און איהר ערקלערען איהרע רעכטע? ווער וועט איהר ווייזען איהר מאכט און איהר שטארקייט? ווער וועט דעם שוואכען איינפֿליסען מוטה און דעם אונוויסענדען אויפֿקלערען? ווער וועט זיך אונטערשטעלען צו זאָגען צום פֿאָלק: דיינע הערשער בערויבען דיך, דיינע פריעסטער בעטריגען דיך, דיינע פֿרומע בעשווינדלען דיך און דיינע אנפֿיהרער פֿערפֿיהרען דיך?..............

אַלזאָ, דיא מענשהייט וועט אייביג ליידען! דער שטאַרקער וועט שטענדיג אינטערדריקען דעם שוואכען! דער רייכער וועט שטענדיג

פרעסען דעם ארימען! עס וועלען שטענדיג זיין טיראנען און עס וועלען איביג זיין קנעכט! איין פֿאָלק וועט שטענדיג אָנפֿאלען אויף דאָס אַנדערע! ווער עס איז שטארק, ווער עס איז רייך, ווער עס האָט דיא מאכט, דער וועט הערשען און דיא געקנעכטעטע, געבייגטע, גערריקטע וועלען אייביג ליידען! דיא מענשהייט וועט שטענדיג זיין אונגליקליך! דיא מאסע וועט שטענדיג ארבייטען מיט'ן שוויים און ליידען הונגער: נור א גאנץ קליינע באנדע שטארקע און שווינדלער וועלען לעבען אין איבערפֿלוס! אזוי וויא דיא מענשהייט איז, אזוי וועט זיא בלייבען! קיינע הילפֿע, קיינע רעטונג, קיינע האָפֿנונג!

איך האָב מיך געווענדעט צום גייסט און האָב איהם געזאָגט: גייסט פֿון דיזע חורבות! הייליגע לעהרער פֿון דיזע קברים! וואָס פֿאַר א טרויעריגעס בילד האָסט דוא מיר דאָ געצייגט! דוא האסט מיר געוויזען, אַז דיא העכערע קלאַסען זיינען פֿערדאָרבען: דוא האָסט מיר ערקלערט, אַז דיא ניעדעריגערע קלאַסען זיינען אונוויסענד, פֿערטיהערט און פֿערדומט איך זעה אַליין, אַז אין דער געגענוועַרטיגער געזעלשאַפֿט מוז מען זיין א אונטערדריקער אַן אויסבייטער, אַ בלוטזויגער, אָדער מען מוז ווערען אַן אָפּפֿער און אַלעם ערטראָגען, אַלעם דולדען, קיין אַנדער וועג איז ניטאָ, מען מוז זיין אַ האַמער און יענעם שלאָגען, אָדער מען מוז אנבייגען דעם רוקען און לאָזען, אַז אַנדערע זאָלען מיך שלאָגען, איך פֿערצווייפֿלע אַלזאָ אַן דיא מענשהייט, איך פֿערצווייפֿלע אַן דיא מעגליכקייט אמאָל אבעסערע מענשליכע געזעלשאַפֿט צו זעהן, איך פֿערצווייפֿלע אין מיר אליין און מיר דוכט עס וואָלט גלייכער געווען זיך אניעדערלעגען דאָ אין דיזע קברים און אויף אייביג אנשלאָפֿען ווערען אונטער דיזע רואינען,

אזוי! האָט דער גייסט אנגעשריי געטאָהן מיט פֿערדרוס,—אזוי דאָס איז ביי דיר דאָס איינציגע מיטעל צו רעטעטען דיא מענשהייט! זיך אַנידערלעגען און שטאַרבען! דער שלעכטער זוכט נור פֿערגניגען און וויא אזוי צו בעפֿריעדיגען זיינע ווינשע, דער דענקענדער, דער עדעלער וועט פֿערצווייפֿלען און זאָגען: איך קען גאָר ניט טאָהן עס עקעלט מיך! עס איז פֿערפֿאלען: איך מוז לעבען, וויא אלע אנדערע, אָדער שטארבען! דאָס איז אייער אומגליק, שוואכע, עלענדע מענשען! איהר טוהט ניט א זאך קאלטבלוטיג, איבערלעגט: איהר טוהט אלעס אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם אויגענבליק, אגוטער רעדנער האָט אייך ערקלערט, אז מען דארף טאָהן אזוי אָדער אזוי און אונטער דעם איינפֿלוס פֿון זיין רעדע זייט איהר בערייט איבער צו קעהרען דיא וועלט, אין א מינוט ארום ווען דער קאלטער ווינט פֿון דעם געוועהנליכען לעבען האָט אייך

אָנגעהויבט און איהר בייגט אן דעם קאָפּ, לאָזט אראָפּ דיא נאָז און פֿאַרגעסט, וואָס איהר האָט געוואָלט טאָהן אַ מינוט פֿריהער, דער קלענסטער ערפֿאָלג מאַכט אייך שטאָלץ און אונטערנעהמענד, ביי דער קלענסטען ניעדערלאגע פֿערצווייפֿעלט איהר: ביי דער ערשטען שוועריגקייט ווערט איהר אָפּהענגיג, ביי דער קלענסטען הינדערנים שרעקט איהר צוריק אין אַנטלויפֿט און מויזענלאָך,

יאָג נור, דוא מענש, וואָס זוכט דיא וואַהרהייט און פֿערצווייפֿעלט אַן דיא מענשהייט, זאָג נור, האָסט דוא אַמאָל איבערעכענט דיא מיטעל, וועלכע קענען דעם מענשען פֿארהעלפֿען צו זיין גליק? האָסט דוא אָבגעפֿאָרשט זיא וועגען, וועלכע קענען איהם פֿיהרען צו אַבעסערען לעבען? האָסט דוא שטודירט דיא געהיימע קראַפֿט, דיא אונערשעפֿליכע קוועלע פֿון ענערגיע, וואָס ליעגט באַהאַלטען אין דעם שוואַכען—שטאַרקען באַשעפֿעניש, וואָס הייסט מענש? געוויס ניט! דוא זעהסט נור, אַז זיין פֿערגאַנגענהייט איז שוואַרץ און דונקעל און מיינסט, אַז דיא צוקונפֿט וועט אויך אַזוי זיין, דוא זעהסט, אַז דיא מאַסע איז געקנעכטעט און פֿערשקלאַפֿט זייט הונדערטער יאָהרען און דוא שליעסט דאַרוים, אַז מן הסתם וועט עס ווייטער אויך אַזוי זיין. זאָג נור, דוא, וואָס זאָגסט, אַז דיא דענקסט, יאָג נור דוא פֿערצווייפֿעלטער, ענטפֿער מיר: שטרעבט ניט דיא מענשליכע געזעלשאַפֿט צו אַ בעסער לעבען? זוכט זיא דען ניט דיא מיטעל, וויא צו פֿאַרבעסערן איהר לאַגע? האָט דען דער מענש אין אַלע דיא לאַנגע יאָהרען פֿון ערניעדערונג און קנעכטשאַפֿט גאָר קיין איינציגען שריט ניט געמאַכט זיך צו בעפֿרייען? זעהט מען דען אין דער מענשהייט גאָר קיינע בעוועגונג צו פֿערניכטען דאָס אַלטע, דאָס שלעכטע און צו גרינדען נייעס, בעסערעס? זיינען אַלע פֿעלקער, אָהנע אויסנאַהמע, נאָך אַזוי דום צו טראָגען געדולדיג דעם יאָך פֿון טיראַנען? געוויס ניט! פֿיעלע פֿעלקער האָבען זיך שוין בעפֿרייט, אַנדערע שטרעבען זיך צו בעפֿרייען, וויא באַלד אַז איין פֿאָלק איז געווען אימשטאַנד זיך פֿריי צו מאַכען, פֿאַר וואָס זאָלען מיר ניט גלויבען, אז דיא אנדערע פֿעלקער קענען און וועלען עס ניט טאָהן? ווען איין טהייל דער מענשליכען געזעלשאַפֿט פֿאַרשטעהט זיין טרויעריגע לאַגע און שטרעבט, בעוואוסט ציעל, אראָפּ צו ווארפֿען פֿון זיך דיא קייטען פֿון'ם קאפּיטאַל, פֿאַר וואָס זאָלען מיר ניט גלויבען, אז דיא גאנצע געזעלשאַפֿט קען עס טאָהן און וועט עס טאָהן?

ווען מיר זיינען איבערגעקומען דיא ערשטע שוועריגקייטען, ווען מיר האָבען בעזיעגט דיא ערשטע הינדערניסע, פֿאַר וואָס זאָלען מיר

ניט בעזיעגען אלע הינדערניסע? דוא דענקסט געוויס, אז דער מענש ווערט אלע מאל ערגער, אלע מאל ניעדעריגער, אז ער איז שוין אזוי טיעף געזונקען, אז עס איז שוין פאר איהם גאר קיין רעטונג ניטא, דאס איז אבער א גרויסער טעות, דוא ביזט געווארען א מיזאנטראפ (א מענשען פיינד) א פעסעמיסט און דאס איז ווירקליך איין אונגליק, דער פעסימיסט איז אונצופריעדען מיט דער געגענווארט און נארט זיך אפ, אדער מען נארט איהם אפ, אז דיא פערגאנגענהייט איז געוועזען בעסער, אז דאמאלס זיינען געוועזען העלדען, קעמפפער, היינט אבער זיינען נור דא שוואצער און—שוועכלינגע, ער לויבט דיא טויטע, ווייל ער האסט דיא לעבעדיגע, ער ריהמט דיא פערגאנגענהייט ווייל ער פארשטעהט ניט דיא געגענווארט, ער שלאגט דיא קינדער מיט דיא ביינער פון זייערע עלטערן, דאס איז דאס אונגליק פון'ם פעסימיזמוס! ער איז א פאלשער, בעטריעגערישער ראהט געבער: ער פערפיהרט דעם מענשען, מאכט איהם שוואך, ציהט איהם אפ פון זיינע גייסטיגע און פיזישע ארבייט און מאכט איהם ענדליך צו א נוצלאזען מענשען, וועלכער האט טאקע ניט מעהר וואס צו טאהן, אלס א שטריק אויפ'ן האלז.........

ניין! קוים ריהרט זיך עס נור אין איין ארט, וועט דיא בעוועגונג זיך שוין פערברייטען אלץ ווייטער, קוים האבען נור עטליכע מענשען אנגעהויבען צו דענקען, אז מען קען אנדערש לעבען, וועלען זיך שוין געפינען פילע, וואס וועלען זיי נאכטאהן, אמת, דער מענשליכער גייסט שלאפט, מען מוז איהם וועקען: דער פרייהייטס זין איז אונטהעטיג, מען מוז איהם אויפטרייסלען: דער מענשליכער געדאנק איז פערדונקעלט, מען מוז איהם אויפקלערען, דאס געפיהל פריי און גליקליך צו לעבען ליעגט אין דער מענשליכען נאטור, אזוי וויא עס ליעגט אין דער נאטור פון'ם פייער צו שטרעבען אין דער הויך, אזוי וויא עס ליעגט אין דער נאטור פון'ם וואסער צו פליעסען פון א הויך ארט אין א נידעריגען, יעדער מענש ווינשט, יעדער וויל פריי זיין, נור ער ווייס ניט, וויא אזוי זיך דער צו צו נעהמען, יעדער מענש שטרעבט צום גליק, ער ווייס אבער ניט, וויא אזוי עס צו דערגרייכען, לאזען נאר קומען עטליכע פערנונפטיגע מענשען און לערנען דיא מענשען, אז זיי מוזען זיין גערעכט איינער געגען דעם אנדערן, אז וואס וויינינגער הערשער איז אלץ בעסער פאר זיי, לאזען זיי נעבען צו פערשטעהן, אז אנשטאט צו לעבען און ארבייטען פאר דער רעגיערונג, פאר'ן שטאאט, איז פיעל בעסער צו ארבייטען פאר זיך פאר דיא געזעלשאפט, לאזען זייא פארשטעלען דיא מענשען אזא געזעלשאפט, וואו אלע לעבען גליקליך, פריעדליך, ברידערליך, אהן הערשער, אהן

אנפיהרער, אהן רייכקייט, אהן ארימקייט, אהן קאפיטאליסטען, ארין אויסבייטער:

א געזעלשאפט, וואו אלעס געהערט אלעמען און אלעס איז פאר אלעמען; [illegible]

דיא אויפקלערונג פון דער מאסע קען ניט געשעהן מיט א מאהל, עס מוזען יאהרען פארגעהן, דיזע אידעען וועלען איינדרינגען אין פאלק, ביז דאס פאלק וועט אנהויבען צו פארשטעהן און צו שטרעבען צו אזא צושטאנד, ביז עס וועט זיין פעהיג צו דעם נייען לעבען, צו דער נייען ארדנונג, בעטראַכט וויא איין קליין שטיקעלע הייוען מאכט אזא גרויסע מאסע טייג זאל זיך אויפהייבען' אזוי וועלען דיא ווענינע מענשען וועלכע זיינען בעגייסטערט פון דער אידעע, ווירקען אויף דיא מאסע און דיא אידעע וועט זיך דורכברעכען דעם וועג, וועט זיך פערברייטען אלץ ווייטער און ווייטער, וועט פעראייניגען אלע מענשען אין איין ברודער בונד און דאן וועט איהר האבען א נייע, א בעסערע ארדנונג

זעה, האט מיר דער נייכט געזאגט און האט מיר געצייגט קיין וועסטען, אויף אמעריקא *)-

זעה: דארטען וועט זיך אנהויבען דיזע בעוועגונג! דארטען וועלען דיא מענשען! צו ערשט אראפ ווארפען זייערע קייטען! דארט וועט זיך אנהויבען דאס נייע לעבען: דיא נייע ארדנונג! דארט, זעה איך, הויבט זיך אן דער שעהנער מארגען פון גלייכהייט און פרייהייט!

---

*) מען דארף ניט פארגעסען, אז דאס בוך איז געשריעבען מיט הונדערט יאהר צוריק, נאך אין 1784 ווען דיא אמעריקאנער האבען זיך בעפרייט פון דעם ענגלישען יאך,

7 טער קאפיטעל,

דיא שוויריגקייטען,

דער גייסט האט געענדיגט זיינע פייערדיגע רעדע און איז געבליבען שטיל, איך האב אייך געשווינגען, נור מיינע געדאנקען האבען געארבייט, איך האב איבער געקלערט זיינע ווערטער, איך האב איבערגעטראכט, וואס ער האט מיר פארגעשטעלט, איך האב איבערלעגט און נאכגעפארשט איבער דיא מיטעל, וועלכע ער האט פארגעלעגט דיא מענשליכע געזעלשאפט צו פערבעסערן,

אזוי זיינען פערגאנגען עטליכע מינוט, דיא וועלט מיט איהרע לענדער, איהרע שטעדט, איהרע דערפער, איהרע פעלקער און איהרע נאציאנען האבען זיך נאך אימער געדרעהט פאר מיר,

—דוא שוויגסט,—האט מיר דער גייסט ענדליך געזאגט,—אלזא, דוא פארשטעהסט עפעס ניט, מיינע רעד זיינען דיר ניט גאנץ קלאר, זאג פרעג, איך וועל דיר דערקלערען,

—אה, גייסט!—האב איך איהם געענטפערט, דוא זעהסט געוויס ווייטער פון מיר, דוא פארשטעהסט געוויס מעהר פון מיר, דוא קענסט געוויס דיא מענשליכע נאטור בעסער פון מיר: וואס דוא האסט מיר געזאגט איז געוויס וואהר, דיא בילדער, וואס דוא האסט מיר פארגעשטעלט, זיינען געוויס אמת, דיא צוקונפט, וואס דוא האסט מיר געוויזען, אזוי וויא אין א שפיעגעל, אי געוויס שעהן און גוט, אבער..... מיין שוואכער קאפף פארשטעהט עס נאך ניט אין גאנצען, איך צווייפעלע....

—דו צווייפעלסט! נו זאג עס ארויס, שעהם דיך ניט: איז דען צווייפלען א זינדע? איז דען ניט פארשטעהן א פערברעכען! קען מען דען צווינגען א מענשען, צו דענקען, וויא איך דענק? קען מען נייטען איינעם, ער מוז אננעהמען מיינע מיינונג! דאס טוהט א טיראן, דאס טוהט א פאנאטיקער, דאס טוהט א דעספאט, גלאט גלייבען אהנע צו פערשטעהן אהנע איבערצייגען, אהנע נאכצודענקען טאר מען אייך ניט, דאס טוהט אן אונוויסענדער, א נארר, עס זיינען דא פיעלע וואהרהייטען, וואס זיינען פאר'ן דענקער, פאר'ן געלעהרטען קלאר און דייטליך, וויא דער טאג און דענאך פארשטעהן זיי פיעלע מענשען ניט, דארפען מיר פון זיי לאכען! ניין מיר דארפען זיי ערקלערען, מיר דארפען זיי בעלעהרען, אבער לאכען, פערשפאטען זיי טארען מיר ניט, דוא צווייפעלסט, דוא פארשטעהסט ניט, זאג, וואס

פארשטעהסט דוא ניט וועל איך דיר ערקלערען, דיזע פריינדליכע ווערטער האבען מיר איינגעפלייסט מוטה. איך בין געווארען פעסטער און האב איהם געזאגט:

דוא האסט מיר פארגעשטעלט א שעהנעס, הערליכעס בילד, דוא האסט מיר געוויזען פון דער ווייטעז א ליכטיגען פונקט און האסט מיר געזאגט:

זעה! אט דארט איז דיא אינזעל פון גליק! דיא מענשהייט דארף נור שטרעבען אהין, וועט זיא גליקליך זיין, איך זעה דאך אבער, וויא דער ים ארום רוישט, קאכט, זיעדעט, שוימט און ווארפט דיא כוואלעס, אזוי וויא בערג און דא איז ניטא קיין שיף, קיין באאט, קיין לאדקע, אפילו קיין ברעט, אויף וועלכע זיך אנצוהאלטען, נו וויא קומט מען צו דער אינזעל פון גליק?

דוא האסט מיר אויסגעמאלט אויף דער וואנד א גרויסארטיגעס בילד זוויא דיא מענשען קענען פריי זיין וויא זיי קענען גלייך זיין וויא זיי קענען גליקליך זיין דאס איז אודאי זעהר שעהן, וואס מעהר אבער איך קוק מיך צו צום ווירקליכען לעבען פון דיא פעלקער, זעה איך אלץ מעהר שוויעריגקייטען צו צוקומען צו דער אינזעל פון גליק, וואס מעהר איך בעטראכט דיא איצטיגע מענשליכע געזעלשאפט, אלץ מעהר הינדערניסע געפין איך וועלכע לאזען ניט דערגרייכען דיא גליקליכע צוקונפט, וואס מעהר איך דענק איבער דיא טרויעריגע ווירקליכקייט, איבער דיא איצטיגע ארדנונג פון דער געזעלשאפט, אלץ מעהר קלענער זעה איך, וועלכע ליגען אויף דעם וועג צו איינער אנדערן בעסערן ארדנונג, צו איינעם נייעם גליקליכען לעבען.

איך זעה, אז דער גרעסטע וועלט טהייל, אזיען, ליעגט נאך בעגראבען אין דער גרעסטען פינסטערניס, 4–5 הינדערט מיליאן מענשען אין כינא און יאפאן זיינען ערניעדעריגט, פערטהיערט, פערהעלצערט און פערשטיינערט, זיי ליעגען געבונדען אין שווערע קייטען פון זייערע 10 טויזענד יעהריגען אבערגלויבען און פאנאטיזמוס, וועלכע ווערן אלע מאל מעהר בעפעסטיגט דורך באמבוק-שטעקענס*) זיי זיינען אבגעזאנדערט פון דער וועלט דורך זייערע שפראכע, דורך זייער זאנדערבארער שריפט, וואס איז אזוי שווער צו ערלערנען, זיי ריהרען זיך ניט און זיינען אויך ניט פעהיג צו קיין שום בעוועגונג, דיזע מאסע מענשען איז שוין זייט טויזענדער יאהרען געבליבען פארפרארען, פארגליווערט און עס שטעהט פאר אונז א מארמאר סטאטיע, א שטיין אין א מענשענגעשטאלט, מיט וואס קענט איהר ווירקען אויף דיזע שטיינער? מיט וואס קענט איהר דערווארעמען, בעלעבען דיזע קלעצער, דיזע העלצער, דיזע פערפרארענע שטיקער אייז, וואס ליעגען בעגראבען אינטער זייער כינעזישע מויער!

*) פאר דיא קלענסטע איבערטרעטונג געגען א מאנדארין, א כינעזישער בעאמטער, בעקומט דער פערברעכער 100 שטעקענס אויף דיא נאקעטע פוס זאהלען.

—ווייטער האָבען מיר 5—6 הונדערט מיליאָן אינדיער און מאַלאַיען וואָס ליעגען בעגראָבען אונטער בערג שמוץ פֿון זייער זאָנדערבאַרע רעליגיאָן, זייערע לעבערליכע און אַבשייליכע מנהגים. זייערע הייליגע קאַסטען (קלאַסען) זייער שפּראַכע איז אונז אויך זעהר שווער אויסצולערנען עס איז אונז כמעט אונמעגליך מיט זיי אין אירגענד וועלכע פֿערבינדונג צו קומען. זייער כאַראַקטער איז אַפּאַטיש, נאַכלעסיג, קריכענד און נידעריג. קיין פֿונק פֿון ציוויליזאַציאָן, קיין שיין פֿון גערעכטינקייט, מענשליכקייט, פֿרייהייט און גלייכהייט איז נאָך צו זיי ניט געדרונגען און קען גאָר ניט צו קומען צו זיי, נו וואָס קען מען ערוואַרטען פֿון אַזעלכע....מענשען ?

אין די גרויסע סטעפּען פֿון מיטעל אַזיען וואַנדערען אַרום טאַטאַרען, קאַלמוקען, גולדען, און אַנדערע פֿעלקער, ווילד, אונוויסענד, רויבעריש און ווילען פֿון קיין זאַך ניט וויסען, אַלעס פֿון דעם באַרבאַרישען לעבען פֿון זייערע פֿעטער,

דער ווילדער אפֿריקאַנער שטעהט נאָך אויף אַזאַ נידעריגע שטופּע פֿון ציוויליזאַציאָן, אַז מען קען איהם נאָך גאָר ניט בעטראַכטען אַלס אַ מענשען, אָבער אפילו אין דעם אויפֿגעקלערטען אייראָפּאַ זעה איך נור הערשער און שקלאַפֿען, איינינע גליקליכע און מיליאָנען אונגליקליכע, בערויבטע, ערנידעריגטע, געפּרעסטע און צערפּרעסטע, די מאַסע איז נאָך אַזוי אַבערגלויביש, אַזוי פֿאַנאַטיש, אַזוי אַלט מאָדיש, אַזוי בלינד, אַזוי שוואַך, ווי אין אַזיען.

דאָס גרעסטע לאַנד אין אייראָפּאַ (רוסלאַנד) קרעכצט און זיפֿצט אונטער דעם אייזערנעם יאָך פֿון טויזענד יעהריגער טיראַניי, עס ציטערט פֿאַר דעם שרעקליכען פֿאַרבלוטיגטען קאַנטשיק פֿון זיינע פיינינער, עס בוקט זיך צום שטיק האָלץ, וועלכעס רופֿט : פֿאַטער, ! צאַר !

עס קוסט די בייטש, וואָס שלאָגט, עס פֿאַרגעטערט די האַנד, וואָס צושלאָגט עס ווי אַ ווייניגען עפּעל, עס איז נאָ־ צופֿרידען מיט זיינע קייטען, מיט זיינע וואונדען און מיט זיינע ליידען.

דאָס געלערענטע, אויפֿגעקלערטע, פֿילאָזאָפֿישע, דענקענדע, שרייבענדע, פלוידערענדע מיטעל אייראָפּאַ, (דייטשלאַנד) פּרעדיגט פֿרייהייט, דענקט פֿון פֿרייהייט, לערנט פֿרייהייט, אַליין, טראָגט עס גאַנץ רוהיג דעם יאָך פֿון 36 קליינע און גרויסע לאַנדעס מעררער, לאַנדעס פעטער *)

ווייטער זעה איך דאָס אינזעל קעניגרייך (ענגלאַנד) דאָס פֿעהיגסטע

---

*) אין דער צייט, ווען דאָס בוך איז געשריבען, האָבען אין דייטשלאַנד געהערשט 36 קעניגע, פֿירסטען און הערצאָגען,

און געבילדעסטע פאָלק אין אייראָפּאַ, מען זאָגט, אַז עס איז אויך דאָס פֿיינסטע פֿאָלק אין אייראָפּאַ. איך זעה אָבער, אַז פֿריי איז עס נור אויף פּאַפּיער, פֿריי זיינען נור די גרויסע, די רייכע, די הערשער, די קאַפּיטאַליסטען; די אָרימע, די אַרבייטער, דער פּראָלעטאַריאַט אָבער ווייס אַזוי פֿיעל פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט, ווי דער בינזשער אין פעקינג. דער פּראָלעטאַריאַט איז אין ענגלאַנד פֿיעל מעהר פֿערשקלאַפּט און זייערע מענשען רעכטע ווערען פֿיעל מעהר געטראָטען מיט די פֿיס, אַלעס אין אַלע אַנדערע לענדער אין אייראָפּאַ. דאָס פֿרייע ענגלאַנד שטרעקט אויס זיינע לעפּקע פֿינגער אין אַפֿריקאַ און אינדיען, וואו עס זוכט צו פֿערקנעכטען די מאַסע און אויס צו זויגען פֿון איהם די לעצטע זעפטע, וועלכע זיינע היימישע טיראַנען האָבען איהם נאָך געלאָזען.

נו, וואָס קען מען ערוואַרטען פֿון אַזאַ צושטאַנד אין אייראָפּאַ? קען דען פֿרייהייט געבוירען ווערען אין דער ברוסט פֿון טיראַנען? קען דען דער געדאַנק פֿון גלייכהייט ענטשטעהן אין דעם קאָפּף פֿון הערשער און אונטערדריקער? קען מען ערוואַרטען גערעכטיגקייט און מענשליכקייט פֿון אויסבייטער און בלוטזייגער? קען מען האָפֿען, אַז ברידערליבקייט און פֿריינדליכקייט זאָלען זיין צווישען שווינדלער, בעטריגער און אונגליקליכע בעשווינדעלטע און בעטראָגענע? קען מען דענקען פֿון פֿרידען און גליק אַז איבעראַל זעהן מיר בעליידיגטע און אונגליקליכע? איך זעה איבעראַל נור הערשער, נור רייכע, נור גרויסע, נור קעניגע, נור פּרינצען—איך זעה אָבער ערגעץ ניט קיין פֿאָלק, איך זעה, ווי די מענשענרעכטע ווערען איבעראַל געטראָטען מיט די פֿיס: איך זעה נור רויב, נור מאָרד, אָבער קיין פֿונק פֿון פֿרייהייט, קיין שפור פֿון גערעכטיגקייט, קיין צייכען פֿון מענשליכע געפֿיהלע. דאָס פֿאָלק. וואָס טוהט אַלעס, דאָס פֿאָלק, וואָס מאַכט אַלעס, דאָס פֿאָלק וואָס שאַפֿט אַלעס, דאָס פֿאָלק, וואָס פּראָדוצירט אַלעס—דאָס פֿאָלק, דאָס אָרעמע פֿאָלק ליידעט מעהר פֿון אַלעמען, איז אונטערדריקט מעהר פֿון אַלעמען, און וויל אָדער קען גאָר ניט דענקען פֿון אַ בעסער לעבען. איך זעה נאָך איינִיגע שוויעריגקייטען און ווייס ניט פֿון קיין מיטעל, ווי אַזוי עס צו בעזייטיגען. דיזע שוויעריגקייט איז ניט קלענער פֿון דער ערשטער און אפשר נאָך גרעסער, דיזע שוויעריגקייט איז דער גרעסטער קלאָץ, דער גרעסטער באַרג אויף דעם וועג פֿונ׳ם מענשליכען פּראָגרעס, אויף דעם וועג צו פֿרייהייט און גלייכהייט. ווען איך בעטראַכט די מענשען אויף דער וועלט, ווען איך קוק מיך צו צו

זייער לעבען, זייער דענקען, צו זייערע האַנדלונגען און זייער שטרעבען, געפֿין איך 20 פֿערשידענע רעליגיאָנען, 20 פֿערשידענע גלויבענס בעקענטניסע, יעדער מיינט, אַז זיין רעליגיאָן איז די אמת׳ע. און אַלע אַנדערע זיינען פֿאַלש: יעדער גלויבט, אַז נור ער דיענט דעם אמת׳ען גאָט און אַלע אַנדער׳ע זיינען פֿערפֿיהרט, פֿערנאַרט און בעטראָגען: יעדער דענקט, אַז נור איהם געהערט אי דיזע וועלט, אי יענע וועלט, ווייל נור ער טוהט וואָס זיין גאָט האָט איהם געהייסען, אַלע אַנדערע אָבער זיינען גאָר קיין מענשען ניט. מען מעג זיי רויבען און מאָרדען, ווייל זיי טוהען דאָך ניט וואָס גאָט האָט געבאָטען: יעדער זאָגט, אַז נור ער אַליין האָט די ריינע וואַרהייט און אַלע אַנדערע גלויבענס איז ליעגען און בעטרוג, מיר קענען דערפֿון שליעסען, אַז דער מענשליכער גייסט קען זיך עבען אַזוי לייכט איבערצייגען פֿון אַ ליעגען, ווי פֿון אַ וואַרהייט, אַלע 20 פֿערשידענע מיינונגען קענען דאָך ניט וואַהר זיין, ווי קען מען איהם דערקלערען, אַז אַלע זיינען פֿאַלש? ווי קען מען איהם אויפֿווייזען, אַז ניט גאָט האָט געגעבען אַ רעליגיאָן, זאָנדערן דער מענש האָט זיך געמאַכט רעליגיאָנען און האָט זיי צוגעפּאַסט צו יעדעס לאַנד, צו יעדען קלימאַט, צו יעדע געגענד אום די אַנדערע מענשען צו בעהעררשען? ווי אַזוי קען מען צורייסען דעם דיקען שלייער, וועלכער פֿערדעקט זיין פֿערשטאַנד, פֿער־דונקעלט זיין שכל און האַלט איהם געבונדען?

זעה די הונדערטער קירכען, וועלכע ווערען טעגליך געבויעט אום פֿינסטערנים און קנעכטשאַפֿט צו פֿערברייטען!

בעטראַכט די טויזענדער מיסיאָנערען, וועלכע ווערען וועכענטליך אַרויס געשיקט צו די האַלב אָדער גאַנץווילדע פֿעלקער, אום זייער פֿריי־הייט צו רויבען און צו מאַכען פֿון זיי נייע קנעכט, נייע קיה, וועלכע מען קען מעלקען! זעה, ווי פֿעסט די טיראַנען האַלטען זיך אויף זייערע טראָהנען, ווי שטאַרק די פּריסטער האַלטען זייערע „הייליגע שריפֿטען", די קאַפּיטאַליסטען — אין זייערע מאָנאָפּאָלען, די רייכע אין זייערע געלד־זעק! איך פֿרעג דיך, ערקלער מיר: מיט וואָס קען מען אויסהיילען די פֿעלקער פֿון דעם משוגעת, פֿון זייער אַבערגלויבען? ווי קען מען זיי אויפֿקלערען, אַז די רעליגיאָן איז געמאַכט געוואָרען פֿון׳ם הערשער און פֿאַר׳ן הערשער? ווי קען מען זיי צורייסען די גייסטיגע קייטען, וועלכע די מענשען האָבען אַליין זיך אָנגעטהאָן זייט הונדערטע יאָהרען? אַלזאָ ווי קען איך דיינקען, אַז די בעפֿרייאונג איז נאָהענט? ווי קען איך גלויבען, אַז באַלד, באַלד וועט זיין אַ נייע אָרדנונג, אַ בעסערע אָרדנונג?

דאָס ווינען די שווידיקייטען, וואָס איך זעה און דאַרום צווייפעל איך.

איך האָב אַרויסגערעדט אַלעס וואָס האָט געפּרעסט מיין ברוסט און האָב געוואַרט אויף אַן אַנטוואָרט.

דער גייסט האָט מיר ניט געאַנטוואָרט, ער האָט נאָר געזאָגט מיט אַ שטילע, רוהיגע שטימע גלייך ווי איינער רעדט צו זיך אַליין :

אַזוי איז דער מענש, דאָס איז זיין כאַראַקטער, מען מעג איהם פאָרלעגען די איינפאַכסטע וואַרהייט, וועט ער זי ניט פערשטעהן, ביז וואַנען מען מאָהלט איהם ניט אויס אויף פּאַפּיער, זאָג איהם, אז 2 מאָל 2 איז 4 וועט ער עס ניט פערשטעהן; שרייב עס איהם אָבער אויף, וועט עס זיין שכל תיכף פאַסען און בעגרייפען. זאָג איהם, אַז אַ קרומע ליניע איז לענגער פון אַ גלייכער וועט ער צווייפלען; מאָהל עס איהם אָבער אויס, וועט ער זיך תיכף איבערצייגען. מען מוז די מענשען בעהאַנדלען ווי קינדער, מען מוז זיי ווייזען בילדער, צייכנונגען, פּיקטשערס, ווען זיי בעגרייפען די וואַרהייט, ווילען זיי בעקומען נייען מוטה צו קעמפפען און צו ווירקען.

לאָמיך, אַלזאָ, אויפהייבען פאַר איהם דעם פאָרהאַנג פון דער צוקונפט. לאָמיך איהם ווייזען, אַז עס קען אַנדערש זיין און עס וועט אַנדערש זיין. לאָז ער זעהן מיט זיינע אייגענע אויגען, ווי לייכט די גרויסע אומוועלצונג פון דער בעשטעהענדען אָרדנונג קען געשעהן.

8 טער קאפיטעל

דיא נייע צייט

דער גייסט האָט קוים ארויס גערעדט דיזע ווערטער, ווען איך האָב דערהערט פון דער ווייטען א גערויש, גלייך וויא דאָס רוישען פון׳ם ים אין דער צייט פון א שטורם, איך האָב מיך צוגעקוקט פון וואנען קומט דער גערויש איך האָב דערזעהן,—אין א גרויס לאנד לעבען א גרויסען ים א בעוועגונג פון מיליאָנען מענשען, זיי זיינען געלאָפען, האָבען גערעדט, געטענהט, געשריען, און דעבאטירט, אלע זיינען געלאָפען אין איין אָרט, אויף א הויכען אָרט איז געווען אויפגעפלאנצט א רויטע פאָהן אויף א לאנגען הויכען שטאנג, אלע האָבען געוויזען מיט דער האנד אויף דער פאָהן, איך האָב מיך צוגעהערט, וואָס זיי רעדען און האָב דערהערט פאָלגענדע פייעריגע ווערטער: —וואָס הייסט דאָס? וואָס פאר א שרעקליכע פלאגע קוועלט אונז און אונטערדריקט אונז! מיר האָבען א גוטעס, רייכעס לאנד און האָבען ניט קיין ברויט! מיר פלאגען אונז, ארבייטען שווער אין ביטער און לעבען אין ארימקייט און נויט! מיר שאפען אלעס, מאכען אלעס און האָבען גאָרניט! מיר צאָהלען אבגאבען, שטייערען, טעקסעס און מען שרייט אונז אלץ: עס איז וועניג! צאָהלט נאָך! ווער איז דער געהיימער פיינד. וועלכער פרעסט אונז אויף! ווער איז דער אונבעקאנטער צערשטערער, וועלכער נעהמט ביי אונז אלעס צו! ווער איז דיזע קראפט וועלכער פערניכטעט אונזער ארבייט, אונזער מיה, אונזער פלייס און אונזער לעבען! מיר לעבען אין פריעדען מיט אלע אנדערע פעלקער מיר פיהרען ניט קיין מלחמות און זיינען דאָך ניט זיכער ביי אונז אין דער היים! גענוג דער טיראניי! גענוג דער בארבאריי! קומט צו אונזער פאָהן! קומט צו דער פאָהן פון׳ם פאָלק! פערזאמעלט אייך! האלט פעסט צוזאמען! קעמפפט פיר אייערע מענשענרעכטע! קעמפפט פיר אייער פרייהייט!

אימער-העכער, אימער שטארקער האָט געדונערט דיא שטימע פון'ם פאָלק: אימער גרעסער, אימער גאַנצער איז געוואָרען דיא מענגע ארום דער פאָהן פון, אלע זייטען זיינען צוגעקומען נייע מאסען, נייע מענגען, נייע הויפען מענשען, וועלכע האָבען זיך פעראייניגט מיט דעם פאָלק, איך האָב צוגעזעהן מיט שטוינען, מיט בעוואונדערונג, וויא דיא גאנצער מאסע האָט זיך צוטהיילט אין צוויי פארטייען, איין פארטיי, דיא גרעסטע, במעט דאָס גאנצע פאָלק, איז געוועזן אבגעריסען אבגעשליסען, מיט בלייכע, מאָגערע, אויסגעדארטע געזיכטער, אויף וועלכע עס איז געוועזן אויס געמאָלט הונגער נויט און עלענד, דיא אנדערע פארטיי, א קליין הייפעלע, איז געווען דיק און פעט, אנגעטאהן אין רייכע טייערע קליידער, בעהאָנגען מיט גאָלד און טייערע שטיינער

איך האָב מיך צוגעקוקט צו דיא ביידע פארטייען און האָב דערזעהן אז דיא גרויסע פארטיי בעשטעהט פון דעם פראָלעטאריאט פון דיא ארבייטער, פון'ם פאָלק: אין דער קליינער פארטיי האָב איך געזעהן קעניגע, פירסטען, גייסטליכע, גרויסע און רייכע, ביידע פארטייען זיינען געשטאנען איינער נעגען דעם אנדערען, דיא איינע פארטיי פול מיט האס צאָרן און ראבע, דיא אנדערע דערשראָקען און צוטומעלט,

דאָס פאָלק, פאר וואָס דער ווייטערט איזור זיך פון אונז?

דיא קליינע פארטיי, איהר זייט דאָס פאָלק, איהר זייט פראָלעטארייער מיר אָבער זיינען פריוועליגירטע, מיר זיינען רייכע, מיר זיינען גרויסע, מיר זיינען פון „גאָטעס גנאדען" איינגעזעצט אום אייך צו רעגירען, אייך צו בעהערשען,

דאָס פאָלק, פון וואָס לעבט איהר? מיט וואָס בעשעפטיגט איהר זיך? וואָס פאר איין ארבייט טוהט איהר?

דיא קליינע פארטיי מיר זיינען ניט בעשאפען געוואָרען צו ארבייטען, מיר זיינען א העכערע קלאסע, מיר זיינען בעשאפען נור צו הערשען איבער אייך, מיר בעהיטען אייך און בעשיצען אייך,

דאָס פאָלק, וואָס הייסט? מיר ארבייטען און איהר געניעסט!

מיר שאפען און איהר נעהמט עס צו!

מיר פראדוצירען און איהר בענוצט עס!

אלע רייכקייטען קומען פון אונז און איהר פערשלינגט עס!

מיר מאכען אלעס און איהר רייסט עס ביי אונז אויס?

פרובירט נור לעבען אהן אונז, וועט איהר זעהן, אויב איהר קענט בעשטעהן! פרובירט נור ארבייטען, פרובירט נור פראדוצירען, וועט איהר וויסען, וויא אזוי צו שעצען און טהייער צו האלטען דיא ארבייט!

דיא קליינע פארטיי, איז געוואָרען אונרוהיג, זיי האָבען איינגעזעהן אז אהן דעם פאָלק קענען זיי ניט לעבען, אז דיא שקלאפען האָבען ביז אהער געארבייט פאר זיי און יעצט הייבען זיי שוין אן צו פארשטעהן און

וילען מעהר ניט ארבייטען פאר פוילענצער, זיי האָבען זיך בעטראכט, יי וועלען פראָבירען מיט גוטען: זיי וועלען פראָבירען דערקלערען דעם פאָלק זייערע רעכטע צו רעגירען און וועלען זיי בעווייזען, אז ארעם קומט זיי, [illegible]

דיא קליינע פארטיי, פראָלעטאריער! פאר געסט ניט, אז אונזערע עלטערן האָבען אבגענומען דאָס לאנד מיט זייער שווערד, אונזערע עלטערן האָבען בעזיעגט און פערטריעבען דיא ערשטע איינוואָוינער פון דעם לאנד, מיר האָבען זיך געפלאגט און געליטען, ביז מיר האָבען געבראכט דאָס לאנד צו אזא בליעהענדען צושטאנד, אין וועלכען עס איז יעצט, דער פאר געהערט דאָס לאנד צו אונז און איהר דארפט אונז דיענען, מיר האָבען געבויט פאבריקען, מיר האָבען געקויפט מאשינען, מיר האָבען איינגעאָרדענט אלע פעקטאָרים, אלעס, געהערט צו אונז דערפאר דארפט איהר ארבייטען ביי אונז;

דאס פאָלק, אזוי איהר האט אבגענומען דאָס לאנד? איהר האָט עס גערויבט פון ארימע מענשען, דערפאר איז עס אייערעס? איהר האָט געבויט דיזע פאבריקען, דיזע שטעדט דיזע אייזענבאהנען? מיט וואָס האָט איהר זיי איפגעבויט? ניט מיט אונזער שוויים און בלוט, פאר וואָס האָט איהר געקויפט דיזע אלע מאשינען? ניט פאר אונזער ארבייט? ניט פאר אונזער מיה? איהר זייט גלייך געבאָרען וויא מיר, פאר וואס קומט אייך אלעס און אונז גאָר ניט?

איינער פון'ם פאלק האט זיך געוואלט מאכען א שפאס און האט אויסגעשריען:

דער קיסר וויל אזוי דער קיסר הייסט אזוי!

שווייגט פראָלעטאריער! בייגט אן אייער קאָפּ. פאלט אויף איירע קניע פאר'ן גרויסען מעכטיגען, „פון גאָט געזאלבטען" קיסר!

עס איז געוואָרען א גרויס געלעכטער,

דיא קליינע פארטיי האָט געזעהן, אז דאָס העלפט אויך ניט,

זיי האָבען זיך ווייטער בעראטען, וואָס זיי זאָלען טאָהן, אום דאס פאָלק ווייטער צו פארקנעכטען,

—דאָס פאָלק איז דום, דאָס פאָלק איז אבערגלויביש האָט זיך אָנגערופען איינער מיט א שטיקעל גאָלדענעם בלעך אויפ'ן קאָפּ, דאָס פאָלק קען מען זעהר לייכט אָבנארען, ווען מען דערצעהלט איהם ליקען פון יענער וועלט, לאָמיר אָנשיקען אויף זיי דיא גייסטליבע, לחים, רעווערענדס, רבנים, דינים און חזנים, לאָזען זיי מיט זייערע יסע רעדעלעך, מיט זייערע חניפעלעך, מיט זייערע ליעגענס, מיט זייערע פאלשקייט, מיט זייער גרויסער קונסט צו בעטריעגען,—לאָזען זיי גוועגדען אלעס אום דאָס פאָלק צו איבעררעדען,

דער פלאן איז געפעלען און איינשטימיג אנגענומען געוואָרען, עט'ליכע גייסטליכע מיט גראָבע בייכער, מיט יראת שמים פנים'ער

דיא הענד אויפגעהויבען צום היטעל, האָבען זיך ארויסגעשטעלט או
האָבען אָנגעהויבען צו רעדען צום פאָלק,

—ליעבע קינדער! פארגעסט ניט, אז גאָט האָט בעשאפען ארימע או
רייכע, הערען און קנעכט, גאָט האָט געמאכט טאָג און נאכט, ארבייטער
און ארבייטסגעבער, קעניגע און אונטערטאהנען, ווער קען זיך אונטער-
שטעלען צו האנדלען געגען גאָטס געבאָטע? ווער קען עס וואגען צ
האנדלען געגען זיינע בעפעהלע?

—דאָס פאָלק, ווייזט אונז אייער פאָלמאכט, אייערע קרעדענשיאלס פו
אָט! ווען ער האָט אייך געזאָגט, אַז איהר זאָלט זיין הערשערס או
באָסעס, (מייסטערס) פאר וואס האָט ער פארגעסען אונז צו זאגען, א
מיר מוזען זיין ארבייטער און שקלאפען? פאר וואָס ווייסט איהר נור, א
גאָט האָט אזוי געבאָטען און מיר ווייסען דער פון גאָר ניט? פאר וואָס
האָט ער נור מיט אייך גערעדט און מיט אונז ניט?

ווען ער איז א גאָט און האָט אלע מענשען בעשאפען גלייך, קען
ער דאָך ניט הייסען, אז איינער זאָל ארבייטען מיט'ן ביטערן שווייס און
דער אנדערער זאָל עס ביי איהם צו נעהמען? איז דאָס א גאָט פון
גערעכטיגקייט וואָס בעפעהלט אונגערעכטיגקייטען? קען דען א גוטער
גאָט הייסען, אז איינער זאָל שלעכט בעהאנדלען דעם אנדערען, זאָל איהם
בערויבען? איהר זייט פאלש און אייער גאָט איז פאלש,

דער גייסטליכער, מיינע ליבע קינדער! גלויבען איז דיא ערשע פליכט
פון יעדער מענשען, דענקען אָבער איז א זינדע, גלויבט, וואָס גאָט זאָגט,
גלויבט אין זיינע היילינע נביאים, אין זיינע היילינע פריעסטער, וועט
איהר זיין גליקליך: קוים אָבער הייבט איהר אהן צו קלערען, צו פאָרשען,
קוים אָבער הייבט איהר אן צו דענקען, זייט איהר פערלאָרען, זייט איהר
פערפאלענע מענשען,

דאָס פאָלק, אזוי? דענקען איז א זינדע, פארשטעהן איז א פארברעכען?
פאר וואָס דענקט איהר, וויא אזוי אונז צו בערויבען? פאר וואָס קלערט
איהר, וויא אזוי, אונז צו פערקנעכטען? דאָס איז ניט קיין זינדע?

דער גייסטליכער, קענען מיר דען פארשטעהן גאָט'ס וועגען? קענען מיר
דערפאָרשען זיינע פלאנען? דיא „היילינע" רעליגיאָן לערענט אונז, אז דער
מענש איז געבאָרען געוואָרען צו ליידען אויף דער וועלט, גאָט'ס איינציגער
זוהן (ער האָט נור געהאט איין בן יחיד) האָט אונז געזאָגט, אז דער וואָס
ליידעט אויף דער וועלט, וועט בעצאהלט ווערן כפל כפלים אויף יענער וועלט,

דאָס פאָלק, ווייזט אונז א ביישפיעל! ארבייט, ליידעט, הונגערט
און ווערט פערשוואַרצט!

דער גייסטליכער ווערט אין כעס,

—דומקעפפע! קענט איהר דען לעבען אָהן א הערשער, אָהן א גאָט?

דאָס פאָלק, יא, מיר קענען לעבען אָהן אונטערדריקער! מיר קענען לעבען פריי, מיר קענען לעבען אלע גלייך, מיר קענען לעבען אָהן אייער גאָט, וועלכער הייסט דאָס גאנצע פאָלק זאָל ליידען אום איינציגע זאָלען האָבען צו פיעל, מיר דארפען ניט אייערע הערשער, וועלכע נעהמען צו ביי אונז אלעס און געבען אונז גאָר ניט, מיר דארפען ניט אייערע רומע קלאססענגעזעצע, וועלכע לעגען אויף אונז א רויף נור קייטען, מיר קענען לעבען אָהן דעם גאנצען שווינדעל, אהן דעם גאנצען בעטרוג, אָהן דעם גרויסען ליגען!

טרויעריג האָט דאָס קליינע הייפעלע אראָפּגעלאָזען זייערע קעפּ, זיי האָבען איינגעזעהן, אז דאָס פאָלק פארשטעהט שוין אז עס הייבט אן צו דענקען, אז מען קען שוין מיט זיי גאָר ניט מאכען, זיי זיינען זיך צוקראָבען אין אלע ווינקעלאך, וויא א הויפען פלעדער מייז, ווען דער ערשטער שטראהל פון דער פרעכטיגער זאָנע פאלט אויף זיי.

פלוצלינג האָט מען אויף געשטעלט א טריבונע הויך איבער אלע מענשען, אויף דער טריבונע איז ארויף געגאנגען א פאָלקס רעדנער און האָט מיט א פייעריגער שטימע, וועלכע האָט וויא א דונער שלאג דורכדרונגען אלע הערצער, געזאָגט צום פאָלק:

ברידער! אלע מענשען האָבען דיא זעלבע אָרגאנע, זיי האָבען דיעזעלבע געפיהלע, דיעזעלבע בעדירפניסע, דיעזעלבע אייגענשאפטען, אלזא מוזען זיי גלייך זיין; אלזאָ מוזען זיי גלייבע רעכטע און גלייבע פפליכטען האָבען; זיי מוזען גלייך ארבייטען און גלייך געניעסען; דער ערשטער פרינציפ פון יעדער מענשליכער געזעלשאפט איז פאלשטענדיגע גלייכהייט! גלייכהייט האָט אָבער אויך אנאנדער נאָמען, עס הייסט אויך גערעכטיגקייט, ווען איך בין גערעכט געגען דעם אנדערן, איז עס א סימן, אז ער איז גלייך מיט מיר, אין דער קאפּיטאליסטישען געזעלשאפט איז ניט געווען קיין גלייכהייט, דערפאר האָט איינער געזאָגט, אז ער איז הערשער און דער אנדערער איז א שקלאף.

גערעכטיגקייט אין גלייכהייט, גלייכהייט און גערעכטיקייט, (איך וויים ניט וועלכען בעגריף איך זאָל פריהער זאָגען) זיינען דיא ערשטע נויטווענדיגע מענשליכער געזעלשאפט, דיא נאטור איז רייך גענוג, אום אלע איהרע בעשעפּעניסע מיט אלעס גוטען צו פערזאָרגען, זוא האָט אלעס אום אלע בעדירפניסע פון אלע מענשען צו פריעדען צו שטעלען, קיין מענש דארף ניט זיין אבהענגיג פון'ם אנדערן מענשען, און דארף און מוז זיין פאָלשטענדיג פריי,

דער צווייטער פרינציפּ פון יעדער מענשליכען געזעלשאפט איז פאָלשטענדיגע פרייהייט......

דער רעדנער האָט נאָך זיינע רעדע ניט געענדיגט, אלס דאָס פאָלק האָט איינגעצייכענט א הויכע פאָהן מיט דיא דריי ווערטער:

גערעכטינקייט גלייכהייט און פֿרייהייט, און מיט אַ דונערענדער שטימע האָבען מיליאָנען שטימען מיט איינמאָל אַ געשריי געטהון: גערעכטינקייט, פֿרייהייט און גלייכהייט, די ערד האָט געציטערט פֿון׳ם שרעקליכען געשריי, דיא בערג זיינען געשפרונגען וויא דיא יונגע לעמער, און וויא אַ בליץ האָבען זיך דיא דריי ווערטער פֿערברייטעט אויף דער גאַנצער וועלט.

אין יעדער שטעדטעל, אין יעדען דערפֿעל האָבען געברענט פֿריידען פֿייער און מענער, פֿרויען און קינדער האָבען געטאַנצט אַרום זיי און האָבען געשריען: גערעכטיגקייט. גלייכהייט און פֿרייהייט:

9 טער קאפיטעל

פערזאמלונג פון אלע פעלקער.

מיט דער שנעליגקייט פון א עלעקטרישען פונק, האָט זיך דיא נאכריכט פערברייטעט אין דער גאנצער וועלט, אז א גאנצעס פאָלק האָט זיך בעפרייט: עס האָט פעריאָגט זיינע טיראנען, פערטריעבען זיינע אונטערדריקער, אָבגעשאפט זיינע בעהערשער און רעגירער: עס האָט צוריסען זיינע קייטען, צובראָכען זיין יאָך, צו שטערט, זיינע געפענגניסע, און אראפעוואָרפען פון זיך דעם דוקען שווארצען שלייער פון אונוויסענהייט אין אבערגלויבען, מיט וועלכע רויבזוכט און נידערטרעכטיגקייט האבען איהם געהאלטען געבונדען, א נייע צייט האט זיך אנגעפאנגען, א נייע ארדנונג איז איינגעפיהרט געווארען און א נייעס לעבען א נייע טהעטיגקייט הייבט זיך אן,

א וואונדערבארעס, זעלטענעס, ערהאבענעס, איבערראשענדעס בילד האט זיך פארגעשטעלט פאר מיינע אויגען, פון אלע נאציאנען זיינען געקומען דעלעגאטען אום זיך אנצושליעסען אן דיא גרויסע ברידער פאמיליע פון פרייע און גלייכע מענשען, דיא דעלעגאטען זיינען געווען זעהר פארשיעדען איינער פון'ם אנדערן דורך זייערע קליידער, זייערע שפראכען, זייערע געזיכטספיגע, זייער קערפערבוי און דיא פארבען פון זייער הויט,—אבער פעראייניגט דורך זייערע אידעען, דורך זייערע פרינציפען: גערעכטיגקייט, פרייהייט און גלייכהייט,

אַ זאנדערבאַרעס, אָבער שעהנעס, אַנציהענדעס בילד!

דאָ האָט מען געזעהן דעם אייראָפּעער אין זיינע ענגע קורצע, שוואַרצע ליידער, מיט אהויכען, רונדען הוט אויפ̄ען קאָפּ, מיט אַריין ראַזירטען געזיכט,

דאָרט—דעם אַזיאַטען אין זיינע ברייטע, לאַנגע קאָלירטע קליידער מיט אַ לאַנגע באָרד, מיט אַ ראַזירטען קאָפּ אונטער אַ קייליכדיגען טורבאן, (א מין קאָפּ בעדעקונג פון א מין שאַל, וואָס ווערט געטראָגען אין אַזיען און אַפריקאַ,) דאָרט—דעם אַפריקאַנער אין זיינע לייכטע קליידער

בעהאָנגען מיט רינגען און מיט קרעלען: דאָרט—דעם איינוואוינער פון דיא קאַלטע געגענדען, לעבען נאָרדפאָל, דער לאַפּלענדער אין זיין שפּיצינגען הוט פון זיין הערשענפעל, און לאַנגע הילצערנע שליטשוה, דער סאַמאָיעד איינגעוויקעלט אין פעל פון חיות, דער טונגוז מיט זיין גאָט אויפ'ן האַלז, אָדער אויפ'ן רוקען, דער קאַלמוק מיט אַ פּלאַטשיקער נאָז און מיט קאָסע אויגען, ווייטער האָט מען געזעהן דעם בינעזען אין זיידענע קליידער מיט אַ לאַנגען צאָפּ ביז אין דער ערד:

ווייטער—אַנדערע און אַנדערע פעלקער פון דער ערד, דער אַנבליק פון אַזוי פיעל פערשיעדענע מענשען, וועלכע זיינען דאָך אַלע גלייך, האָט אין מיר דערוועקט טויזענדער געדאַנקען, טויזענדער בעטראַכטונגען, טויזענדער געפיהלע,

מיט שטוינען האָב איך בעטראַכט דיא פערשיעדענע פאַרבען פון דער הויט פון'ם מענשליכען קערפּער: פון ריין ווייס, ביז ברוין, רויט פאַרב אליוו פאַרב בראַנד פאַרב, קופּער פאַרב, בליי פאַרב, ביז קויל שוואַרץ, איך האָב מיך צו געקוקט צום איינוואוינער פון'ם לאַנד קאַשמיר ער איז ריין קלאָר ווייס, לעבען איהם דער שווארצער אַפריקאַנער: לעבען איהם—דער בלייפאַרביגער אלעאוטע, לעבען דעם מאגערען, דינעם אַראַבער שטעהט דער פעטער, אנגעגאָסענער האָלענדער: לעבען דעם געדעריגען גראָבען סאַמאָיעדען—דער הויבער שטאַטיגער שוועד: לעבען דיא שוואַרצע, געקרייזעלטע האָר פון'ם נעגער—דיא שעהנע בלאָנדע האָר פון'ם דענעמאַרקער, עס איז מיר פאָרגעקומען גלייך וויא איך שטעה אויף דיא רייכע פעלדער פון'ם טייך ניל, אדער אייפראַט, באַדעקט מיט טויזענדער בלומען פון אַלערליי גרוים, פון אַלערליי פאַרבען פון אַלערליי געוויכען, איך האָב נאָכגעדאַכט איבער דיא אלטע און אימער נייע פראַגע: פון וואנען קומט עס, אז דער זעלבער מענש איז אין יעדער געגענד אַנדערש? וויא קומט עס, אַז דיעזעלבע מענשען, מיט דיעזעלבע געדאנקען, מיט דיעזעלבע געפיהלע, מיט דיעזעלבע בעדערפניסע, זיינען אזוי פערשיעדען אין זייערע קערפּער בוי, און זייער הויט פאַרב, און זייערע געזיכטסציגע? איך האָב נאָכגעדאַכט איבער דיא ערקלערונג פון דיא פילאָזאָפען, אַז דאָס קלימאַט, דיא שפּייזען און דיא בעשעפטיגונג פון'ם מענשען האָבען אַ גרויסע ווירקונג אויף איהם, דיא אַרט אין וויינע, וויא דער מענש לעבט, דיא וואוינונגען, און וועלכע ער לעבט, דיא געגענד, אויף וועלכע ער לעבט, האָבען אַ גרויסען איינפלוס אויף איהם, זיי ענדערן זיין קערפּער בוי, זיין וואוקס, זיינע געזיכטסציגע און דיא פאַרב פון זיין הויט, אָבער

אינטער אלע בעדינגונגען, אונטער אלע ענדרונגען. אונטער אלע פֿערשיע־דענהייטען בלייבען זיי דאן דיעזעלבע מענשען, מיט דיעזעלבע רעכטע פֿון פֿרייהייט און גלייכהייט, עס האָט מיך געפֿרייט צו זעהען אזא מאסע מענשען, וואס זיינען אלע געווען בעגייסטערט פֿון איינע אידע, בעלעבט פֿון איין געדאנק און פֿעראייניגט אין איין בונד פֿריינדליך און ברידערליך.

איין זאך אבער האט מיר געשטערט מיינע פֿריידע און פֿערביטערט מיין גאנצע שמחה, דיעזע גרויסע מאסע־ האָב איך מיר געטראכט־איז דאך פֿערשיעדען דורך איהרע רעליגיעזע מיינונגען אין דורך איין פֿון טויזענד יאהרען טיעף איינגעוואָרצעלטען אבערגלויבען, דיא רעליגיאנען מיט זייערע פֿערברעכען, מיט זייער שווינדעל מיט זייער הומבוג, מיט זייערע משוגעת'ן מיט זייער הערשזוכט, רויבזוכט און פֿערדארבענהייט, האָבען אויף דיא מענשען געמאכט אזא טיעפֿען איינדרוק, האבען אויף זיי ארויף געלייגט אזא טיעפֿען און שווארצען זיעגעל, אז עס דאכט זיך מען וועט איהם קיין מאל ניט קעננען פֿארגלעטען, קיין מאל ניט קעננען אבווישען, קיין מאל ניט קענען פֿערניכטען.

אמת, זיי ווילען אלע גלייך זיין, זיי ווילען אלע פֿריי זיין, זיי ווילען אלע לעבען פֿריעדליך און גליקליך, פּראָביר אבער זאגען דעם אינדיער, אז דיא מיסט פֿון דער קוה איז ניט הייליג: פּראביר זאָגען דעם פֿארטהער, ער זאל אויסלעשען א ליכט מיט'ן מויל: פּראביר זאגען דעם קריסט אז א „גאט" קען ניט געבוירען ווערען, און זיי וועלען זיין בעריוט דיך צו פֿער־ברענגען אויפ'ן שייטערהויפֿען,

דיעזער געדאנק האָט מיך ערפֿילט מיט טרויער און מיט פֿורכט. פּלוצלונג אבער איז געוואָרען רוהיג און שטיל מען האט געקענט הערען דיא אטהעמען פֿון א מענשען עס איז אויפגעשטעלט געווארען א טריבונע א פֿאלקסרעדנער איז ארויף און האט אנגעהויבען צו רעדען:

איינוואוינער פֿון דער וועלט!—האט דער רעדנער געזאגט, - בירגער, גענאסען! א פֿרייעס פֿאלק רעדט צו אייך דורך מיין מויל, א פֿאלק, וואס האט זיך נור וואס בעפֿרייט פֿון זיינע שווערע קייטען, ווענדעט זיך צו אייך, גיט אייך דיא ברידערהאנד און לעגט אייך פֿאָר זיך אן אונס אנצושליעסען, זיך צו פֿעראייניגען אין גרעכטיגקייט פֿרייהייט און גלייכהייט!

מיר האָבען אויך אזוי געליטען, וויא איהר: מיר זיינען אויך געווען אינטערדריקט און ערניעדעריגט, מיר האבען אבער געפֿארשט און געקלערט איבער דיא אורזאכען פֿון אונזערע ליידען און מיר האבען אויסגעפֿונען, אז אלע אונזערע ליידען קומען אונז פֿון דער אונגערעכטיגקייט פֿארשקייט און פֿערדארבענהייט פֿון דער געזעלשאפֿטליכער ארדנונג, אין וועלכע מיר האבען געלעבט, מיר האבען איינגעזעהן אז אונזערע צרות, אונזערע שקלאפֿעריי, אונזער נויט קומט אונז פֿון דעם אבערגלויבען, דיא פֿאלשע פֿארשטעלונגען, וואס מען האט אונז געמאכט איבער רעליגיאן, איבער גאט, און איבער זיינע בעפֿעהלע. זיינע מצות, זיינע תורות, אונזער אונגליק קומט פֿון דיא רויב־

זוכט פון דיא רייכע, פון דיא נידערטרעכטיגקייט פון דיא הערשער און דיא גרויסע מיר האבען אלעס פערניכטעט, אלעס אבגעשאפט, אלעס אומ־געווארפען, מיר ווילען ניט קענען קיין רעגיערונגען, וועלכע מאכען געזעצע נור פאר זיך נור קלאססענגעזעצע און זויגען אונזאוים, און טוהען פאר אונז גאר ניט: מיר ווילען ניטקענען דיא שלעכטע פערדארבענע געזעצע, וועלכע בריינגען אונז נור שאדען, מיר ווילען פאלגען נור דיא אייביגע, פעסטע, אונאיינענוציגע געזעצע פון דער נאטור.

פעלקער פון דער וועלט! הויבט אויף אייערע אויגען צו דער אייביגער זאנע, וועלכע בעלייכטעט אייך! קוקט אראב צו דיעזער ערד, וועלכע שפייזט אייך זיי געבען אייך אלעמען גלייך לעבען, ליכט, פריידע און גליק. ווער קען עס וואגען צו צונעהמען ביי יענעם, וואס דיא פרייע נאטור גיט איהם! מענשען! טהוט וויא מיר! פערטרייבט אייערע אונטערדריקער! פעריאגט אייערע טיראנען! פערשטויסט אייערע רויבער! לאמיר זיין איין פאמיליע איינע געזעלשאפט, איין פאלק! לאמיר האבען נור איין געזעץ—דיע פרייע און גערעכטע נאטור! נור איין געזעצבוך—דער געזונדער מענשענפערשטאנד! נור איין הערשער—גערעכטיגקייט! — נור איין רעליגיאן—איינינונג!

א דונער פון אפלאדיסמענטען און בייפאל רופע האבען אונטערבראכען דעם רעדנער, מען האט איהם ניט געלאזט ענדיגען זיין רעדע, פריידען געשריי האבען געמאכט דיא ערד ציטערן, גערעכטיגקייט! פעראייניגונג! פרייהייט! גלייכהייט! האט מען געשריען פון אלע זייטען, אזוי וויא קליינע קינדער, האבען אלע געטאנצט און געשפרונגען פאר פרייד, זיי האבען ארומגענומען איינער דעם אנדערן, האבען זיך געקושט און געוויינט מיט פריידענ־טרערן ענדליך איז דער ליארם שטיל געווארן, מען האט זיך צו ביסלעך־וויס בערוהיגט, מען האט אנגעהויבען צו רעדען איינער מיט דעם אנדערן מען האט געבראכט שפייזע און געטרענק און געוואלט בעזיעגלען דעם נייען בונד דורך א פאלקס פעסט

דא אבער זינד ענטשטאנדען נייע שוועריגקייטען, דער אינדיאנער האט ניט געוואלט עסען מיט'ן אייראפעער, דער פאר וואס ער עסט ניט קיין פלייש און קיין שום זאך, וואס קומט פון א לעבעדיגער זאך, דער מאהמעדאנער האט ניט געוואלט עסען מיט'ן קריסט, ווייל דער קריסט עסט שווינען פלייש, דער איד האט מיטביידע ניט געוואלט עסען, ווייל דאס פלייש איז ניט געזאלצען געווארען, וויא דער דין איז, קיינער האט ניט געוואלט עסען מיט'ן ניו קאלעדאניער, ווייל ער עסט אלעס, וואס ער קען נור קריגען: היישעריקען, יאשטשערקעס, שלענג, און שפינען, עס זיינען ענטשטאנדען שטרייטיגקייטען, צאנקערייען, דער פון טויזענער יאהרען איינגעוואורצעלטער אבערגלויבען האט זיך ערוואכט מיט נייער קראפט אין

זיי, אלע זיינען געווען איינפערשטאנדען צו בעפרייען זיך פון שקלאפעריי, אלע האבען איינשטימיג אנגענומען, אז מען דארף נים קיין הערישער. מען דארף נים קיין געזעצע, קוים אבער איז געקומען צו רעליגיעזע: צערמאניע האבען זיי זיך נים געקאנט איינינגען און יעדער האט געוואלט בעווייזען, אז ער האט רעכט, אז זיין גאט איז דער אמתער, אז זיין רעליגיאן פערדינט גלייכהייט און פרייהייט. עס האבען זיך זאגאר געפונען איינינגע, וואס האבען בעהויפטעט, אז דיא נייע געזעלשאפט מוז האבען א רעליגיאן מיט א גאט מיט כהנים, מיט לוים מיט רעוורענדס מיט גלחים, עס איז געווארען א ליארם דיא ליידענשאפטען האבען זיך צוהיצט, דיא אויגען האבען אנגעהויבען צו פונקעלן, דיא ארבעל האבען זיך פערקאטשעט און איך האב מורא געהאט: אט, אט וועלען זיי זיך צושלאגאן, עס איז אבער אזוי חייט נים געקומען, דער רעדנער האט גערופען צו ארדנונג און האט אויסגעשריען מיט א דאנערנדער שטימע:

וואס טוהט איהר מענשען? וואוהין קען אייך פיהרען דיעזער שטרייט, דיעזע צאנקערייען? שוין טויזענדער יאהרען קריעגט איהר זיך איבער דום-הייטען: טייכען בלוט זיינען פערגאסען געווארען איבער מיינונגען, וואס איינע איז אזוי פאלש, וויא דיא אנדערע: ימים מיט טרערען זיינען געפלאסען הונדערטער מענשען האבען געליטען דיא גרעסטע צרות, דיא שרעקליכסטע מארטער איבער נארישקייטען, וואס האבען קיין זינען, האבען דען דיא טויזענדע מארטירער, וואס האבען געאפפערט זייער לעבין פאר זייער רעליגיאן, געבראכט עטוואס נוצען זיך אדער דיא מענשהייט? צו וואס האבען געפיהרט אלע מלחמות איבער רעליגיאן אדער פאר רעליגיאן? טויזענדע, מיליאנען מענשען זיינען געפאלען, דיא הערשער האבען אריין געחאפט נאך א שטיק לאנד נאך עטליכע טויזענד שקלאפען און דאס פאלק האט געליטען און ליידעט נאך אימער, האבען דיא מארטירער דורך זייער בלוט וועניגסטענס איין מענשען גליקליכער געמאכט? ניין! האבען זיי דורך זייער טוידט זייערע נעכנער איבערציינט? ניין! אלזא, צו וואס נוצען דיעזע שטרייטיג-קייטען, דיזע צאנקערייען? בעטראכט, מענשען, איבערלעגט אייך! וואס טוהט איהר, אז צוויי מענשען שטרייטען איבער א זאך, איבער א פראגע איבער איין אויפגאבע? מען פרעגט א דריטען, א פיערטען, א פינפטען, ביז מען קומט צו דער איבערציינונג, אז דער אדער יענער האט רעכט, טוהט אויך אזוי, קלויבט אויס קלוגע מענשען פון אייך, מענה'ט פאר זיי אפען און פריי, לאז יעדער ארויסזאגען זיינע מיינונג: לאמיר אויסגעפינען ווער עס האט רעכט, וועלכע מיינונגען זיינען דיא ריכטיגע, וועמעס אידעען זיינען דיא בעסטע, דיא אמת'ע אפשר האט איהר גאר אלע א טעות, איהר זייט גאר אלע פערפיהרט, פארנארעשט, אפשר ....

—בראווא! האט מען מען געשריען פון אלע זייטען,

ער האט רעכט!

—דאן, האט ווייטער געזאגט דער רעדנער,
שטעלט אויף אין דער מיט א הויכען אַלטאר, אויף וועלכען עס זאלען שטעהן מיט גרויסע בוכשטאבען : פריעדען און איינינקייט: לאז יעדע רעליגיאן ארויסשטעלען איהר פאהן : לאזען אלע וואס בעקענען א רעליגיאי זיך פערזאמלען ארום זייער פאהן : לאזען דיא געלערנטע פון יעדע רעליגיאן ארויסטרעטען און דעבאטירען, דיא פערנונפט דער שכל הישר, דער געזונדער מענשען פערשטאנד וועט ענטשיידען, ווער עס האט רעכט, איך מיין, אז איהר האט אלע אונרעכט, אז אלע אייערע רעליגיאנען זיינען פאלש און טויגען ניט, אין א סעקונדע האט זיך געבילדעט א גרויסער קרייז, אין דער מיט איז געשטאנען א טריבונע, אויף וועלכער עס האבען גע- פלאטערט רויטע פאהנען מיט דער אויפשריפט : פריעדען און איינינקייט ארום און ארום דער טריבונע האבען זיך געוויזען פאהנען פון אלערליי פארבען מיט פערשיעדענע עמבלעמע (צייכען,)
עס איז געווען א שעהנעס, הערליכעס בילד, עס האט אויסגעוויזען זויא א גרויסער פארט, וואו עס זיינען זיך צונויפגעפאָהרען שיפען פון אלערליי פעלקער, פון אלערליי לענדער, און יעדער שיף האט אויף איהר העכסטען זעגעלבוים ארויסגעשטעלט דעם פלאג פון איהר לאנד, פון איהר פאלק.
—אה! האב איך אויסגעשריען, איך האב געמיינט, אז אין דער וועלט איז נור דא 8 ביז 10 רעליגיאנען, איך זעה אבער יעצט אז עס איז דא עטליכע טויזענד און יעדער האלט זיך נאך פעסט אן זיין אבערגלייבען,
אה, ווען וועט עס שוין איין ענדע נעהמען !
דער מענשליכער גייסט גייט פארווערטס מיט ריעזענשריטען, האט מיר געזאגט דער גייסט, ער בעפרייט זיך פון אלע קייטען, יואס נידער- טרעכטיגקייט, שווינדעל און געלדזוכט האבען אויף איהם ארויף געלייגט ער וועט זיך פון דעם רעליגיאן שווינדעל אויך באלד בעפרייען, קוק זיך נור צו צו דיזע פאהנען, איך וועל דיר זיי דערקלערען, זעהסט דוא דארט דיא גרינע פאהנען, אויף וועלכע עס איז אויסגעמאלט א האלבע לבנה, א שווערד און א קיטל דאס זיינען דיא פאהנען פון דעם אראבישען שווינדעל- נביא, מחמד,
זיינע נאכפאלגער פארדערן אז מען זאל זאגען, אז עס איז דא א גאט מען מעג אפילו פאזיטיוו וויסען אז עס איז ניט אמת : מען מוז גלויבען, אז גאט האט געגעבין צו מחמד א תורה און מען מוז אין דער זעלבער צייט גלויבען, אז גאט האט קיין מאל מיט קיין מענשען ניט גערעדט, אין זיין תורה שטעהט, אז מען דארף וואשען דיא הענט מיט וואסער און מען מעג זיי בעשמו- צען מיט מענשען בלוט : מען זאל געבען צדקה ארימע לייט און מען מעג זיי בערויבען און בעטריגען,
אזוי זאגען דיא פרומע מאהמעדאנער יעדער וואס איז ניט איינפערשטאנ-

דען מיט זיי, איז איין אפיקורוס און מען מעג איהם הרגענען, א נוטער, א גערעכטער גאט האט געגעבען אזעלכע מערדערישע געזעצע, ער האט געגעבען דיא געזעצע פאר אלע מענשען, אויסגעזאגט האט ער אבער זיי נור צו איין מענשען מחמד, ער איז אייביג און האט געמאכט דיא געזעצע פון אייביג אן, נור ער האט זיי געהאלטען ביי זיך, פערפאקט אין זיין שרייבטיש, ביז עס איז געקומען מחמד און ער האט זיי איהם איבערגעגעבען,

דיא געזעצע, דיא תורה, דער קאראן, זאגען זיי, איז קלאר און דייטליך און דענאך האט מען זיי קיין מאל ניט פערשטאנען און מען האט יעדעס מאל געמוזט האבען ערקלערונגען, דיזע פירושים, קאמענטאריען, דיזע ערקלערונגען, דיזע פירושים זיינען ווידער אזוי פערשיעדען איינער פון דעם אנדערן אז מען קען שוין גאר ניט וויסען וועמען צו גלייבען, איינער ערקלערט דיזע קלארע, דייטליכע געזעצע פון גאט אויף אזא אופן,— דער אנדערע דערקלערט זיי אויף אנאנדער אופן, איינער זאגט אז דיא און דיא זאכען מעג מען טאהן, —מען דארף זיי טאהן און אז מען טוהט זיי איז מען היילינג; דער אנדערער זאגט אז מען טאר זיי ניט טאהן און אז מען טוהט זיי איז מען פערדאמט נו, וואס זאל מען טאהן, אז מען וויל אויספאלגען דיזע געטליכע געזעצע? אז יעדער פון דיא ערקלערער מפרשים, זאגט, אז נור ער אליין פארשטעהט גאטס געזעצע און דער אנדערער איז א שווינדלער?

בעטראכט נור דיזע, וואס שטעהען לעבען דיא פאהנען, דאס זיינען דיא מופטי׳ם, דיא מוללאה׳ס, דיא אימאמ׳ס, דיא דערווישע, איין יעדער פון זיי זאגט, אז נור ער אליין פארשטעהט גאטס געזעצע, און נור אזוי וויא ער דערקלערט זיי, אזוי מוז מען טאהן, אז ניט ... איז דוא א שווערד מיט א קייט! איין יעדער פון זיי שרייט אז ער איז פרום, אז ער טהוט אלעס פון גאטס וועגען, פון זיין תורה וועגען און צום סוף וואלט איינער דעם אנדערן געשטאכען אדער פארברענט—פון גאטס וועגען! מען קריעגט זיך איבער זאכען, וואס א קינד פערשטעהט, אז זיי זיינען לעכערליך וויא צ״בש, וויא אזוי, מען וועט אמאל געהען אויף דער פאפיערענער בריק וויא אזוי עס וועלען וואקסען פון דער ערד פארטיגע ווארשטען און לאקירטע שיך: וויא אזוי מען וועגט אויף יענער וועלט דיא מצות מיט דיא עבירות און דערגלייכען קינדערייען.

לעבען דיא גרינע פאהנען שטעהען ווייסע פאהנען בעזייעט מיט קרייצען, ארום זיי שטעהען דיא גלויביגער פון יעזוס קריסטוס, זיי גלויבען אין דעם זעלבען גאט, וויא דיא מאחמעדאנער: זיי זאגען אויך אז דערפאר, וואס א מענש האט א מאל געגעסען א גע׳גנב׳טען עפעל, שטארבט ער און איז זינדיג, דענאך האט איינער דעם אנדערן פיינד וואלט איהם פאר פרומקייט אוים ליעבע צו גאט געשטאכען אדער פארברענט, דער איינציגער אונטערשייד צווישען קריסטען, מאחמעדאנער

אין דער, אז דיא מאחמעדאנער זאגען, אז זייער גאט איז איינער, מע קען איהם אויף קיין פאל ניט צוטהיילען אדער צונעהמען אויף שטיקער, דיא קריסטען אבער זאגען: ניין, גאט איז טאקע איינער נור ער איז צוזאמענגעשטעלט פון דריי פערשיעדענע שטיקער: אז מען דארף לעגט ער זיך צונויף און איז איינער און אז מען דארף צונעהמט ער זיך און איז דריי, אזוי וויא צ"בש, א צוזאמענגעלעגטער דיוואן אדער סאפע; דיא קריסטען זאגען ווייטער, אז איינער פון דיא דריי גאטען האט זיך געמאכט פאר א מענש, האט געלעבט וויא א מענש און געשטארבען וויא א מענש און דאך א?. דאס געווען א גאט, דיא מאחמעדענער, וואס קענען אזעלכע טיעפע סודות ניט פארשטעהן, לאכען פון זיי און דער פון נעהמט זיך דער שרעקליכער האס, דיא שנאה, וואס איז צווישען דיזע 2 רעליגיאנען,

זעה נור, וויפיעל פעהנדליך טראגען אויף זיך דעם צייכען פון'ם קרייץ! דוא וועסט מיער ווערן זיי צעהלענדיג, אזוי פיעל פערשיעדענע סעקטען, אזוי פיעל פערשיעדענע גלויבענס זיינען דא אין קריסטענטהום: נעסטערי-אנער אנאבאפטיסטען, קאטאָהליקען, לוטהעראנער, מעטאדיסטען, וויקלעפים-טען, פרעסבעטעריאנער ... ווער קען זיי אלע איבערצעהלען! יעדער פון זיי דערקלערט אנדערש, וויא אזוי דיא צונויפגעלעגטע, דרייגאָרענדיגע סאָפע, איך מיין זייער גאט איז צוזאמענגשטעלט און וויא אזוי מען דארף איהם צו נעהמען אויף דרייען, זיי זיינען אלע איינפערשטאנדען, אז גאָט קען מען ניט פארשטעהן און איין יעדער ערקלערט איהם. גלייך וויא עס וואלט געווען א מאשין, וואס ער ארבייט דארויף, צוויי ביז דרייהונדערט קריסטליכע סעקטען זיינען שוין אונטער געגאנגען, און צוויי ביז דרייהונדערט סעקטען עקזעסטירען נאך און האסען, פעראכטען און פערפאלגען איינער דעם אנדערן,

לעבען זיי שטעהט איין איינציגע פאהן פון א געלע פארב, ארום דער פאהן זיינען פערזאמעלט מענשען פון אלערליי, לענדער, און אלערליי קליידער פון אייראפא, אזיען און אפריקא,

—אה, האב איך געזאגט צום גייסט, דא וועניגסטענס זעה איך איינינקייט: דיא פאהן שטעהט גאנץ אליין, ארום איהר זיינען ניטא קיינע אבטהיי-לונגען, קיינע פעהנדליך, דיא מענשען,וואס האלטען פון דעם גלובען געפינען זיך אין דער גאנצער וועלט און דענאך האלטען זיי זיך צוזאמען און זיינען ניט צושפאלטען, וויא דיא אנדערע רעליגיאנען,

דאס דוכט זיך דיר נור אזוי, האט דער גייסט געענטפערט, קוק זיך צו צו דער פאהן: אויף איהר איז אויפגעשריעבען אין העברעאישע בוכשטאבען דער נאמען "יהוה" דיא, וועלכע שטעהען ארום איהר האלטען אין זייערע הענד לולבים און געהן אנגעטהאן אין טליתים.

—אה, יעצט זעה איך, דאס זיינען דיא קינדער איזראעלס, דאס אונגליק-ליכע פאלק, וואס האט געליטען און ליידען נאך אזוי פיעל, עס איז

צו זייעט און צושפרייט אויף דער גאנצער וועלט, אומעדום איז עס פערפאלגט, אומעדום געהאסט, אומעדום פערהאסט,

—דאס איז דיא אורזאכע. וואס אויפ'ן ערשטען בליק מיינט מען אז ביי זיי איז דא איינינקייט, און אז דאס גאנצע פאלק האלט זיך אן איין רעליגיאן, זיי זיינען צו שוואך אום איינער דעם אנדערן זאל קענען פערפאלגען איבער רעליגיאן: זיי זיינען זופיעל פערפאלגט אום זיך אין פארטייען צו צורייסען, זיי האבען ניט דיא צייט, ניט דיא פרייהייט זיך איינער דעם אנדערן צו בעקעמפפען.

לאזען זיי זיך אבער אין א לאנד אביסעל אברוהען: לאז מען זיי נור צורוה לאזען אויף א שטיקעל צייט: לאז מען נור זיי ניט אזוי פערפאלגען, אזוי אונטער-דריקען—און עס וועט זיך באלד אנהייבען צווישען זיי שטרייטיגקייטען און צאנ-קערייען איבער רעליגיאן, זיי וועלען זיך באלד צושפאלטען און זיך צו טהיילען אויף אזוי פיעל סעקטען, אזויפיעל רעליגיאנען, וויא פיעל ראבינער זיי האבען, פערגעסט נים אז ווען זיי זיינען נאך געווען אין זייער לאנד און נאך געהאט זיירע קעניגע, האבען זיי זיך שוין צוטהיילט אויף צוויי גרויסע סעקטען:

דיא פרושים און דיא צדיקים, דיא צדיקים האבען געזאגט אז מען דארף נור טהון וואס עס איז געשריבען אין דער תורה, וועלכע גאט אליין האט געגעבען צו משה'ן: אז וויא באלד משה האט געשריבען, האט ער דאך אלעס אנגעשריעבען, דיא פרושים זאגען, אז א חוץ דיא תורה איז נאך דא א צווייטע תורה, וואס נור דיא רבנים ווייסען פון איהר, אין דער צווייטער נייער תורה זיינען אויך דיא געלערנטע נים אייניג: יעדער רב ערקלערט זיי וויא ער וויל, וואס איינער רופט טריפה רופט דער אנדערער כשר: וואס איינער זאגט אסור, זאגט דער אנדערער מותר, גיב זיי א פאליטישע מאכט, זעץ זיי אריין אין א בעזונדער לאנד און זיי וועלען זיך אויפרעסען איינער דעם אנדערן איבער זייער איינציגער רעליגיאן,

וויי‍טער שטעהען מענשען אין ווייסע קליידער מיט פערהאנגענע געוויכטער, זיי שטעהן ארום א פייערפארביגער פאהן, אויף וועלכער עס איז אויסגעמאלט דיא ערדקוגעל האלב ווייס און האלב שווארץ,

—דאס זיינען דיא פארטהער, האט מיר דער גייסט געזאגט, דיא אנ-הענגער פון זאראַ אסטער, זיי זיינען א מאל געווען א גרויס פאלק: היינט ווינען זיי, אזוי וויא דיא אידען, קליין און ערנידריגט, זיי האבען אנגענומען זאראַ אסטערס לעהרען אויפ'ן ווארט, זיי פארשען ניט, זיי קלערען נים זיי דענקען ניט, זיי גלויבען, וואס זאראַ אסטער האט זיי געזאגט: אז עס ווינען דא 2 געטער, א גוטער און א שלעכטער, ארמוזד איז דער גאט פון ליכט, דער גוטער גאט, ער האט אלעס בעשאפען און וויל טאהן נור גוטס איי‍ער וועלט, איהם צו הילף שטעהט א גאנצע מחנה ליכטיגע גוטע ח' ג' ב' (אמשאס ספאנדא) וואס טהיען גוטעס דיא מענשען, א הארימא

אבער איז דער גאט פון פינסטערנים און פון אלעם בייז, ער האט צו זיך א גאנצע באנדע בייזע גייסטער, (דעוו'ס) וועלכע פלאגען און מארטערן דיא מענשען. בייזע געטער מיט זייערע מחנות קריגען זיך און שלאגען זיך בעשטענדיג, צווישען זיי געהט פאר א שרעקליכער קאמפף פאר דיא הערשאפט איבער דיא וועלט, אמאל איז דער ארמוזד גובר און דיא מענשען געהט גוט, עס רעגענט צור צייט, דיא מענשען זיינען געזונד, און עס איז א גוט יאהר, איז אבער אהארימאן גובר, לאזט ער קיין זאך ניט וואקסען, קראנקהייטען ברעכען אויס, מענשען שטארבען און עס זיינען שלעכטע צייטען, ווען מען ברענט אבער בעשטענדיג פייער (נר תמיד) העלפט מען דער מיט דעם גוטען ארמוזד, צווישען זיי זיינען אויך דא פערשיעדענע כעקטען, וויא צווישען דיא אידען, זיי זיינען צו שוואך אום זיך עפענטליך צו קריגען.

לעבען דיא פארטהער שטעהט א הימעל בלויע פאהן, ארום איהר זיינען דא פיעלע קליינע פעהנדליך פון דער זעלבער פארב אויף וועלכע זיינען אויסגעמאלט אלערליי ווילדע בעשעפענישען: חיות מיט מענשענקעפ, מענשענגעשטאלטען מיט 8 הענד מיט 10 פיס און דערגלייכען זאנדערבארע בעשעפענישען, דאס זיינען דיא פיעלע סעקטען פון דיא אינדיער, זיי זיבען ניט זייערע געטער אין הימעל, זיי געפינען זיי אויף דער ערד, דער מיאוסער און בייזער אפפע (אבעזיאנע) האנומאן איז ביי זיי א גאט און זיי בויען איהם טעמפעל, זיי גלויבען, אז דיא נשמות פון דיא טויטע געהן אריבער אין מייז, אין שלענג, אין זשאבעס, אין יאשטערקעס, און אנדערע חיות, זיי בויען שפיטעלער פאר קראנקע מייז, פאר קראנקע שלענג, פאר אלטע, שוואכע קראקאדילען און לאזען מענשען שטארבען אין דיא גאסען פאר נויט און הונגער, ווען זיי שמירען זיך אויס מיט דער מיסט פון א קוה, גלויבען זיי, אז זיי זיינען ריין (טהור) און אז זיי ריהרען זיך אן צו א מענשען ווערן זיי ניט ריין (טמא) זיי טראגען א נעץ אויפ'ן מויל, זיי זאלען ניט איינשלינגען א פליעג און עס קימערט זיי זעהר ווייניג, ווען זיי זעהן א מענשען שטארבען אויף דער גאס, אלע גלויבען זיי אין דיא זעלבע געטער און קענען זיך אויף קיין פאל ניט פעראייניגען אין דער קלענסטער זאך.

— זעה ווייטער! דארט אין ווינקעלע שטעהט א פאהן אויף וועלכער עס איז אויסגעמאלט א מענשליכע פיגור מיט 4 קעפ, דאס בילד פון דעם גרויסען גאט בראהאמא, זיי גלויבען אין א דרייענדיגען גאט (טרימורטי): בראהאמא, ווישנו, און סיווא, בראהאמא איז דער גרעסטער גאט: ער האט בעשאפען דיא וועלט, האט זיא איינגעארדנעט אויפ'ן בעסטען ארט און פון דאמאלס אן רוהט ער זיך אפ, ער טוהט יעצט שוין גאר ניט, ער קימערט זיך ניט מעהר פאר דער וועלט, דער פאר אבער דיענט מען איהם ניט מעהר מען בויט איהם ניט קיין טעמפעל, מען ברייננט איהם

ניט קיין קרבנות, מען בעט צו איהם ניט, און מען קוקט זיך אייך איהם ניט אום ער שטעהט אין א ווינקעלע אין דעם גרויסען טעמפעל פון דער שטאדט בענארעס און אלע אין דער פריה בעשפריצט איהם דער גרעסטער פריעסטער מיט א ביסעל וואסער, הינטער זיי שטעהט א לאנגע שורה פון קליינע און גרויסע געטער און געטינען, קרובים און פריינד פון די גרויסע דריי געטער, אט איז די געטין לאקשמי, ווישנו'ס פרוי זיא איז די געטין פון ליעבע און פרוכטבארקייט, אט איז וויטער די שרעקליכע בלוטיגע געטין קאלי סיווא'ס פרוי, די אפפער וואס מען ברייגנט איהר זיינען אלע בלוטיג, זיא טייטעט און פערניכטעט אלעס.

ווייטער שטעהן פיעלע פאהנען, אלע פון איין פארב, דוכט זיך, און דאך זיינען זיי פערשיעדען, עס איז איין גאט וואס אלע דיזע פעלקער אנערקענען און דאך זיינען זיי פערשיעדען, יעדעס פאלק האט אנאנדערע פארשטעלונג פון איהם און האט פון דעם זעלבען גאט אנדערע נעזעצע ערהאלטען. די זינעזען רופען איהם פאה, די יאפאנעזער רופען איהם בודסא, די ציילאנער רופען איהם בודהא אדער בעדהו די איינוואוינער פון לאאס רופען איהם פאטא, די סיאמעזען רופען איהם סאמאנא קאדאם אדער אייך העברעאיש „שמינו קדם" דער טיבעטער רופט איהם לא, אלע זיינען מודה, אז ער האט געלעבט זעהר פרום, האט שטענדיג נעפאסט און געפאסט, וויא אזוי אויסצובעסערן, די מענשהייט,

אלע זיינע אנהענגער זיינען איינפערשטאנדען, אז ער האט געוואלט בעגליקען די מענשען, אז ער איז פאר זיי געשטארבען (א גאט—געשטארבען ?) זיי קענען זיך אבער ניט אייניגען, וויא אזוי מען זאל איהם דינען, וויא מען זאל איהם נאכטאהן וויא, אזוי מען זאל איהם געפעלען, דא שטעהט א יאפאנער באנז (פריעסטער) און פרעדיגט, אז די נשמה פון'ם זינדיגען מענשען ווערט נאכ'ן טויט מגולגל אין א חיה, אין א בהמה, אין א בלום. אין א שטיין: לעבען איהם שטייט א כינעזער האנשאנג (גייסט-ליכער) און זאגט אז דער מענש האט גאר קיין נשמה ניט: אז די נשמה פון'ם מענשען, איז דאסזעלבע וויא דער ניגון, די מעלאדיע פון א פידעל, איז דער פידעל גאנץ און מען שפיעלט אויף איהם, גיט ער ארויס טענער די מעלאדיע: צוברעכט מען דעם פידעל, איז די מעלאדיע אייך פערשוואונדע,

ווייטער שטעהן א לאנגע שורה פון פאהנען, פון רעליגיאנען, פון גלויבענס, דא שטעהן די ווילדע באנדען פון די מאמורען, וועלכע פאר-געטערן אלערליי טהירע, פייגעל און אינזעקטען, זיי דערמאנען אונז אן די אלטע צייטען, אן די אלטע פעלקער: זיי זיינען דער רעסט, די איבערגעבליבענע פון א אלטער וועלט, א טרויעריגעס אנדענקען פון ווילדע

פינסטערע צייטען! דארט שטעהן דיא איינוואוינער פון קאמטשאטקא, קאלטע, ארימע רויהע געגענד, זיי שטעלען זיך פאר זייער גאט אלט, בייזען אלטען, וועלכער פאהרט ארום אין א שליטען מיט 50 פאר הינד איינגעשפאנט און פאנגט ווילדע חיות, דארט ווייטער נאך ווילדערע פעלקער וועלכע האבען קיין שום בעגריף ניט פון א גאט, ניט פון א נשמה ניט פון א געזעץ און דענאך געניעסען זיי אלע פריידען און אלע גאבען פון דער נאטור, דאס זיינען איינפאכע נאטור קינדער, וועלכע לעבען אין דער נאטור, וויא דיא פייגעל וויא דיא פיש, וויא דיא אינזעקטען און פיהלען זיך גאנץ גליקליך, פילייכט גליקליכער פון אונז, ציוויליזירטע, אויפגעקלערטע, געבילדעטע און דאך אונזינענדע מענשען,

10 טער קאפיטעל

וועלכע רעליגיאן איז דיא ריכטיגע ?

דיא פעלקער האבען זיך ענדליך אויסגעשטעלט יעדער אויף זיין פלאץ, עס איז געווארען רוהיג און שטיל, יעדע רעליגיאן האט ארויסגעשטעלט איהרע פריעסטער, איהרע לעהרער און איהרע געלערנטע, איין יעדער פון זיי איז געוועזן איבערציינט, אז זיין רעליגיאן איז דיא אמת'ע דיא איינציגע, ריכטיגע און דיא בעסטע,

—זעהט, מענשען קינדער! האט דער רעדנער געזאגט, זעהט, וויא דיא פעלקער וועלכע האבען געלעבט, אבגעזונדערט איינער פון דעם אנדערן, זיינען זיך צוגאנגען אויף פערשיעדענע וועגען, האבען אנגענאמען פערשיעדענע מיינונגען, פערשיעדענע אידעען, פערשיעדענע בעגריפע, יעדער דענקט אז נור ער האט דיא ווארהייט, אז דער אמת איז נור ביי איהם, איהר מוזט דאך אבער צוגעבען, אז דיא וואהרהייט איז נור איינע : איהר מוזט זיך דאך אין דעם פונקט וועניגסטענס פעראייניגען, אז קיין 2 וואהרהייטען קען ניט זיין, אלזא, ווען דיא וואהרהייט איז נור איינע, איז דאך נור איין רעליגיאן וואהר, אלע אנדערע זיינען פאלש : היינט וויא באלד איהר מוזט צוגעבען אז הונדערטע טויזענדע לעבען אין טעות און האלטען א ליגען פאר אן אמת.— קען דאך זיין, אז איהר האט אלע א טעות און עס איז גאר קיין וואהרע רעליגיאן ניטא,

אבער לאמיר זאגען, אז עס איז יא דא איין איינציגע וואהרע רעליגיאן וויא קען מען זיא דערקענען צווישען דיא הונדערטע פאלשע רעליגיאנען? וויא קען מען אויסגעפינען, וועלכע איז דיא וואהרע ? איך געפין קיין אנדערע עצה ניט, קיין אנדערען וועג ניט, אלעס מיר זאלען זיך פאר-שטעלען, אז מיר האבען גאר קיין וואהרהייט, מיר מיזען זיא ערשט זוכען מיר מוזען אזוי לאנג פארשען, און קלערען, ביז מיר וועלען זיא אויסגעפינען,

ביז אהער — איך רייד פון דיא פינסטערע צייטען — האט יעדער בעוויזען זיין וואהרהייט מיט דעם שווערד אין דער האנד אדער מיט דעם

שייטערהויפען, יעצט לאמיר זיא בעווייזען דורך דיא פערנונפט, דורך דעם שכל הישר, דורך דעם געזונדען מענשען פערשטאנד,

איינע פון דיא ערשטע פאהנען, איז ארויסגעטראָטען פון'ם קרייז און האט געבעטען דאס ווארט,

—עס איז קיין צווייפעל, — האט געזאגט דער טרעגער פון דער פאהן — אז אונזער רעליגיאן איז דיא אמת'ע און דיא איינציגע ריכטיגע, ווארום גאט אליין בכבודו ועצמו האט זיא אונז געגעבען, גאט אליין האט זיך צו אונז בעוויזען און האט אונז געגעבען זיין הייליגע תורה און זיינע מצות...

ער האט ניט געענדיגט, פון אלע זייטען האט מען געשריען: —צו אונז האט זיך אונזער גאט אויך בעוויזען! אונז טאקע האט ער מיט זיינע אייגענע הענד איבערגעגעבען זיינע געבאטע, ווער קען דען דארין צווייפעלן?

—זעהט איהר?! האט דער רעדנער געזאגט, אלע שרייען דאסזעלבע, אלע גלויבען דאסזעלבע, נו קען דען זיין, אז דער זעלבער גאט האט זיך בעוויזען צו אזוי פיעל פערשיעדענע פעלקער און האט יעדען געגעבען א בעזונדערע תורה? ניין, דאס קען ניט זיין! אלזא, בעווייזט, אז איהר זאגט אמת, אז גאט האט זיך צו אייך בעוויזען און האט אייך איבער-געגעבען דיא תורה!

—אה, יא, מיר קענען עס בעווייזען, האבען געזאגט דיא געלערנטע, פון דער ערשטער רעליגיאן, מיר קענען עס בעווייזען דורך דיא נסים ונפלאות, וואס גאט האט געטאהן פון אונזערטוועגען, ער האט פון אונזערט וועגען אויסגעטריקענט דעם ים: ער האט פון אונזערטוועגען אנידערגע-שטעלט דיא זון מיט דער לבנה, זיי זאלען זיך ניט בעוועגען: ער האט פון אונזערטוועגען געצויגען וואסער פון הארטע שטיינער: ער האט...

—מיר קענען דערציילען נאך פיעל גרעסערע וואונדער, וואס גאט האט פון אונזערטייגעגעי געטאהן! האבען געשריען אלע אנדערע פאהנען און יעדער האט אנגעהויבען צו דערציילען בלויזע וואונדער פון זיין גאט, עס איז ווידער געווארען א געשריי, א ליארם, א געוואלד, יעדער האט געוואלט בעווייזען אז זיין גאט האט מעהר נסים, און גרעסערע וואונדער בעוויזען פאר זיין פאלק און דער פאר איז זיין רעליגיאן אויך דיא אמת'ע,

—זעהט אלזא, האט געזאגט דער רעדנער, אז נסים און וואונדער זיינען אויך קיין בעוויז ניט, וועלכע רעליגיאן איז דיא אמת'ע, ווארום יעדע רעליגיאן דערציילט נסים, וואס גאט האט געטאהן פאר איהר פאלק נאך מעהר, יעדע רעליגיאן דערציילט פון וואונדער וואס קען גאר ניט זיין נאך דער אנדערער רעליגיאן, אלזא מוזען מיר דאך קומען צו דעם שלוס, אז דיא וואונדער זיינען פאלש, זיינען גאר קיין מאר ניט געשעהען, סיידען איינינע

פון אייך וועלען ברייגנגען עדות, לעבעדיגע עדות, וואס האבען געזעהן דיא וואונדער מיט זייערע אויגען,

—עדות, האבען אלע געזאגט מיט איין קול, לעבעדיגע עדות, וואס האבען אליין געזעהן דיא וואונדער, האבען מיר ניט און קענען ניט האבען; ווארום דיזע וואונדער זיינען געשעהן מיט 4—5 טויזענד יאהר צוריק, מיר האבען זיי געפונען פערשריעבען אין אלטע ביכער,

—איהר זעהט דאך, האט געזאגט דער רעדנער, אז דיא וואונדער דיא נסים ונפלאות קענען ניט דיענען אלס בעווייזע, אז דיא אדער דיא רעלי-גיאן איז גוט, אלזא, ברענגט אנדערע, בעסערע בעווייזע —יא, מיר האבען אנדערע בעווייזע, האבען זיך ווייטער אנגערופען דיא געלערנטע פון דער ערשטער פאהן, אז אונזער רעליגיאן דיא אמת'ע און דיא בעסערע הונדערטער מענשען, אונזערע גלויבענסגענאסען, האבען זיך געלאזט טייטען פאר זייער גלויבען: מען האט זיי געברענט און געבראטען און זיי האבען זיך געהאלטען אן זייער גאט אן זייער רעליגיאן, איז דאס ניט א בעווייז, אז אונזער רעליגיאן איז דיא אמת'ע? וואלטען מענשען געליטען דיא שרעק-ליכסטע מארטער פאר א ליגען פאר א פאלשע....

מען האט זיי ווידער ניט געלאזט אויסריידען, — מיר האבען אויך מארטירער; האט מען געשריען פון אלע זייטען, אויך אונזערע גרויבענסגענאסען האבען דיא ציילאנער סיאמער און בורמאנעזען, זיינען דערהר'געט געווארען על קדוש השם אוז ניט נור אמאל, מיט עטליכע הונדערט יאהר צוריק, זאנדערן אפילו היינטיגע צייטען, אונזערע פאקירם (הייליגע מענשען אין אינדיען) ווארפען זיך פרייוויליג אונטער דיא שווערע, אייזערנע רעדער פון דער געטען קאלי און שטארבען מיט פרייד פאר אונזערע הייליגע רעליגיאן מיט איהר טרימוטרא, אדרייענדיגער גאט: בראהאמא, שיווא און ווישנו.

פיעלע פון דיא רעליגיאנען האבען זיך אויפגעהייבען און אויסגעשריען:

מיר זיינען אויך יעדע מינוט בערייט צו שטערבען פאר אונזער גאט פאר אונזער תורה, פאר זיינע מצות, — פאר אונזער רעליגיאן!

—דומע, נארישע מענשען! האט דער רעדנער א געשריי געטאהן מיט א דאנערנדער שטימע, וואס ווילט איהר בעווייזען? ווען איהר זאלט זיך לאזען דערהרגענען אום צו בעווייזען, אז 2 מאל 2 איז 4 וועט איהר דאס מיט אייער טויט בעווייזען, אז עס איז טאקע נור 4 און ניט 5?

— ניין, האבען אלע געענטפערט.

— נו, האט ער זיי ווייטער גיפרעגט, ווען איהר זאלט יעלען דורך אייער מוסר נפש זיין על קידוש השם בעווייזען אז, 2 מאל 2 איז 5, וועט איהר עס מיט אייער טויט בעווייזען?

— געוויס ניט,

— אלזא, וואס ווערט פון אייערע מארטירערס? אייערע מארטירער קענען אזוי פיעל בעווייזען, וויא פיעל אייערע ווונדער קענען בעווייזען מיר קענען נור דערפון לערנען, אז דער מענש איז בלינד, און ער קען זעהר לייכט האבען א טעות, אלע רעליגיאנען, זאגאר דיענינגע, וועלכע אלע ערקענען היינט אלעם פאלש, האבען. געהאט מארטירער, עס האבען זיך געפונען מענשען, וועלכע האבען זיך געלאזט טייטען אום צו בעווייזען אז 2 מאל 2 איז 5, וואונדערבאר איז דער גייסט פון'ם מענשען! ער גלויבט אלעס, דאכט זיך, און איז א שרעקליכער עקשן צו פערשטעהן דיא קלענסטע זאך, וואס דער שכל זאגט איהם, ער קען ניט געדענקען וואס געבענע איז געוועזען, און דערציילט זאכען. וואס זיינען געשעהן מיט 4—5 ביז טויזענד יאהר צוריק, גלייך וויא ער וואלט דערביי געוועזען, ער דערציילט, וויא גאט האט געמאכט א נס, אז ווילדע חיות, פאר וועלכע מען האט געווארפען דיא פרומע, דיא הייליגע האבען זיי ניט אנגעריהרט און פרעגט זיך ניט דיא איינפאכע פראגע: ווען גאט האט געקענט מאכען א נס אז דיא לייבען זאלען ניט צורייסען דניאלן, טאָ פאר וואס האט ער ניט געמאכט א נס, אז מען זאל איהם ניט אריינווארפען אין לעווען גרוב?

— וויא באלד אז אזוי, האט זיך אנגערופען איינער פון דיא רעליגי-אנסלעהרער, טאָ לאמיר לאָזען אלע דיזע בעווייזע, און לאמיר פאָרדערן בעווייזע, פון'ם פערשטאנד פון דער לאָגיק,

אלע זיינען געווען דאמיט איינפערשטאנדען, אן אלטער מאן מיט א לאנגע באָרד ווייס וויא שניי, מיט א בוך אין דער האנד איז ארויס-געטרעטען און האט געזאגט:

דיא זאנגע לייכטעט העל, מען דארף קיינע בעווייזע, אז דיא זאנע איז ליכטיג, דיא וואהרהייט איז קלאר און דייטליך, אין דעם בוך איז דיא וואהרהייט, דאס איז דער הייליגער קאָראן, דיא תורה, וואס אונזער נביא מחמד האט אונז געגעבען, הערט און איבערצייגט אייך, אז דא איז דיא וואהרהייט, ער האט אנגעהויבען צו לעזען דאס ערשטע בלעטעל: „קיינער טאָר ניט צווייפעלן, אז דאס איז דיא וואהרהייט, דער פראפעט מחמד האט דאס בוך ערהאלטען פון גאט אליין גאט האט איהם געגעבען א שווערד אין דער האנד ער זאל בעקעהרען דיא גאנצע וועלט צו זיין אמת'ע לעהרע, דיא רשעים גלויבען ניט אין דיעזעס הייליגע בוך, דער פאר וועלען זיי בעשטראָפט ווערן דורך'ן שווערד מען האט איהם ניט געלאזט ענדיגען,

— איז דאס דיא אמת'ע רעליגיאן? האט מען געשריען פון אלע זייטען מארדען און טייטען? דאס איז א גערעכטער גאט? דיא תורה דעם קאראן, האט ער געגעבען נור אייך דורך דעם נביא מחמד און אלע פעלקער באשטראָפט ער!

אייסער דעם, לאמיר אננעהמען, אז דער קאָראן איז שוין דיא בעסטע תורה, מיר ווייסען דאך אבער ניט. וויא צו ערקלערען דעם קאראן, וויא

איהם צו פערטייטשען; אזוי וויא מחמד'ס איידים עלי האט איהם ערקלערט, אדער וויא מחמד'ס נאכפאלגער אמאר האט איהם פערטייטשט? וארעו מיר זיין סוניטען אדער שיאיטען**?

— האלט אייך רוהיג! האט געבעטען דער רעדנער, לאמיר הערען זאס לערנט דיעזע רעליגיאן: לאמיר זיין אונפארטייאיש און אללעס אויסהערען,

ער האט זיך געווענדעט צום אימאם און האט איהם געבעטען ער זאל ערקלערען אין וואס בעשטעהט דיא רעליגיאן פון'ם קאראן,

דער אימאם האט אויפגעהויבען דיא הענד, פערגלאטצט דיא אויגען און האט געזאגט מיט א פרומער מינע: דער קאראן איז ניט בעשאפען געווארען, ער איז ניט געשריבען געווארין ער איז פון אייביג אן, דער מלאך גבריאל האט זיך בעוויזען צום נביא מחמד און האט איהם ארויפגעזעטצט אויף איינע פון דיא הייליגע חיות, האלב מענש האלב פערד, ער איז מיט איהם ארומגעפאהרען אין אלע 90 הימלען און האט מיט איהם אויסגעלערנט אלע הייליגע בלעטטער פון'ם קאראן זיינע לעהרען זיינען איינפאך און גערעכט, זיי זיינען זעהר לייכט אויס צופיהרען, זיי זיינען זעהר קלוג, זעהר פערנינפטיג און זעהר הייליג, מען דארף פאסטען איין מאנאט אין יאהר, ווענינגסטענס איינמאהל אין לעבען מוז מען געהן אין דיא הייליגע שטאדט מעקקא, דעם צעהנטען טהייל פון זיין פערמעגען דארף מען אוועקגעבען דיא אימאם'ס און דיא דערווישע (גייסטליכע), מען טאר ניט עסען קיין שווייגענפלייש מען טאר ניט טרינקען קיין וויין, מען מוז האלטען מלחמה מיט דיא רשעים, וואס גלויבען ניט אין דיא אללע זאכען.

דאס איז אללעס ווען דער מענש שטארבט, געהט זיין נשמה איבער א בריק וואס איז דין וויא א האאר און שארף וויא א מעסער, דער פרומער געהט אריבער דיא בריק, און דער רשע פאלט אריין,

דא איז געווארען אזא געלעכטער, אז עס איז געוועזען אונמעגליך איינציהאלטען דיא אלע אנוועזענדע,

— וויא קענן א מענש מיט פערשטאנד גלויבען אזעלכע דומהייטען אזעלכע קינדערייען? האט מען געשריען פון אלע זייטען,

ואס האט מען דא פיעל צו רעדען? האט זיך אנגערופען א קאטהאלישער גייסטליכער, דער גאנצער קאראן איז דאך צוזאמענגעשטעלט פון דער אידישער און קריסטליכער רעליגיאן, מחמד האט גאנץ איינפאך גע'גנב'עט א שטיקעל פון דאנען און א שטיקעל פון דארט, אביסעל האט

---

*) דאס איז כמעט דיא פונקטליכע איבערזעצונג פון דיא ערשטע 5 שורות פון'ם קאראן.

**) סוניטען און שיאיטען זיינען מעהאמעדאנישע סעקטען, איין יעדע ערקלערט דעם קאראן אנדערש אין האלט דיא אנדערע סעקטע פאר אפיקורסים, פאר רשעים

ער צוגעלייגט זיינע אייגענע ליגענס און עס איז געוואָרען א רעליגיא' קוקט אייך צו צום קאראן, וועט איהר געפינען, אז ער ריינט אויף זיינע אנהעננער צו אלע פערברעכען צו אלע נידערטרעכטיגקייטען, רויבען מארדען, גזל'נען הרגנ'ן זיינען גאר ביי איהם מצות, גוטע טהאטען, פון דעם געראויבטען הייסען דיא גייסטליכע זיך געבען מעשר, 10 פראצענט, ניין דאס איז א פאלשע רעליגיאן,

— אונזער רעליגיאן דיא קריסטליכע איז אבער טאקע דיא אמת'ע! אונזער רעליגיאן לערנט אונז צוא זיין גוט און פרום, אונזער רעליגיאן זאגט אונז: ווען איינער שלאגט דיך אויף איין באק, שטעל איהם אונטער דיא אנדערע אונזער רעליגיאן דערציילט, אז גאט האט בעשאפען דעם מענשען, ער זאל אייביג לעבען, נור דער מענש האט ניט געוואלט פאלגען גאט'ס בעפעהל, ער האט געגעסען פון'ם עץ הדעת דערפאר איז ער געוואָרען זינדיג, גאט אבער האט איהם דאך געוואלט העלפען, האט ער פון א ריינע, אונשולדיגע יונגפרוי, דיא היילינע מאריא, געהאט א זוהן אי"ן איינציגען זוהן און האט איהם געשיקט אויף דער וועלט, ער זאל זיין דיא כפרה פאר דיא מענשען.....

דאָ האבען דיא אנוועזענדע ווייטער זיך ניט געקענט איינהאלטען, זיי האבען ארויסגעלאזט א גרויס געלעכטער, איינער פון דיא אימאמ'ס האָט אויסגעשריען:

— מענשען! איהר האט געלאכט פון'ם קאָראן, וויא פיעל מעהר דארף מען לאכען פון א גאט, וואס איז געוואָרען א מענש און האט זיך געלאזט אויף הענגען, אום צו ווערען א כפרה פאר דיא מענשען?

— ער האָט פאלקאָממען רעכט: האָט מען געשריען פון אלע זייטען, א אידישער ראבינער איז ארויסגעטרעטען און האט געגעבען דאס ווארט,

זעהט איהר! ביידע רעליגיאָנען דיא מאהאמעדאנישע און דיא קריסט-ליכע, זיינען פאלש, זיי האבען אלעס געגנב'עט פון אונז, פון אונזער ביבעל, פון אונזער תנ"ך, אונזער רעליגיאן איז טאקע פון גאטט אליין....

ניין! דאָט געשריען דער קאטהאָליק, אייער רעליגיאן איז נור געווען אויף א צייט, ביז יעזוס קריסטוס איז געקומען און האט געגעבען דער וועלט א נייע רעליגיאָן, א בעסערע,

—איהר בעהויפטעט אזוי האט גיענטפערט דער רבי, עס איז אבער פאלש, אונזער גאט האָט אונז אויסדריקליך געזאָגט, אז אונזער תורה איז אויף אייביג, אז מיר זיינען דאס אויסגעוועהלטע פאָלק, אז אונז געהערט דיא גאנצע וועלט, אז אלע פעלקער וועלען זיך בוקען צו אונז, אייער רעליגיאָן אבער האָט אויסגעטראכט ליעגענס און פאלשקייטען, זיא דערצעהלט פון דריי געטער, פון דו יונגפרוי מאריא און פון נאָך פיעלע פאלשע און לעכערליכע זאכען...

בייא דיעזע ווערטער זיינען דיא קריסטליכע גייסטליכע געוואָרען אויסער זיך פאר כעס,

– פארברענט איהם, דעם אונגלויביגען! שטעכט איהם! הענגט איהם! ער האָט געלעסטערט אונזער גלויבען, אונזער גאט אונזער יעזוס קריסטוס! א באנדע מענער זיינען ארויסגעטראָטען מיט א גרויסער פאהן, אויף וועלכע עס זיינען געוועזן אויסגעמאהלט אייזערנע צוואנגען, מעסערס און פיעלע אנדערע מארד אינסטרומענטען: אונטען א שייטער-הויפען און ארום און ארום דיא ווערטער:

„גערעכטיגקייט ליעבע און בארעמהערציגקייט"

–לאָמיר אויפבויען א שייטער-הויפען

לאָמיר מאכען איין אויטא–דע–פע Autodefe)"

זיי האָבען שוין געוואלט נעהמען זיך צו דער ארבייט,

– נו האבען זיך אנגערופען דיא מאהאמעדאנער, איהר זאָגט, אז אייער גלויבען איז דיא רעליגיאָן פון ליעבע: אז אייער גאט האט אייך געלערנט: „ווען איינער שלאָגט דיך אויף איין באק, שטעל איהם אונטער דיא אנדערע" אָט דאס איז אייער ליעבע, אייער ענוה, אייער דעמוטה! איהר לאכט פון דעם קאָראן, וואס לערנט, אז מען זאל צווינגען אלע פעלקער מיט דעם שווערד אין דער האנד, אנצונעהמען דעם קאָראן; וואס האָט איהר געטהאן? האט איהר דען ניט געצוואונגען מענשען מיט פייער און מיט שווערד אנצונעהמען דעם קריסטליכען גלויבען? הייכלער! היפאקריטען! מיט'ן מויל נור זאָגט איהר, אז איהר זייט פרום און נידריג, אין דער האנד אבער האלט איהר מאָרד אינסטרומענטע, וואס זיינען פיעל געפעהרליכער, אלס דער שווערד פון אונזער נביא מחמד,

–דאס זאג איך דאך– האָט זיך אנגערופען דער אידיישער רבי –נור אונזער רעליגיאָן איז דיא אמת'ע: גאָט אליין האָט געגעבען דיא תורה צו משה רבני ער האָט אונז געלערנט, וויא אזוי צו דיענען איהם, וויא אזוי צו געפעהלען איהם, וויא אזוי צו בעקוממען דעם גן עדן, וויא אזוי דיא צדיקים וועלען עסען דעם לויתן מיט'ן שור הבר: אונזערע צדיקים וויא רבה בר חנא, האבען אליין געזעהן דיא פעטע גענז, וואס דיא צדיקים וועלען עסען אין גן עדן, ווען משיח וועט קומען: זיי האָבען אליין געזעהן וויא אזוי זיי וועלען געהן אויף א פאפירענעם בריק און דיא גוים וועלען געהן אויף איין אייזערנעם בריק, דיא אידען וועלען אריבער געהן אין דיא גוים וועלען ארייגפאלען....

איהר האט אביסעל רעכט, האט זיך אבגערופען א מאָבעדיר א גייסטליכער,

---

*) Autodefe א מצוה גדולה האט געהייסען אין שפאניען, ווען מען האט פערברענט מיט אמאהל עטליכע הונדערט מענשען' וואס האבען ניט געגלויבט אין קריסטוס,

פון דיא פאַרטהער) פיעלע זאכען, וואס איהר דערציילט זיינען טא־אמת, אבער דיא אלע אמת'ע זאכען האָט אייער משה גאר ניט געזאָגט אין גאר ניט געהייסען: דיא אלע זאכען האָט איהר גענומען פון אונזער היילינען נביא זאָראָאַסטער. אייער נבי משה האט ניט איין ווארט ניט געשריבען פון עולם הבא, פון א נשמה, פון א משיח, דאס אלעס האט איהר גע'גנב'עט פון אונז, נאָך מעהר דיא אלע וואהרהייטען פון מלאכים און פון שדים האט איהר אויך גע'גנב'עט פון אונז, דריי פיערטעל פון אייערע היילינע ביכער, זאגאר איינינע פון אייער חומש, וויא צום ביישפיעל בראשית און א טהייל פון שמות זיינען איבערזעצט געווארען פון אונזער זענד־ א וועסטאַ "*)

אָבער אייער משה האָט ניט געוואוסט פון אונזער היילינע לעהרען: א סימן האָט איהר, אז ער דערמאַנט ניט אין זיין תורה פון מלאכים, פון שדים פון א גן עדן, מיט אַ גיהנם, ערשט שפעטער, ווען אייער פאָלק איז פארטריעבען געווארען קיין בבל, האבען אייערע געלערנטע זיך בעקאנט מיט אונזערע היילינע לעהרען און האָבען איינגעזעהן, אז נור מיר בעזיטצען דיא וואהרהייט, נור מיר וויסען דיא נעמען פון דיא מלאכים: גבריאל, מיכאל, מטטרון, סנדלפון: דיא נעמען פון דיא שדים: אַשמדאי, לילית, אגרת בת מחלת, סמאל, האָט איהר אויך פון אונז געלערנט,

אייער משיח האָט איהר אויך פון אונז גענומען, איהר האָט איהם נור איבערגעמאכט אויף אידישער אַרט: מיר גלויבען אז דער נאמ ארמוזד, דער גאט פון ליכט און פון אלעם גוטען וועט ענדליך זיעגען איבער דיא פינסטערניס און דאָס שלעכטע, און אויף דער גאנצער וועלט וועט הערשען נור גוטעס און ליכטיגקייט. איהר אבער האט אויסגעטראכט א משיח בן דוד, אַ מענש וואס וועט קומען און אייך בעפרייען פון אלע צרות,

אַלזאָ, פון אונזער היילינער רעליגיאָן האַט איהר אידען גענומען אייער משיח און איהר קריסטען אייער יעזוס קריסטוס, פון אונז האבט איהר גענומען אַלע אייערע צערעמאניען און אלע אייערע גלויבענס־אָנזיכטען מיט אונזערע לעהרען האָט איהר זיך אלע בענוצט איהר אידען איהר קריסטען, און איהר מאחמדאַנער, ער האט גיט געענדיגט, אלע זיינען איהם אנגעפאַלען, האבען איהם גערופען היידע געצענדיענער פייערדיענער!

*) „זענד—א וועסטא" איז דיא תורת פון דיא פאַרטהער, פון דיא פערזער, וואס דיענען צום פייער, זיא איז זעהר עהנליך צוא דער בביעל, עס זיינען דא שטעלען וואס זיינען אזוי גלייך, אז מען קען ניט וויסען, ווער עס האט גענומען פון וועמען, דיא ביבעל פון זענד—א וועסטא, אדער דיא זענד א וועסטא פון דיא ביבעל,

עס האָט זיך אָנגעהויבען א נייע דעבאטע איבער דיא צייט, ווען דיא גלויבענס זיינען ענטשטאנדען און ווער עס האָט גע'גנב'עט ביי וועמען, עס וואָלט געדויערט יאהרען לאנג, און מען וואלט צו קיין ענדע ניט געקוממען, ווען איין אלטער בראַהמין (אן אינדיאנישער פריעסטער] האָט געבעטען דאס וואָרט

—וואָס רעדט איהר אַלע? האָט ער געשריען אויף אַ קול אייערע גלויבענס זיינען דאָך אַלע יונג, ערשט נעכטען געבוירען געווארען, וויא אַלט איז דיא אידישע רעליגיאן? 3 טויזענד יאָהר, וויא אַלט איז דיא זענד א וועסטא? 2,500 יאהר, דאס קריסטענטהום איז גאַר אַ קינד, עס איז מעהר ניט אלט, וויא 18 הונדערט יאהר, וואס ווייסען אזעלכע קינדער!

אונזערע רעליגיאָן איז דיא אמת'ע! זיא בעשטעהט שוין זייט הונדערטער טויזענדע יאָהרען, אונזערע „וועדאס" און אונזערע „שאַסטראַס" אונזערע „פוראנס" הייליגע ביכער פֿון אונזער רעליגיאָן, זיינען געשריבען געווארען פֿון אונזערע הייליגע דרייא אייניגקייט:

בראַהמאַ, סיוואַ, און ווישנו,

—אה! ווען מיר זאָללען נור קענען אַייך ענטדעקען דיא סודות פֿון אונזער רעליגיאן, וואלט איהר זיך באלד איבערצייגט, אז אלע רעליגיאָנען זיינען פאלש, נור אונזער רעליגיאן איז דיא אמת'ע —אַבער וויא וויא קעננען מיר אננעהמען אייער רעליגיאן, אז איהר ווילט ניט, אדער איהר קענט ניט זיא ערקלערען? האָט איינער געפרעגט,

דיא בראַהמינען האָבען געשוויגען.

—מיר דאַרפֿען ניט זייער ערקלערונג, האט זיך אפגערופֿען אן איירופּעאישער געלערנטער. מיר האבען זיי שוין אויסגעשטודירט און מיר ווייסען שוין זייערע סודות, אויב איהר ווילט, קען איך זיי אייך זאָגען,

—זאגט! רעדט! ערקלערט! האָט מעז געשריען פֿון אַלע זייטען

—פֿון דוא 4 „וועדאס„ פון דיא 18 „פוראנס" און דיא 6 שאסטראס איז געוואָרען איין אונענדיליכער, אלמעכטיגער, גרויסער, שטארקער קיילעכדיגער, גאָט, ער האט זיך צו טהיילט אויף 2, אַ ווייבליכער גאט און אַ מענליכער גאט, זיי האָבען געהאט 3 גאטען: בראַהמאַ, ווישנו, און סיוואַ,

בראַהמא האָט בעשאפען דיא וועלט, ווישנו האלט זיא אויף אַון סיוואַ צערשטערט אלעס אין איהר, בראַהמאַ האָט געזאָגט אז ער איז גרעסער פֿון זיינע ברידער, ווייל ער האט אַלעס בעשאַפֿען, עס איז געוואָרען אַ געשלעג צווישען זיי און זיי האָבען דיא גאַנצע וועלט צערשטערט און עס וואָלט שוין גאָר קיין וועלט ניט געווען, ווען ניט ווישנו, וועלכער האָט יעדעס מאָל געבויעט דיא וועלט, עס איז געוועזען אַ גרויסער מבול, אַלע מענשען און אלע חיות זיינען דער-טרונקען געוואָרען, אַבער ווישנו האָט זיך פֿאַרשטעלט פֿאַר אַ גרויסען פיש און האָט גענומען אויפ'ן רוקען אַ פאָר פֿון אַלע חיות, אויך אַ פּאָר מענשען און איז מיט זיי אַזוי לאַנג געשוואוממען, ביז דער מבול האָט אויפֿגעהערט,

דער נאָך איז אויסגעבראָכען אַ פֿייער, וואס וואָלט דיא גאַנצע וועלט געוועזן פֿערברענט, אַבער ווישנו האט זיך פֿארשטעלט פֿאַר אַ ווילדען חזיר און האט געבראַכט אויף דיא פליצעס אַ באַרג מיט שניי (דעם אַייזפֿאַל) אַזוי האָט ווישנו 9 מאַהל גערעטעט דיא וועלט זיא זאָל ניט אונ-טערגיין ...

גאָט אַבער האט זיך זעהר געלאַנגווייילט, זיצען אַליין און גאָר נישט טהון קען מען אָך משיגע ווערען, ער האָט בעשאַפען א גאנצע מחנה פון מלאכים, וועלכע זאלען איהם ליבען און זאָלען פֿערקינדיגען דער וועט זיין גרויסקיים. צווישען דיא מלאכים אָבער האבען זיך געפֿונען אייניגע, וואָס זיינען ניט געוועזן צופֿריעדען מיט זייער לאַגע, זיי האָבען רעבעלירט און האָבען געוואָלט צונעהמען ביי גאָט דיא מלוכה. דער פאר האָט זיי גאָט אַריינ-געווארפען אין גיהנם, וואו זיי ברענען, אין איין אייביגען פייער,

דיא צוהערער האַבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען „דאָס איז דאָך אַבערגלויבען“! האבען געזאָגט אייניגע, „דאָס איז אפיקורסית“ האָבען געזאַגט דיא אנדערע „דאָס איז אונזין“! האבען געזאגט דיא דריטע,

דאָס זיינען משוגעים. האבען געזאָגט דיא נאַכפאָלגער פון קאָנפֿוציוס דעם געזעצגעבער פֿון דיא כינעזען, דאס זיינען משוגעים, וועלכע מען דארף איינשפאַרען אין דולהויז און האַלטען אויף קייטען,

אה, איהר פֿערשטעהט עס! ניט האָט אויסגעשריען אַ געלערנטער בראהמין, איהר פֿערשטעהט ניט און איהר קענט עס ניט פערשטעהן, דאס זיינען סודות, סתרי תורה' געהיימניסע אין ווארהייטען, וועלכע מען קען נור פערשטעהן. ווען מען פאסט 40 טעג, מען טובל'ט זיך און מען וואַשט זיך מיט דעם מיסט פֿון דער הייליגער קוה

איהר זייט ליגנער, האט זיך אָנגערופען אַ אַלאמא א פריסטער פון בודהאַ, איהר האָט אייער לעהרע גע'גנב'עט פון אונז, צו וועלכע איהר האָט נאָך צוגעמאַכט אייניגע פֿאַנטאַזיען און ליגענס,

—לאָמיר הערען דיא דאָגמען פֿון אייער רעליגיאָן, האבען זיך אָבגערופען פֿיעלע פון דיא גרופען.

—דאס וועל איך אייך באַלד ערקלערען,

עס איז דא נור איין איינציגער גאט, טויזענדע מיליאן יאהרען האט ער זיך בעגניגט דער מיט, וואס ער האָט אליין בעטראכט זיין גרויסקייט און זיין הערליכקייט, ענדליך איז איהם מיאוס געוואָרען אזוי פיעל זיך

צו בעטראַכטען, ער האָט געוואָלט ווייזען אז ער קען עפּעס טאהן, ער האָט בעשאַפען, דעם חומר, דיא מאטעריע, דאס מאַטעריאל, פון וועלכעס אלעס אויף דער וועלט איז געמאכט, דיעזע מאַטריאל בעשטעהט פון 4 יסודות: פייער, וואסער, לופט, און ערד, דיא 4 יסודות: אש רוח, מים עפר, ויינען געווען אויסגעמישט, תוהו ובוהו, גאט האט א בלאז געטאהן אויף דעם תוהו ובוהו און עס איז געוואָרען א גרויסע קוגעל, א גרויס איי, דער אייבערשטער טהייל פון דעם איי איז דער הימעל, דער אונטערס־טער טהייל איז דיא ערד, דער נאך האָט ער בעשאפען אלע גראזען, אלע ביימער אין אלע חיות, זיי האָבען אָבער ניט געלעבט, און גאָט אריינגעבלאזען אין זיי זיין אטהעם און זיי האַבען אָנגעהויבען צו לעבען,

אלזאָ, געפינט זיך אין אלעם לעבעדיגע א טהייל פון גאט, דיזער טהייל געהט איבער פון איין פאָרם אין דיא אנדערע, אמאל איז דער טהייל אין אַן אָקס, אין א הונד, אין א שלאנג דער נאָך געהט עס איבער אין א מענשען, וועלכער איז דיא בעסטע און דיא עדעלסטע פאָרם, ווען דער מענש איז פרום און טראַכט און קלערט, ענטדעקט ער אין זיך אַ טהייל פון דיא גאטהייט, חלק אלוה ממעל, און ער שטרעבט אראבצו ווארפען דעם גראָבען חומר, דעם קערפער, אז זיין נשמה זאל ווערן ריין און צוריקקומען צו גאט איז אבער דער מענש שלעכט און זינדיגט, ווערט זיין נשמה פערגרעבט' פערּאונריינגט און זיא מוז איבערגעהן אין א נידעריגע פארם. אין אַ חיה: זיא ווערט מגולגל,

דאָס ויינען דיא הייליגע לעהרען פון אונזער בודהא ער איז געווען א מענש, ער איז אבער געווען אזוי פרום און הייליג, אז ער איז געווארען א גאט, ער האט אונז איבערגעלאָזט א הייליגעס בוך, אין וועלכען זיינע לעהרען זיינען אנגעשריבען.
ביי דיזע ווערטער האָט ער ארויסגענומען אַ בוך און האט אנגעהויצען צו לעזען.

ווער עס איז פרום, הייליג, פאסט, טובל'ט זיך און טהוט טאג און נאכט תפלה, דער קען קומען צו אַזא שטופע, אז ער קען פליהען וויא א פויגעל קען לעבעדיג מאכען טויטע, קען הייסען זיך אָבשטעלן דיא זון און דיא לבנה, אזא מענש הייסט: שאמאען, הימעלמענש, „איש אלהים"

דיא ערד און די הימעל ווערלען אמאל פערניכטעט ווערן, אלזא דארף דער מענש זיך ניט זארגען; פאר זיין גוף וועלכער בעשטעהט פון דיא 4 יסודות ער דאַרף זיך זארגען פאַר זיין נשמה",

ער האָט געוואָלט ווייטער לעזען, אָבער אידען, קריסטען און מאחמעדאנער האבען איהם אונטערבראכען:

— פיעלעס האט איהר גע'גנב'עט פון אונזער רעליגיאָן און איהר האָט עס איבערגעמאכט: אַנשטאט יעזוס קריסטוס, משה און מחמד האט איהר אַריינגעשטעלט: בודהא! האבען זיי אַלע געשריען מיט איין קול,

דער לאמא האָט זיך אבער ניט געלאָזט איבערשפּאַרען, ער האָט בעוויזען, אַז זייערע ביכער זיינען געשריבען געוואָרען פריהער, פון אַלע אַנדערע רעליגיאָנס ביכער: אַז אַלע האבען גע'גנב'עט פון לאַמיזמוס און יעדע רעליגיאן האָט פאָ אָדער בודהא געגעבען איין אַנדערען נאמען.

דיא אודען קריסטען און מאַחמעדאנער האבען אויך ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען, עס איז ענטשטאנדען אַ דעבאַטע, וועלכע וואלט זיך געווים קיין מאָהל ניט געענדיגט, פלוצלינג האָט זיך אויפגעהויבען אַן אלטער כינעזישער באַנז און האָט געזאָגט, אז ער וועט מאכען א פשרה, אז אַלע זאלען זיין איינפערשטאַנדען, אלע זאָלען צופריעדען זיין.

דאָס איז געווען אַן אלטער מאַן מיט אַ לאנגע ווייסע באָרד און מיט א פּאָר גרויסע גלענצענדע, קלוגע אויגען, זיין רעדען, זיין הויכע שעהנע געשטאַלט, זיין בענעהמען, זיין גאנצעם וועזען האָט איינגעפלייסט צוטרויען, אַלע זיינען שטיל געוואָרען, ער האָט אנגעהויבען מיט אַ פייערליכע שטימע:

—איהר ווייסט געווים ניט, אַז אונזער גרויסער לעהרער בודהא, פּאָ, שאמאנא—גוטאַמאַ, האָט פּאָר זיין טויט צונויף גערופען זיינע בעסטע און טרייעסטע תלמודים און האט זיי איבערגעגעבען זיין צואה, דאס איז א געהיימעס בוך, וואס ליעגט בעהאלטען אין דעם גרויסען טעמפּעל אין פעקינג, מיר ווייזען עס קיינעם ניט, נור דיא אלטע באַנזען לעזען עס, יעצט מוז איך עס ארויסנעהמען, יעצט מוז איך איין פּארלעזען איין־געט זייטען, איהר וועט דערפון לערנען א גרויסע, וויכטיגע ווארהייט,

ביי דיזע ווערטער האט ער ארויסגענומען א מגילה געשריבען אויף פּארמעט, דיא מגילה איז געווען זעהר אלט, דאס פּארמעט איז געווארען געל, דיא שריפט אבער איז געווען גאנץ דייטליך, ווייל זיא איז געווען געשריבען ניט מיט טינט, זאנדערן מיט כינעזישער טיש, ער האט אנגעהויבען צו לעזען:

„דיא אלע דערצעהלונגען פון גאט, פון בעשאפונג דער וועלט, פון א נשמה, פון א גלגול, פון א גן-עדן מיט א גיהנום: דיא אלע מעשות, וואס געפינען זיך אין דיא ביכער פון אלע רעליגיאָנען אין דער וועלט זיינען פאנטאזיען, פּאַבעלן, בבא מעשות, וועלכע מענשען האָבען אויסגע-טראכט אום דאס פאָלק אבצונארען, בעזאנדערס זיינען גרויסע בריות אויסצוטראכטען אלע דיזע פאנטאַזיען דיא דיענער פון דיא געטער, דיא דיענער פון דיא געטער, דיא פריסטער, זיי קומט עס צוניץ: וואס מעהר דאס פאלק איז נאריש, וואס מעהר דאס פאָלק גלויבט אין זייערע געטער, אלץ בעסער איז עס פאַר דיא פריסטער, דער הייליגער אמת איז: ניט גאט האָט בעשאָפען דעם מענשען אין זיין געשטאלט, זאָנדערן דער מענש האט בעשאַפען גאט נאך זיין פאנטאזיע עס זיינען דא אויף דער וועלט אייביגע פעסטע, אונפערענדערליכע נאטורגעזעצע, נאך וועלכער דיא וועלט פיהרט זיך, קיינער האט זיי קיינמאל ניט געענדערט, קיינער וועט זיי קיינמאל ניט ענדערן, דער שטאף דאס מאטעריאל, פון וועלכען אלעס אויף דער וועלט איז צוזאמענגעשטעלט איז אייביג, ער ווערט ני

יעדעס מאל איבערגעמאכט אין אנאנדער פארם, אבער ער בלייבט שטענדיג דערזעלבער. דאס גראז עסט דיא בהמה, עס ווערט פון איהם א טהייל פון דער בהמה: דיא בהמה עסט דער מענש, זיא ווערט א טהייל פון׳ם מענשען, דער מענש שטארבט: עס ווערט פון איהם ווייטער גראז, עס איז וויא א גרויסער רייף. וואו דאס ענדע איז, דארט איז דער אנפאנג וואו דער אנפאנג איז דארט איז דאס ענדע, דיא נשמה דער גייסט איז ניט מעהר, וויא איין איינגעשאפט פון דעם שטאף עס איז וויא דיא שענקייט, דיא הארמאניע פון א געביידע, זא לאנגע דיא געביידע שטעהט, איז דא דיא שענקייט, איז דא דיא הארמאניע, צו נעהמט דיא געבייער און דיא שענקייט דיא הארמאניע פערשווינדעט,

אונזער אויפגאבע אויף דער וועלט איז, אז כל זמן מיר לעבען זאלען מיר לעבען שטיל, פריעדליך רוהיג און גליקליך, מיר דארפען יענעם קיין שלעכטעס ניט טאהן, כדי יענער זאל אונז קיין שלעכטעס ניט טאהן, מיר דארפען יענעם העלפען כדי יענער זאל אונז העלפען, מיר דארפען זארגען פאר דער געזעלשאפט ווייל ווען דיא געזעלשאפט וועט לעבען גליקליך, וועלען מיר אויך לעבען גליקליך"

דאס איז דיא צוואה פון אונזער גרויסען לעהרער בודהא, פא, שאמאנא— גוטאמא,

וויא בייזע הינד וואס רייסען זיך אב פון א קייט, זיינען איהם בעפאלען דיא גייסטליכע, דיא פריסטער, דיא רעווערענדס פון אלע נאציאנען, — געוואלד! דאס איז דאך אפיקורסות! דאס איז דאך מאטעריאליזמוס, דאס איז דאך אטהעאיזמוס! דאס דאך אין אטהעאיזמוס! ווארפט איהם ארויס! פארברענט איהם, ער מאכט דאך א תל פון אלע אונזערע רעליגיאנען! —האלט איין! האט געשריען דער רעדנער, איהר זעהט דאך, אין וואס פאר א טיעפע פינסטערניש עס איז איינגעהילט אלע אייערע דאגמען. אלע אייערע רעליגיאנען, דיא קוועלען פון וואנען זיי שטאמען, איז אונמעגליך אויסצוגעפינען, יעדער זאגט אז ער בעזיצט דיא עלטסטע רעליגיאן און אלע אנדערע האבען פון איהם גע׳גנב׳עט, דאס בעווייזט נור. אז דיא רעליגיעזע אידעען זיינען איבערגעגאנגען פון איין פאלק צום אנדערען יעדעס פאלק האט צוגעלעגט עפעס, האט דיזע אידעען צוגעפאסט צו זיין כאראקטער, צו זיינע פערהעלטניסע און אזוי זיינען ענטשטאנדען פערשיעדענע רעליגיאנען,

אבער וועט איהר געווים פרעגען, פון וואנען קומען דיזע אידעען? וויא אזוי זיינען זיי ענטשטאנדען? וויא אזוי קומען דיא ערשטע מענשען צו דעם איינפאל, אז מען זאל עפעס פארגעטערן, אז עס מוז זיין א גאט?

צו בעאנטווארטען אויף דיזע פראגען איז ניט אזוי לייכט, מען מוז צוריקגעהען צוריק צום אורשפרונג, צום אנפאנג צור ענטוויקלינג פון דער מענשליכען געזעלשאפט, מען מוז אנפאנגען מיט דער צייט, ווע

דער מענש האָט זיך אָנגעהויבען אַרום צו קוקען און עטוואַס צו טראַכטע. עטוואַס צו קלערען.

וועז מיר בעטראַכטען פיעלע ווילדע אין אַפריקאַ, אין אויסטראַליען וועלכע האָבען נאָך ביז היינט גאָר קיין בעגריף ניט פון אַ גאָט, אָדער פון אַ רעליגיאָן, מוזען מיר שליעסען, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען דיא איינוואָהנער פון אַזען האָבען אויך קיין בעגריף ניט געהאַט פון אַ גאָט, אָדער אַ רעליגיאָן, אַלעס האָט זיך ענטוויקעלט, אַלעס האָט זיך שטופענ-ווייז אויסגעבילדעט,

ענדע

לעבענס בעשרייבונג

פון

גראף דע וואלניי.

צוגעגעבען אלס ביילאגע צו דעם בוך

על נהרות בבל.

פערלאג פון

ב. רודערמאן,

71 הענבורי סטריט, ספיטאלפיעלדס, איסט.

לאנדאן.

דיעזער וואונש, דיעזע לוסט צו רייזען איז געווארען אין איהם אלץ שטארקער און האט איהם ניט געלאזט רוהען, ער האט אבער קיין מיטעל ניט געהאט, זיין פלאן אויסצופיהרען ער האט דאמאלס מעהר ניט געהאט וויא 1100 פראנק א יאהר איינקונפט,

אין יאהר 1780 איז זיינע א טאנטע געשטארבען און האט איהם איבערגעלאזט א ירושה פון 6 טויזענד פראנק, מיט דיעזען געלד, אָבוואָהל זעהר וויניג פאר אזא רייזע, האט וואלניי זיך ענטשלאָסען אנצופאנגען דיא לאנגע ערווינשטע רייזע אין אריענט,

ער איז געקומען קיין קאירא, אין עגיפטען, דארט האט ער זיך איבערצייגט, אז אלס אייראפאער איז געפעהרליך צו פאהרען אין אריענט ער האט דאהער אנגענומען דעם מאהאמעדאנישען גלויבען, האט זיך געשמדט אויף א טערק, און איז איינגעטראטען אין א מאהאמעדאנישע קלויסטער אום דארט צו ערלערנען דיא אראבישע, כאלדעישע, און קאפטישע אלט-עגיפטישע שפראכען און ליטעראטור, ווען ער האט גענוג אויסגעלערנט דיא אריענטאלישע שפראכען, האט ער זיך אלס דערוויש אלס הייליגער מאהאמעדאנער, געלאזט אויף זיינע לאנגע רייזען אין עגיפטען, סיריען און אראביען,

5 יאהר האבען געדויערט זיינע רייזען, ער איז געווען אין אלע ערטער וואס זיינען דערמאנט אין דער וועלט-געשיכטע, ער האט אויסגעפרעגט דיא איינוואוינער פון דיא ווילדעסטע געגענדען זייערע זאגען, זייערע פאבעלן, זייער גלויבען זייערע טראדיציאנען און האט זיי אונטער דיא גרעסטע שוועריגקייטען פערצייכנעט אין זיין טאגעבוך.

ווען ער איז צוריק געקומען קיין פראנקרייך אין 1787 האט ער ארויס געגעבען א בוך אונטער דעם נאמען: „רייזען אין עגיפטען און סיריען” דאס בוך האט געהאט א גלענצענדען ערפאלג, עקאטארינע דיא 2טע האט איהם געשיקט א גאלדענע מעדאליע, וואלניי האט זיא אנגענומען ווען ער איז אבער געוואָהר געווארען פון דיא אידעען און פרינציפען פון עקאטארינא דיא צווייטע, האט ער איהר אבגעשיקט דיא מעדאליע צוריק, אין 1791 האט ער ארויסגעגעבען זיין בעריהמטעס ווערק דיא „רואינען” אדער „על נהרות בבל” דאס בוך האט געמאכט א גרויסע אויפרוהר אין דער גאנצער וועלט, מען האט עס גלייך איבערזעצט אין דייטש, ענגליש, האלענדיש, און שפאניש, אבער דיא רעגירונגען פון דייטשלאנד, האלאנד און שפאניען, האבען עס באלד שטרענג פערבאטען ער שרייבער פון דעם ארטיקעל האט געלעזען דיא רואינען צום ערשטען מאהל אין 1865 אין עסטרייך, ער האט עס געמוזט לעזען ביי נאכט

גראף דע וואלניי.

קאנסטאנטין פראנסוא שאסבע,

אלס פילאזאף און שריפטשטעלער בעקאנט אונטערן נאמען **דע וואלניי**, איז געבארען געווארען אין קראן, א קליין שטעדטעל אין פראנקרייך אין 1757, זיין פאטער איז געווען אן ארדוואקאט און האט איהם געגעבען דיא בעסטע ערציהונג, וואס מען האט געקענט געבען אין יענער צייט.

דער יונגער פראנסוא האט זיך פון קינדהייט אן אויסגעצייכענט דורך אונערמידליכען פלייס און לוסט צום לערנען, דורך זיין געזונדען, געראדען, מענשענפערשטאנד, שכל הישר, דורך א גוטען זכרון. בעזאנדערס אבער דורך זיין שטרעבען צו זוכען און פארשען דיא וואהרהייט.

זיין פאטער האט געוואלט ער זאל ווערען אן ארדוואקאט און איהם געשיקט אין א בעריהמטע שולע פון יורים פרודענץ, ארדוואקאטור, וואלניי האט געענדיגט דיא שולע גלענצענד, ער איז אבער נים צופרידען געווען מיט דיא פראפעסיאן פון אן ארדוואקאט, וועלכער מוז פארדרעהען דיא געזעצע, דארום איז ער אין 1776 ווען ער איז געווען 19 יאהר אלט אריבערגעגאנגען אין א מעדעצינישע שולע און האט 3 יאהר שטודירט מעדיצין, ער האט אויסגעהאלטען זיין עקזאמען גלענצענד, האט בעקומען א דיפלאם אויף דאקטאר, האט אבער נים געוואלט פראקטיצירען, דיא מעדיצין אלס וויסענשאפט איז איהם נים געפעהלען,

איך האב געזוכט דיא ווארהייט און מען האט מיך געלערנט „שווינדעל און בעטרוג" האט ער דאמאלס געשריבען, צו זיינעם א פריינד, מען קען זיך לייכט דענקען אין וואס פיר א צושטאנד דיא מעדיצין איז געווען אין יענער דונקעלן צייט און עס איז קיין וואונדער, אז אזא דונקלע וויסענשאפט האט נים געקענט בעפריעדיגען א מענשען, וואס האט אזוי געדירשט נאך וואהרהייט וויא וואלניי,

ליידיג זיצען, גאר נישט טאהן, האט אזא מענש נים געקענט, ער האט אנגעהויבען צו שטודירען דיא אלטע שפראכען און דיא וועלטגעשיכטע לערנען אראביש און כאלדעאיש אין אייראפא האט וואלניי געפונען פאר אונמעגליך, אראביש דארף מען לערנען אין אראביען, ביי איהם האט זיך ערוועקט דער וואונש צו פאהרען קיין אראביען, צו רייזע: צו זעהען דיא ערטער, וואו מיר געפינען דיא ערשטע שפורען פון ציוויליזאציאן, וואו עס זיינען ענטשטאנדען, געבליהעט און פערשוואונדען דיא גרעסטע קעניגרייכען, דיא רייכסטע פעלקער און דיא געבילדעטסטע נאציאנען

אונטער געשיילאסענע מהירען, ווארום אין 1865 איז נאך אין דעם ציוויליזירטען עסטרייך דאס בוך געוועהן אזוי שטרענג פערבאטען, אז ביי וועמען מען האט עס געפונען, דער האט געדארפט צאהלען 8 הונדערט גולדען שטראף און 6 מאנאטע ארעסט דערצו.

אין דער צייט פון דיא פראנצייזישע רעוואלוציאן, האט מען וואלניי ארעסטירט אלס אריסטאקראט, אבער זיין מייסטערווערק „דיא רואינען" האבען איהם ארויסגעהאלפען אין דער נויט.

אין 1798 ווען נאפאלעאן דער ושטער האט אונטערדריקט דיא פראנצייזישע רעוואלוציאן, האט ווייטער איינגעפיהרט א שטרענגע רעגירונג און צוריק-גערופען דיא רעליגיאן, וועלכע דיא רעוואלוציאן האט אבגעשאפט, האט דעוואלניי ניט געקענט אייצען אין פראנקרייך, ער איז אוועקגעפאהרען קיין אמעריקא צו זיין פריינד בענדשמין פראנקלין, דא איז אבער אויף איהם אנגעפאלען א גייסטליכער פ ר י ע ס ט פאר זיין ווערק „דיא רואינען" און האט איהם געזידעלט, וויא א גייסטליכער קען זיך זידלען, וואלניי האט איהם אבער געענטפערט וויא א געלערנטע פילאזאף, וואלניי איז מיט אמעריקא מיט איהרע בעריהמטע פרייהייט ניט געוועזן צופרידען, ער האט ניט געקענט ליידען דיא אמעריקאנישע פרומקייט, דיא אמעריקאנישע הייכעליי דיא אמעריקאנישע היפאקריזיע, ער איז צוריקגעפאהרען קיין פראנקרייך, איז געווארען פראפעסאר פון געשיכטע און איז געשטארבען דעם 25טען אפריל 1820 ער האט פערפאסט זעהר פיעל היסטארישע ווערקע; בעזאנדערס בעמערקענסווערטה איז זיין ווערק : ש מ ו א ל ה נ ב י א דער ערפינדער אז מען דארף קעניגע זאלבען,

דיא לעהרען וואלניים זיינען :

זוך דיא ווארהייט, פארש און קלער, לערן אלייז, לערן אנדערע, לעב פאר אנדערע און אנדערע וועלען לעבען פאר דיר, רעגיערונג געזעצע, און רעליגיאן האבען געבראכט דיא געזעלשאפט אלע צרות, אלע ליידען, וואס זיא בראנגט איבער, שאפט אב דיא רעליגיאן בעפרייט אייך פון דיא הערשער און איהר וועט זיין גליקליך.

NO 73 C.P.D.S. WESTB

WITH LOCAL NO. 27

Multatuli

געקליבענע מעשה'לעך

פון

מולטאטולי.

אַרויסגעגעבען פון א. גאלוב.

לאנדאן,
1908

„פֿרייע אַרבייטער וועלט" דרוקעריי, 20, סמיטה סטריט, סטעפּני, א.

אינהאלט־פערצייכנונג:

1) פאָרוואָרט 5

2) דער טהעאַטער מענעדזשער 11

3) הויך לעבען 13

4) אַ מעשה'לע פון דער אויטאָריטעט . . . 16

5) נאָך אַ מעשה'לע פון דער אויטאָריטעט . . 17

6) וויסען איז א זינד 20

7) דער פאָטער און דאָס קינד 23

8) השגחה 23

9) דער גלויבען 24

10) קראַטעס דער צווייטער 25

11) אונמאָראַליש 27

12) כבוד אב ואם 28

13) מנהגים 29

14) אַ געשפרעך מיט יאַפּאַנער 36

15) דער בריקעל 57

16) ברעזאָס 58

17) ציוויליזאַציאָן 60

18) דריי. 62

19) נים אין דער פראָגראַם 62

20) שנעה־בערען אין איטאַליען 63

21) געקליבענע געדאַנקען 64

פֿאַרוואָרט.

אין די שריפֿטען מולטאַטולי׳ס טרעפֿען מיר זיך מיט אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: דאַכט זיך, די כונה, די געדאַנקען זיינען פֿאַר אונז גאָר אַלטע בעקאַנטע, — מיר האָבען זיי שוין אַמאָל טויזענד געהערט און אַליין איבערגע׳חזר׳ט, מיר האָבען שוין קוים ערוואַרטעט, אַז מען זאָל זיי קענען אַנדערש אַרויסזאָגען, ווי מען האָט זיי שוין אַרויסגעזאָגט, און דאָך... לייענענדיג מולטאַטולי, ווערען מיר ערשטוינט ערפֿאַהרענדיג, דאָס דיזעלביגע געדאַנקען קענען אונז פֿאָרגעטראָגען ווערען אין גאָר אַ שפּאָגעל-נייער געשטאַלט, — אין דאָס מערקווירדיגסטע דאַביי איז, דאָס זיי פֿערבלייבען שוין אויף אימער שפּאָגעל-ניי, זיי ווערען מעהר ניט אָבגעבלאַנקט און בעהאַלטען רק דיזעלביגע פֿרישקייט און מונטערקייט ווי אָקאָרשט געבאָרענע.

עפּעס אַ נשמה האָט ער אין זיי אַריינגעהויכט, וועלכע קען קיינמאָל ניט אויסגעשאַלט ווערען... די געדאַנקען זייגען שוין כמעט ווי אויסגעניקעט געוואָרען אין אונזער מוח; זיי האָבען זיך פֿאַנאַנדערגעשוואומען און צונויפֿגעגאָסען זיך מיט דער אַלטעגליכער שטימונג; מיר וואָלטען זיי באַלד ניט דערקענט, — און אָט האָט ער זיי אָנגעטהאָן הויט און ביין, געמאַכט זיי פֿאַר אַ קערפּערליכע ערשיינונג: ממש דעם אויג ניט אַראָבצורייסען פֿון זייער פֿריש-יונגען אויסזעהן!

עפּעס אַריינגעלייגט האָט ער אין זיי, וואָס גיט זיי צו אַ בעוונדער׳ן חן; עס מאַכט אויף אונז דעם איינדרוק, אָקוראַט ווי מיר וואָלטען צוזאַמען מיט דעם פּאָעט פֿון דאָס-ניי זיי ענטדעקען... אָט דאָס איז די קונסט פֿון פּאָעטישער דאַרשטעלונג!

מיר וועלען פֿערזוכען אין געוועהנליכער און איינפֿאַכער פֿאָרם צונויפֿצונעמען דיזעלביגע געדאַנקען, כדי צו געבען דעם לעזער די מעגליכקייט צו בעוואונדער׳ן די קינסטליכע אַרט פֿון זייער פֿערבילדליכונג.

ווען איהר האָט זיך בעגעגנט מיט אַן ערהאַבענעם גליק, אָדער מיט אַ שרעקליכען אונגליק; ווען אייער האַרץ איז דורכגעשטורעמט פֿון אַ מעכטיגען געפֿיהל; ווען דאָס לעבען האָט אייך אויסגעקליבען צו דעם געפֿעס, וועלכעס עס וויל אָנפֿילען מיט פֿריידען און ליידען; ווען דאָס וואַהרע, הייליגע, ריין-מענשליכע האָט אָנגעהויבען צו רעדען דורך אייך, — דערוויטערט אייך, אַנטלויפֿט פֿון דעם פּובליקום! ער איז ניט קיין מיטפֿיהלענדער, ער ווערט ניט מיטגעריסען פֿון דער חוואַליע, וואָס האָט אייך אָנגעכאַפּט, — ער איז בלויז אַ צושויער, וואָס וויל מאַכען נאָטיץ פֿון אייער נאָמען און אַדרעס. מיט דער נייגיריגקייט פֿון אַ מאַלפּע וועט ער נאָכקוקען די תנועות און מינעס, וועלכע איהר וועט מאַכען, כדי זיי נאָכדעם נאָכצוקרימען; ער וועט זיך צו האָרכען צו דעם געשריי, וועלכען אייער קעהל האָט אַרויסגעלאָזט, אונבעוואוסט פֿאַר אייך אַליין, ווען איהר זייט געווען אין העכסטע גראַד פֿון אויפֿרעגונג, כדי איהם נאָכדעם נאָכצוקווייטשען... אַז אַקטיאָר זאָלט איהר פֿאַר איהם זיין, און ער וועט אייך בעווייזען אַ חסד און — פּאַטשען בראַוואָ! ער וויל זיך פּאָבאַוויען מיט אייערע פֿריידען און ליידען, דען ער האָט מורא זיי אַליין צו ערלעבען; ער וויל

אָבלעקען דעם שוים פֿון אייערע געפֿיהלען, דען עס געלוסט זיך איהם פֿאָרט זייער טעם צו פֿערזוכען. שפּאָרעוודיג וויל ער לעבען, ביליג זאָל עס איהם קאָסטען!... און ווען זיין קליין הערצעלע איז פֿול געוואָרען, זיין פֿלאַכע נשמה'לע האָט זיך בעדעקט מיט דעם טו פֿון אייערע געפֿיהלען, דאַן פֿיהלט ער זיך געזעטיגט, און ער דערמאָהנט זיך אָן זיין וואַהרע נאַטור, — די נאַטור פֿון אַ געשעפֿטס-מאַן, — עס ערוואַכט אין איהם דער פּראָ-פֿיטען-מאַכער, און ער פֿערזוכט אייך צו דינגען, אום פֿאָרצושטעלען אייך דעם „הויכגע-שעצטען" פובליקום ווי זיין אַנטיקעל!

אין דער מעשה'לע „הויך לעבען" מאַכען מיר נאָך אַמאָל בעקאַנטשאַפֿט מיט דעם „הויכגעשעצטען" פובליקום. פֿון וועמען בעשטעהט ער? פֿון ניעדעריגע נפשות'לעך, וועלכע קלייבען נחת דערפֿון, וואָס זיי לעבען אונטען, טיעף אין די בלאָטעס. זיי קענען זיך זאַט אָנעסען, וואָס דאַרפֿען זיי מעהר? „האָניג האָסט דו אויבען?"—דאָס איז דער צינישער ענטפֿער, וואָס זיי גיעבען דעם חבר, וועלכער האָט זיך אַרויפֿגעהויבען אין דער הויך און רופֿט זיי אַהין, פֿון וואַנען מען קען אויף אַלצדינג אַראָבקוקען און בע-גרייפֿען די הערליכקייט פֿון דער וועלט. און מיט קלוגע מינעס פֿון זאַטע בעל הבתים'לעך שפּאָטען זיי: „וואָס? דער הויך לעבענדער דאַרף דען ניט עסען? נישקשה, ער וועט נאָך צו אונז קומען!" און וויל דער הויך לעבענדער דאַרף אויך עסען, שליסען זיי דערפֿון: דאָס זייער איינציגע אויפֿגאַבע איז צו פֿרעסען!

אָבער הויך לעבען אין דער לופֿטען חייסט אין דער לופֿטען הייגגען, — און דאָס איז אויך קיין פלאַן ניט! דער נצחון פֿון די, וואָס פוזען אויף דר'ערד, שטאַמט טאַקע דערפֿון, וואָס אַ שטיקעל אמת איז פֿאָרט ביי זיי פֿאַרהאַן; מען קאָן ניט יוצא זיין מיט אָנקוקען די פֿריידען פֿון לעבען, מען מוז זיי אויך געניסען! אויך אין דער הויך מוז מען אַ פֿעסטען באָדען פֿאַסען, און אַזאַ פֿעסטער באָדען אין דער הויך איז אַ באַרג...

בעת ווען דער שוועבענדער אין דער לופֿטען מוז נאָך אַלע אָנשטריינגונגען מיעד און מאַט ווערען, אין אָנהויבען צו זינקען, און ענדליך אַרונטערפֿאַלען אויף דעם שאָכסע-וועג, וואו די עזוי'שע קאָפּיטעס וועלען איהם צו מזיק'ן ביז אויף טויט, וועט יענער, וועלכער וועט זיך אויפֿבויען אַ וואוינונג אויף די בערג, אי זיך זעטיגען מיט דעם האָניג, וואָס די בלו-טען וועלען איהם אַנטקעגען טראָגען, אי זיך דערקוויקען מיט דער פּראַכט, וועלכע ערשיינט אייגעס, וואָס קוקט פֿון אויבען אַראָב; דען איינציג אין איבערטראָפֿען איז די פֿרייד אַלין מיט איין און איינציגען בליק אַרומצונעהמען!... און קיין עזעל וועט איהם ניט קענען דערגרייכען!...

אזעלכע אומפֿאַסענדע בליקען פֿון הויכען באַרג גיט מולטאַטולי אין אַלע זיינע מעשה'-לעך און משלים. מיט'ן ערשטען קוק דערקענט ער, אַז ניט אַלע, וואָס גראָבען זיך אונטען אין שמוץ, זיינען גלייך: עס זיינען דאָ מעכטיגע און שוואַכע, זאַטע און הונגעריגע, הערשער און בעהערשטע; עס גילט נאָר אויטאָריטעטען און געהאָרכזאַמקייט צו זיי. זיין טיעפֿער קוק דרינגט דורך ווייטער, און ער דערזעהט, אַז זיי אַלע שעפּען זייער קראַפֿט פֿון איין העכסטער אויטאָריטעט, וועלכע האָט פֿערשפּרייט איהר שוואַרצען פֿליגעל איבער'ן גאַנצען לעבען, — פֿון דער גאָטהייט. „יעדע מאַכט קומט פֿון גאָט; ווער עס וויל האָבען מאַכט, מוז ערפֿינדען אַ גאָט". מען סטראַשעט די מענשען מיט יסורים, וואָס דער גרויזאַמער גאָט וועט אָנטהאָן די „זינדיגע" אין גיהנום, ווי די נ'אַם סטראַשעט די צו איהר אָנפֿערטרויטע פּיצי-עך מיט'ן שוואַרצען הונד, כדי זיי צו האַמעווען. און אָקוראַט ווי די קינדער זיינען שיער

יט משוגע געוואָרען פֿון מורא פֿאַר'ן שוואַרצען הונד, אַזוי זענען די מענשען אַראָב פֿון זינען מחמת יראת שמים. און וואָס איז גאָט? גאָט איז דער „גאָרנישט". וואָס האָט געקראָגען אַ נאָמען: אָט די „גאָרנישטען", וואָס קריגען נעמען, זיינען די גרעסטע פֿייניגער פֿון'ם מענשליכען געהירן. דער לעערער רוים שרעקט, און דער לעערער רוים, וואָס האָט געקראָגען אַ נאָמען אין געוואָרען צום וואָרט, וואַרפֿט אויפֿ'ן מענשען אַזאַ אימה, וואָס לאָזט איהם ניט קומען צו זיך. מיט וואָס ווערט ט ה ו ג אַ ט ע ר איינגעהאַלטען אין דער היים ביים פֿאָטער, צו בלייבען אַן אייביגע שקלאַפֿין, אַן אייביגע קיה-מויד? מיט דעם וואָרט: „וויסען איז אַ זינד!" וואָס איז זינד? ניכטס! זי איז דער שרעק, וואָס האָט אָנגענומען די געשטאַלט פֿון אַ וואָרט... און וואָס לעערער און דערפֿאַר אויך אונפֿערשטענדיגער איז דער בעגריף, אַלץ אַ גרעסערער כשוף שטעקט אין איהם.

אכשר'ע בהמה'לע איז זי געווען, די טהוגאַטער; טריי און עהרליך פֿלעגט זי ערפֿילען איהרע פֿליכטען; ביז'ן לעצטען טראָפּען פֿלעגט זי אויסמעלקען, כדי דאָס פֿעטע זאָל ניט אַניוועק גיין אין די אייטערס. עס האָט איהר פֿון דער היים ניט געצויגען, זי האָט נאָך ניכטס געגאַרט, דען פֿון קיין זאַך האָט זי ניט געוואוסט. איהר עהרליכקייט האָט זיך געשטיצט אויף איהר אונוויסענהייט, און איהר פֿליכט-טרייהייט אויף איהר טעמפּקייט.

די זיהן אָבער, פֿערקעהרט, זיינען געווען גרויסע פֿוילענצער און זעהר נאַכלעסיג אין ערפֿילונג פֿון זייער טאַטענס מצוות; עס האָט זיי גאָר אין גאַנצען געפֿעהלט די קנעכטישע טוגענדען, וועלכע האָבען געציערט די טהוגאַטער. זיי האָבען קיין זיץ-פֿלייש ניט געהאַט, זיי האָבען ניט געקענט רוהען אונטער'ן טאַטענס דאַך; עס האָט יעדערן געצויגען נאָך זיין אייגענעם בערוף, עס האָט יעדערן געגלוסט זיך אַן אייגענעם ציעל אין לעבען.

דאָ האָבען מיר צווייערליי מענשען-טיפּען, — אַ קנעכטישען און אַ פֿרייהייטליכען, — מיט צווייערליי מאָראַלען, וואָס איינע איז דער היפך פֿון דער אַנדערער. און די נפֿקא-מנה צווישען זיי ביידען איז די, וואָס זי, די טאָכטער, האָט ג ע ג ל ו י ב ט, און זיי, די זיהן, האָבען ג ע ו ו א ו ס ט.

דער גלויבען פֿערקנעכטעט, ער מאַכט דעם מעכטיגסטען שוואַך. אָט געהט אַ וואַנדערער, בעלאָדען פֿון אונגעהיידע רייכטימער, בעשיצט פֿון בעוואָפֿענטע מחנות. קיין היל קען איהם ניט בייקומען,—און בייגעקומען האָט איהם דער גלויבען! ווי אַ שטריק האָט ער זיך אַרומגעדרינגעלט אַרום זיין האַלז און איהם געפֿאַנגען אין פּלען. ווי איז דאָס געשעהען? אונבעגרייפֿליך! ווי האָט זיך דער רויבער צו איהם צוגעגנב'עט מיט'ן שטריק פֿון גלויבען? וואו איז די וואַך אַהינגעקומען? ער האָט איהם צוגעוואָרפֿען אַ וואָרט פֿון גלויבען, וועלכער האָט פֿערפֿינסטערט זיין מוח, פֿערשלונגען די קראַפֿט פֿון זיין שכל... דער גלויבען איז דער אָבגרונד פֿאַר'ן שכל!

וואו דער גלויבען קומט מיט זיין אונזיניגקייט, טאָר דער שכל ניט אַריינמישען זיך מיט זיין לאָגיק. האָט איהר ניט געהערט דעם טרייסטפֿולען צוזאָג פֿון אויבערשטענס השגחה? ער זאָרגט פֿאַר יעדע פֿויגעלע, ער גרייט פֿאַר איהר אָן אַ ווערעמעל. און מיט איהר געזאַנג לויבט זי גאָט ברוך הוא... ווי שעהן די וועלט איז איינגעאָרדענט! „און דאָס ווערעמעל, וואָס ווערט פֿון דער פֿויגעלע פֿערשלונגען, גיט דען אויך אַ לויב דעם אייבערשטענס השגחה?" — פֿרעגט דער אונפּאַרטייאישער שכל פֿון אונשולדיגען קינד. דאָס קינד ווייסט ניט, אַז אַזוי טאָר מען ניט פֿרעגען,—דער טאַטע ווייס אָבער, אַז וואו גלויבען, איז קיין קשיות ניטאָ!

און אָט פֿון ד ע ר קוועלע פֿון דער שכל - פֿערפֿינסטערונג שטאַמט אויך די מאַכט פֿון דער אירדישער הערשאַפֿט. דער ניכטיגער זוהן פֿון מעכטיגען קראַטעס וויל בעשטייגען דעם פֿאָטערס שטוהל, ער וויל ווערען אַ יורש. דאָס פֿאָלק אָבער וויל איהם ניט אָנערקענען, עס איז נאָך נאַטירליך און נאַאיוו און פֿערשטעהט ניט דעם סוד פֿון ירושה. מאַכט קען מען נאָר ב ע ז י צ ע ן, אָבער ניט ירש׳נען; אַ מעכטיגען׳ס שטוהל הייסט איינפֿאַך שטוהל, אָבער ניט טראָהן, און זיין הייזעל, וואו ער וואוינט, איז נאָך אַן איינפֿאַך הייזעל, און קיין פּאַלאַץ. אָבער עפּעס אַן אַלטע באָבע האָט געזעהן, ווי ביי׳ם געבאָרען ווערען פֿון קראַטעס׳עס זיהנדעל האָט אַ טראָפּען זאַלב פֿון קראַטעס׳עס דעם ג ר ו י ס ע ן׳ס קאָפּ אַראָבגעשפּריצט אויף קראַטעס׳עס דעם ק ל י י נ ע ם׳ס קעפּעל, און דערפֿאַר איז ער אַ געזאַלבטער, און אַ געזאַלבטען, דרינגט די באָבע, דאַרף מען פֿאָלגען. די מאַכט פֿון פֿאָטער איז צו איהם אַריבערגעגאַנגען, כאָטש זי איז אין איהם ניט קענטיג. פֿאַר וואָס? פֿאַר דאָס! קיינער פֿערשטעהט עס נים, אָבער אַלע בעגרייפֿען עס, אום וואָס עס האַנדעלט זיך: די זאַלבונג איז אַ סוד, אַ געהיימניס, אַ הייליגונג, אַ קדושה. און מיט אַמאָל איז פֿון שטוהל געוואָרען אַ טראָהן און פֿון הייזעל אַ פּאַלאַץ, און פֿון קלאָגעדיגען מפּל אַ מעכטיגער קעניג! און געה האָב טענות — עס איז אומזיסט! דאָ ראַנגעלט זיך דער שכל מיט׳ן גלויבען, — און אַנטקעגען גלויבען גילטען קיינע בעווייזע!

אויך אַזאַ מין זאַלבונג און שמירונג איז נויטיג, אום צו קרוינען ווענען עס איז מיט׳ן טיטעל: „מאָראַלישער מענש". ווען דער סאַמאָיעד שמירט מיט שטינקעדעם פֿעט זיין קערפּער — שמירט דער „ציוויליזירטער" מענש מיט שטינקענדע מוסר - אייל זיין נשמה. און טהוט ער עס ניט — פֿיהרט ער זיך ניט לויט די מנהגים, ער איז מבזה די זיטען! אַזאַ איינער איז ניט לייטען גלייך און רייצט אויף זיך אָן זיינע מיט-מענשען; אַזאַ מאַן פֿערדיענט כשר, אַז די סאַמאָיעדישע חברה מיט זייער שאַמאַן בראש זאָל פֿון איהם צונעהמען די פֿון איהם געפֿאַנגענע ים-פֿיש און לאָזען איהם פֿערהונגערן, און אַז די „ציוויליזירטע" געזעלשאַפֿט מיט איהרע גלחים און חכמים אַן דער שפּיצע זאָל איהם אַרויסשטויסען פֿון איהרע רייהען און אויסהונגערן איהם מיט קאַזיאָנע קעסט אין די געפֿענגניסען; און סיי די ווילדע חברה און סיי די געבילדעטע געזעלשאַפֿט האָבען א י י ן נאָמען צו שטעמפּלען דעם דאָזיגען מאַן: אונזיטליכער, אונמאָראַלישער, פֿערברעכערישער מענש! און ווען די „עזות-פּנים׳ער" וועלען דערמיט זיך ניט בעגנוגענען און דער איינער וועט זיך נעהמען רייבען מיט שמעקעדיגע זייף און דער אַנדערער זיך אויסציערען מיט שעהנע, וואַהרע און איידעלע אידעען, אָה, דאַן... קומט זיי שמיין, זיי זיינען ווערטה, מען זאָל זיי שינדען די פֿעל! דער רעבעלישער סאַמאָיעד ווערט געשמיסען, אויף דעם פּראָסט-פּשוט׳ן אופֿן מיט די פֿלוס-פֿעדערן פֿון דעם ים-הונד, איבער יענעם חלק פֿון מענשליכען קערפּער, וועלכער דיענט אויך צו אַנדערע צוועקען; און דער רעבעל אין דער ציוויליזירטער געזעלשאַפֿט ווערט געשמיסען אין אַביסעל אַ פֿערשטעלטער פֿאָרם, מיט אַזעלכע ריטער, וועלכע ווערען צוערשט אויסגעטריקענט אין פּאַפּירענער געזעצליכקייט און טראָגען די נעמען פֿון פֿרייהייטען און רעכטען, און איבער אַזעלכע טיילען פֿון מענשליכען קערפּער, וועלכע זיינען פֿיעל צאַרט-פֿיהלענדער, איידער יענער בעריהמטער ביי די מאָראַליסטען קערפּער-טייל — איבער׳ן האַרצען און איבער די נשמה.

פֿאַר צושטערען די מנהגים, פֿאַר פֿערדאַרבען די זיטען קומט שמיין, — כשר׳ע, עכטע שמיין, אַ שפּאַס די מנהגים! די מנהגים זיינען הייליגטימער, און אויף זיי בעשטעהט די

ויעל'ט... הערט אַקאָרשט, וואָס איז אַזוינס מנהגים. מילטאַטולי האָט געשריבען אַ געוואַלדיגען בעשולדיגונגס-אַקט געגען די מנהגים; שאַרף און גיפֿטיג, ווי די צייהנער פֿון אַ שלאַנג, בייסען זיינע ווערטער. זיין כעס איז ניט קיין געמאַכטער, ניט ספּעציעל אַרויסגערופֿען, כדי צו שרייבען אַן אַרטיקעל; מען דערקענט אָן איהם, אַז ער איז זיי פּערזענליך אַ דם-שונא, — זיי האָבען *איהם* אָנגעריהרט, זיי האָבען *איהם* וועה געטהאָן, און ער וועט זיך ניט בערוהיגען, ביז וואַנען ער וועט זיי ניט אויסראָטען.

צוויי הויפּט-בעשולדיגונגען שטעלט ער געגען זיי אַרויס: זייער *גרויזאַמקייט*, וועלכע שטייגט אַריבער די גרויזאַמקייט פֿון געזעץ. דער געזעץ גרייפֿט נאָר דעם מענשען אויסערליך אָן, ער שטראָפֿט פֿאַר געוויסע טהאַטען אונטער געוויסע בעדינגונגען — די מנהגים אָבער דערגרייכען ביז די נשמה, זיי שטעמפּלען מיט שאַנדע, זיי זיינען קיינמאָל ניט מוחל און פֿערפֿאָלגען ביז'ן קבר. זיי בעפֿעהלען אפילו דעם, וועלכער אַנערקענט זיי ניט; זיי צווינגען אָן פֿליכטען דעם יעניגען, וועלכער פֿערהאַסט זיי, געגען זיין אייגענעם ווילען.

די צווייטע בעשולדיגונג איז זייער *אונגאַטירליכקייט*: זיי שטעהן אין אַן אייביגען ווידערשפּרוך מיט די נאַטירליכע אינסטינקטען פֿון מענשען, אַקוראַט ווי זייער ספּעציאַליטעט וואָלט געוועזען די נאַטור צו רודף'ען. זיי רופֿען יענעם מענשען *טוגענדהאַפֿט*, וועלכער האָט זיך אַליין צובראָכען, און *טוגענד* יעדע אויסראָטונג פֿון אַ נאַטירליכען אינסטינקט. דער וועג פֿון טוגענדען איז אַ בלוטיגער וועג; זיי זיינען מערדער און צושטערער פֿון מענשליכען גוף און נשמה! טוגענד איז דער מנהג אין אונז...

די אַלע ביז אַהער אָנגעפֿיהרטע געדאַנקען קענען דיענען פֿאַר אַן איינלייטונג צו „דעם געשפּרעך מיט יאַפּאַנער". דער געשפּרעך קאָנצענטרירט אין זיך אַלע הויפּט-געדאַנקען פֿון מילטאַטולי'ס וועלט-אַנשויאונג. מיר וועלען זיך אָבהיטען צו ברייגנען יעדערן בעזונדער,— דאָס וואָלט געוועזען אַ פֿערזינדיגונג געגען דעם לעזער, מיר וואָלטען איהם איבערגעפֿיהרט דאָס פֿערגניגען זיי צו געפֿינען אויף זייער פּאַסענדען פּלאַץ, וואו איינגעוויקעלט אין די פֿעדים פֿון אַ לעבעדיגען שמועס, געווינען זיי אַ בעזונדערע קראַפֿט און ווירציגקייט. מיר וועלען נאָר אַרויסהייבען דעם מיטעלפּונקט, און דאָס איז ווידער אַמאָל די אַטאַקע געגען די טוגענדען, זי גיט דעם אייגענטליכען קאָליער דעם גאַנצען געשפּרעך.

מולטאַטולי ווייסט ניט, וואָס טוגענד איז, אָבער דער פֿיעל קעפּיגער „מען", די מענשליכע סטאַדע ווייסט, דען זי בעשטימט, וואָס טוגענד זאָל הייסען...! אָט לאָמיר נעהמען די שטאַרק פֿאַנאַנדער געשריענע טוגענד—די צניעות, די מיידעלשע כשר'קייט. צניעות איז נישטאָ, עקזיסטירט נאָר אַלס וואָרט, וואָס איז ווידער אַמאָל אַן המצאה'לע פֿון „מען", כדי צו פֿערשטעקען דעם ליגען פֿון דער חתונה.

התונה איז אַן איינפֿאַכער אָבמאַך, אַ קאָנטראַקט, דורך וועלכען דער מאַן פֿערפֿליכטעט זיך צו ערנעהרען די קינדער פֿון דער פֿרוי, וועלכע איז פֿון איהם טראָגעדיג געוואָרען... גוט. וואָס נאָך מעהר? האָט „מען" דאָס אָבער פֿערשלייערט, אָנגעטאָהן אין אַ געהיימניס. חתונה איז אַ הייליגע פֿערבינדונג, די נשמות צוקושען זיך אין גאָמס נאָמען, אין אַ מיידעל, וועלכע איז טראָגעדיג געוואָרען פֿון אַ מאַן, וועלכען זי ליעבט, אָהן אַ פֿערזיכערונג דורך אַ קאָנטראַקט, האָט בעגאַנגען ניט בלויז אַן אונפֿאָרזיכטיגקייט, נאָר אַ זינד, אַן אונטוגענד. „מען" פּסל'ט זי, ער וואַרפֿט אויף איהר אַרויף אַ פֿליך, אַ קללה, אַן

אייביגע שאַנד. אַן איינפֿאַכע בעוואָרענונג פֿאַר בעטרוג, וועלכער איז גאָר ניט קיין נאָאיווע ביי קרעמער און צווישען קרעמער, האָט „מען" געמאַכט צו אַ טוגענד, און די טוגענד האָט געבאָרען די אונטוגענד, וועלכע איז געוואָרען צום פֿיין און שמאַך פֿאַר די אונגליקליכע פֿרוי.

און יעדע נאַטירליכע נייגונג האָט „מען" אויסגעשריען אַלס „מוז" און פֿליכט. און דער מענש, אַנשטאַט בעוועגט צו ווערען פֿון פֿרייעם שפּיעל פֿון די נאַטור-קרעפֿטען אין איהם, האָט אָנגעהויבען נאָכצולויפֿען אויף אַ קייט ביי דער דעספּאָטישער טוגענד. און פֿאַר אַלע אָבקומעניש דאַרף בעלוינען דער „גאָר ניט", וואָס איז געוואָרען צו גאָט, די מעכטיגע און די רייכע גיעבען די מאַסען אַן אָנוויז אויף אַ יענזייטיגען קאַסירער, וועלכער דאַרף זיך מיט זיי אויסקוויטען. זיי האָבען אַרויסגעלאָזען אַ וואָרט, אין וועלכען „מען" מוז גלויבען, אָבער זיי אַליין ברויכען ניט צו גלויבען. און די איינציגע, וועלכע האָבען פֿערשטאַנען דעם שווינדעל, זיינען די „פֿערקעהרט געבוירענע", וועלכע ווערען גע'רודף'ט און געפּייניגט פֿון דעם פֿיעל-פֿאַך בעשווינדעלטען עולם-גולם-קאָפּ — „מען".

אַזאַ „פֿערקעהרט געבאָרענער" איז אויך מולטאַטולי, וועלכער מאַכט ניט קיין סוד פֿון זיינע ענטדעקונגען איבער טוגענד, גאָט און אויטאָריטעט, און ניט ווייניג האָט ער געהאַט אויסצושטעהן פֿון דער אירדישער פֿערקערפּערונג פֿון דער אויטאָריטעט — פֿון דער האָלענדישער רעגירונג. אָבער מולטאַטולי איז ניט פֿון די שווייגעדיגע, וואָס בלייבען אַן אַנטוואָרט שולדיג: ניט געשווינט האָט ער איהר מיט זיין שפּיעז-אַרטיג שטעכענדער סאַטירע, און ניט איינמאָל, ריידענדיג איבער טוגענד, גאָט און אויטאָריטעט, האָט ער פֿערטשעפּעט די טוגענדהאַפֿטעסטע האָלענדישע רעגירונג בפרט, און דעם רויבגיעריגען קריסטליכען שטאַאַט איבערהויפּט.

פֿאַר אַ שלום-וואָרט צו זיינע מעשה'לעך קען דיענען „די קריסטליכע ציוויליזאַציאָן". זי ערשיינט אַלס איינער פֿון קאָפּ ביז די פֿיס בעוואַפֿענטער רויבערישער סוחר, וועלכער ברייננגט צו דעם ווילדען די „פֿרעהליכע בשורה", אַז די בעסטע איינריכטונג פֿון אַ קריסטליכען שטאַאַט איז די געפֿענגניס, און אַז דאָס גרעסטע גליק איז געטויטעט צו ווערען פֿון אַ ציוויליזירטען באַנדיט, — און דאָס הייסט טאַקי „שטאַרבען אַלס ציוויליזירטער מענש" אָבער פֿריהער פֿאַר אַלין, איידער ער גרייט זיך צום טויט, מוז דער ווילדער בעצאָהלען דעם קרעמעריש-קריסטליכען רויבער פֿאַר די ערלויבניס צו האַנדלען מיט דעם קאַפֿע און צוקער, וואָס ער אַליין, דער ווילדער, האָט געפֿלאַנצט אין בעאַרבייט. „טהו אָן אַ צילינדער, וואָס וועט דיר פֿערברענען דיין קאָפּ, נעהם אָן דעם קריסטליכען גאָט און לאָז זיך שמייסען דריי מאָל אַ טאָג — און בעצאָהל פֿאַר'ן צילינדער, פֿאַר'ן גאָט, און פֿאַר די שמיץ מיט די פּראָדוקטען, וואָס דו בעקומסט פֿון דיין ווילדער מוטער-נאַטור, — אָט דאַמאָלס וועסט דו זוכה זיין... צו ווערען אַ קרבן פֿון דער קריסטליכער ציוויליזאַציאָן!"

פֿון די איינציגע אויסגעצייכענטע מעשה'לעך, וועלכע מיר גיעבען צום שלום, לאָזען מיר איבער דעם לעזער אַליין הנאה צו האָבען אָהן אונזער'ן פּירוש. דאָס ביכעלע קען איינמאָל, צווייטמאָל און דרייטמאָל איבערגעלעזען ווערען, און דער אינהאַלט זאָל אימער ווידער ערשיינען פֿאַר אונז לעבעדיג, ניי. דער געדאַנק איז פֿאַרגעשטעלט אין אַזאַ בילדליכער פֿאָרם, אַז ממש ער צאַפּעלט זיך פֿאַר אונזערע אויגען.

ב. ריווקין.

לאָנדאָן, מאַי, 1908

דער טהעאטער מענעדזשער.

א פיין פערפוצטער מאַן, מיט גילדערנע רינגען אויף די פינגער, האָט אַרומגעשפּאַצירט צופרידען ביי איינעם פון די דאָקס אין אַמסטערדאַם. אַראָבגעקומען אַהער איז ער „צוליעב געשעפט". וואָס פאַר אַ געשעפט, וועט איהר גלייך זעהן. פאָר איהם איז געגאַנגען אַ פרוי מיט אַ קינד. עס האָט זיך עפּעס געמאַכט און דאָס קינד איז אַריינגעפאַלען אין וואַסער. די מוטער האָט דערלאַנגט אַ קוויטש... איז נאָכגעשפּרונגען נאָך'ן קינד און האָט עס געראַטעוועט.

אַז דער געשעפטס-מאַן האָט עס דערזעהן, האָט ער אַרויסגענומען זיין נאָטיץ-ביכעל און האָט גענומען עפּעס פערצייכענען דאָרט.

עס ווערט אַ שמועס:

— מאַדאַם, קען איך פיליכט וויסען אייער נאָמען און אַדרעסע?

— מיין קינד, מיין קינד, איך האָב מיין קינד צוריק!

— זעהר גוט! אָבער קען איך אפשר וויסען...

— כ'האָב מיין קינד צוריק! — האָט ווידערהאָלט די מוטער, וועלכע האָט גאָר ניט געקענט פערשטעהן, ווי אַזוי מען קען מיט איהר ריידען וועגען עפּעס אַנדערש אויסער איהר קינד.

— מיט דער פרוי איז גאָרנישט צו מאַכען, — האָט דער נייגיריגער מאַן געמורמעלט אין זיך — הע, פריינד-לעבען, איהר קריגט אַ שעהנעם „לחיים" פון מיר, ווען איהר וועט מיר ביז מאָרגען אויסגעפינען דעם נאָמען און די אַדרעסע פון דער דאָזיגער דאַמע.

מיט די ווערטער האָט זיך דער פרעמדער געווענדעט צו איינעם פון די צושויער; און עס ווייזט אויס, אַז ער האָט דאָס מאָל געקראָגען צו וויסען, וואָס ער האָט געוואָלט וויסען, מחמת אויף מאָרגען האָט ער אָנגעקלאַפּט ביי דער גליקליכער מוטער אין טהיר.

און ס'ווערט ווידער אַ שמועס:

— מאַדאַם, כ'האָב געהאַט די עהרע, צו זיין דערביי, בשעת...

— אָה, איהר זייט געווען דערביי, מיין הערר? איהר האָט עס געזעהן? איך האָב גאָרנישט געזעהן, גאָרנישט געהערט, כ'בין נור געשפּרונגען...

— געוויס, ליעבע פרוי. אָבער איך האָב געהערט.

— געהערט?

— יאַ, ליעבע פרוי. כ'האָב געהערט, ווי איהר...

— געהערט? וואָס האָט איהר געהערט?

— כ'האָב געהערט, ווי איהר האָט אַ קוויטש געגעבען, ליעבע פרוי, און איך קום, אייך פאַרצולעגען אַ שטעלע אין מיין טהעאַטער.

אָרעמע מוטער!

דער מאַן פון „געשעפטען" איז געווען אַ טהעאַטער מענעדזשער, וואָס זוכט נייע „סטאַרס", נייע בעריהמטע שוישפּילער. זיין נאָמען איז פּובליקום.

הויך לעבען.

I.

הויך, הויך אין דער לופטען איז געפלויגען א שמעטערלינג. געפרעהט האט ער זיך מיט זיין שעהנקייט און זיין פרייהייט, און אחוץ אלעמען האט ער זיך ניט געקענט זאט אנקוקען אויף אלצדינג, וואס איז געלעגען אונטער איהם.

„קומט ארויף מיט מיר אויבען, אהער קומט!" האט ער אויף זיין שפראך גערופען זיינע ברידער, וועלכע האבען ארומגעפלאטערט אונטער איהם ארום די בוימער פון דער ערד.

„אה ניין; מיר טרינקען האניג און בלייבען דא אונטען!"

„אך, ווען איהר וואלט געוואוסט, ווי הערליך עס איז דא צו זיין און פון דאנען אויף אלצדינג אראבצוקוקען! אה, קומט, פאלגט מיך, קומט!

„זיינען דען אויבען אויך פאראן בלומען, פון וועלכע מיר זאלען קענען טרינקען האניג, וואס מיר דארפען אזוי נויטהיג האבען צום לעבען?"

„פון דאנען קען מען א ל ע בלומען ז ע ה ן, און דער דאזיגער תענוג..."

„האניג האסטו דארט אויבען?"

ניין, ס'איז אמת, קיין האניג איז דארט אויבען ניט געווען!

דער ארעמער שמעטערלינג, וועמען עס איז נמאס ומאוס געווארען צו וואוינען אונטען, איז מיעד געווארען...

דאך האט ער זיך אנגעשטריינגט צו בלייבען אין דער הויך.

ער האט געפונען, אז עס איז אזוי שעהן צו קענען קוקען פון אויבען אויף אלצדינג, ארומצונעמען אלצדינג, ארומצונעמען אלץ מיט איין איינציגען בליק.

אבער האניג... האניג? ניין, קיין האניג איז דארט אויבען ניט געווען.

און שוואַך איז ער געוואָרען, דער אָרעמער שמעטערלינג ! און אַלץ שווערער און געליימטער זיינען די פּליגלען זיינע געוואָרען. און אַראָב־צו־צו האָט ער געזונקען און געזעהן האָט ער שוין וואָס ווייטער אַלץ וויניגער...

פונדערסטוועגען האָט ער אַלע כחות זיינע אָנגעשטריינגט...

ניין, ס׳איז נים געגאַנגען, ער האָט געזונקען !...

„אַהאַ, דו קומסט, הייסט עס, צוריק אַראָב," האָבען די ברידער געשריגען. „וואָס האָבען מיר דיר געזאָגט ? קומסט אַלזאָ דאָך, אום פון די בלומען האָניג צו זויגען, פונקט ווי מיר. מיר האָבען עס פריהער געוואוסט!"

אַזוי האָבען די ברידער גערעדט און האָבען זיך געפרעהט וואָס זיי האָבען רעכט, כאָטש דערפאַר, ווייל זיי נייטיגען זיך נים אין דער שעהנ־קייט פון אויבען.

„קום זשע, און זויג האָניג אַזוי ווי מיר !"

און אַלץ טיעפער און טיעפער איז דער שמעטערלינג געזונקען... און נאָך ווייטער האָט עס איהם געצויגען... דאָרט איז אַ בוימעלע מיט בלומען געוועזען... וועט ער נאָך דערגרייכען ביז אַהין?... איצט איז ער שוין מעהר נים געזונקען... ער איז געפאַלען ! געפאַלען איז ער לעבען בוימעלע, אויף׳ן וועג, אויף׳ן מיטען שאָסעע...

און דאָ איז ער צוטראָטען געוואָרען — פון אַן עזעל.

II.

הויך, הויך אין דער לופטען האָט געשוועבט אַ שמעטערלינג. און געפרעהט האָט ער זיך מיט זיין שעהנקייט און זיין פרייהייט, און אַחוץ אַלעמען האָט ער זיך נים געקענט זאַט אָנקוקען אויף אַלצדינג, וואָס איז געלעגען אונטער איהם.

ער האָט זיינע ברידער גערופען, זיי זאָלען אַרויפקומען צו איהם, אָבער זיי האָבען נים געוואָלט וויסען דערפון, מחמת זיי האָבען נים געוואָלט איבערלאָזען דעם האָניג, וואָס זיי האָבען אונטען געהאַט.

אָבער ער האָט נים געוואָלט זיין אונטען, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר די אומגעלומפערטע פאָדקעוועס, וועלכע קענען איהם נאָך צוטרעטען.

אַזוי ווי ער האָט זיך אָבער גענייטיגט אין האָניג פונקט ווי אַלע אַנדערע זומער־פויגעלאַך, איז ער אַרויפגעפלויגען אויף אַ באַרג, וואו עס האָבען געוואַקסען שעהנע בלומען, און וועלכער איז געווען צו משופע׳דיג פאַר עזלען.

פריילאַך און צופרידען האָט ער אַלזאָ אַרומגעפלאַטערט דאָ אויף׳ן באַרג און האָט זיך געלאָבט מיט׳ן האָניג, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט

לרוב. און דאַנקבאַר איז ער געווען דערפֿאַר, וואָס ער דאַרף מעהר ניט אַראָבגעהן אונטען.

און אַז ער האָט דערזעהן, ווי איינער פֿון זיינע ברידער קומט צו נאָ־הענט צום שאָסעע, וואו אַזוי פֿיעל אַראָבגעפֿאַלענע זומער־פֿויגעלעך װערען. צוטראָטען, האָט ער מיט די פֿליגעל זיינע דעם אונגליקליכען געזוכט צו וואָרענען, ווי וויינט ער האָט נאָר געקענט.

אָבער זיין מיה איז געווען אומזיסט; קיינער האָט זיך אויף איהם ניט אומגעקוקט. דעם שמעטערלינג אויף'ן באַרג האָבען זיינע ברידער אונטען איבערהויפּט גאָר אין די אויגען ניט געזעהן, מחמת זיי האָבען זיך נאָר אָבגעגעבען מיט'ן האָניג קלייבען אין טאָל, און זיי האָבען גאָר ניט גע־וואוסט, אַז אויך אויבען אויף'ן באַרג וואַקסען בלומען.

א מעשה׳לע פֿון דער אויטאָריטעט.

וואָלטער האָט געזאָגט: „ווען קיין גאָט עקזיסטירט ניט, מוז מען איהם ערפֿינדען.‟ גאַנץ געוויס! יעדע מאַכט קומט פֿון גאָט. ווער עס וויל האָבען מאַכט, מוז ערפֿינדען אַ גאָט. משה, קאָנפֿוציוס, זאַראַטהוסטראַ, נומא, קאָלאָמבוס, קאָרטעס, — זיי אַלע האָבען געזוכט די מאַכט, דערפֿאַר האָבען זיי ערפֿונדען נייע געטער. אַלע פֿאָלקס-פֿיהרער, מכשפֿים און פּריסטער האָבען געטהאָן דאָס זעלבע; יעדער איינער, וועלכער וויל הערשען איבער אַנדערע, טהוט עס נאָך היינט צו טאָג. די צאָהל פֿון די געטער איז אַזוי גרויס, ווי די צאָהל פֿון די פֿערשידענע פֿאָרמען, וועלכע דער עהרגייץ האָט בעשאַפֿען. מיט יעדער נייער אַמביציאָן ענטשטעהט אַ נייער גאָט.

האָלאָוואַיי מאַכט געטער פֿון אונבעקאַנטע דאָקטוירים, וועלכע בעפֿעהלען אייך צו קויפֿען זיינע פּילען. „כה אמר ה׳‟, האָט משה געזאָגט. „כה אמר דאָקטאָר דיזער און דאָקטאָר יענער‟, זאָגט האָלאָוויי. און ביידע זעצען צו: „אום אייער נשמה זאָל ניט מוזען ליידען אין גיהנום‟. — —

אַ דיענסטמיידעל איז געגאַנגען שפּאַצירען מיט די קינדער פֿון איהר הערר. מען האָט איהר אָנגעזאָגט, גוט אַכטונג צו געבען, אום די קינדער זאָלען זיך ניט פֿערלירען.

אָבער די קינדער האָבען איהר ניט נעפֿאָלגט. זיי האָבען זיך אויסגעלאַכט פֿון איהר, ווען זי האָט זיי דערמאָנט, און האָבען געזוכט צו אַנטלויפֿען, מיט איין וואָרט, איהר גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט איז געוועזען אומזיסט.

פּלוצלונג איז זי געפֿאַלען אויף אַ גוטען געדאַנק. זי האָט גענומען אַ שטיקעל „גאָר נישט‟ און האָט דערפֿון בעשאַפֿען אַ שוואַרצען הונד. און זי האָט געזאָגט צו די קינדער, אַז דער הונד וועט זיי בייסען, ווען זיי וועלען איהר ניט פֿאָלגען און טהאָן ניט דאָס, וואָס מען וועט זיי הייסען.

די קינדער, האָבענדיג מורא פֿאַר דעם שוואַרצען הונד, זיינען פּלוצלונג געוואָרען זעהר געהאָרכזאַם. זיי האָבען איהר געפֿאָלגט אויף יעדעס וואָרט, וואָס זי האָט נאָר ארויסגערעדט, און קיינער האָט מעהר ניט פֿערזוכט צו אַנטלויפֿען.

און די דיענסטמיידעל האָט אַ צופֿרידענעם קוק געטהאָן אויף דעם שוואַרצען הונד, איהר האַרץ איז געווען פֿרעהליך, דען איהר אַרבייט איז געווען אַ גוטע.

די קינדער אָבער זיינען כמעט משוגע געוואָרען פֿון מורא פֿאַר דעם שרעקליכען הונד.

און אַזוי איז עס געבליבען ביז היינטיגען טאָג.

נאך א מעשה'לע איבער אויטאריטעט.

האַסאַן האָט געהאַנדעלט מיט טייטלען אויף די גאַסען פֿון דמשק. אַז איך זאָג, ער האָט געהאַנדעלט, איז דערפֿון נאָך ניט גערדרונגען, אַז ער האָט זיי פֿערקויפֿט, ווייל זיינע טייטלען זיינען געוועזען אַזעלכע פּי־צינקע, אַז קיינער האָט זיי ניט געוואָלט קויפֿען.

מיט כעס און קנאה האָט ער צוגעקוקט, ווי די קונים פֿלעגען אונ־טערשטיצען דעם רייכען אוילעד, וועלכער האָט זיך איבגעשפּרייט אויף אַ ראַגאָזשע לעבען איהם. אַלע די, וואָס זיצען אויף ראַגאָזשעס, פֿערמעגען דעם העכסטען פּאַלאַץ אין דמשק, מחמת זיי לעבען אונטער'ן פֿרייען הימעל, און אוילעד'ס רייכטהום איז אויך בעשטאַנען ניט אין היזער, וואָנדערן אין אַ גאָרטען, וועלכער איז געוועזען אַזוי פֿרוכטבאַר, אַז די טייטלען, וואָס זיינען דאָרט געוואַקסען, זיינען דריי מאָל אַזוי גרויס געוועזען ווי געוועהנליך. מחמת דעם טאַקע פֿלעגען אַלע פֿאַרבייגעהער קויפֿען טייטלען נאָר ביי אוילעד'ן.

גראַדע צו יענער צייט איז אין שטאָדט געקומען אַ דערווייש, וועלכער האָט פֿערמאָגט פֿיעל חכמה, אָבער קיין ברויט. איהם פֿלעגט אויסקומען אויסצוטוישען זיינע קענטניסע אויף שפּייז, און מיר וועלען באַלד זעהן, וואָס פֿאַר אַ גרויסען נוצען אַזאַ מין אויסטויש האָט פֿערשאַפֿט האַסאַנען.

— גיעב מיר עסען, זאָגט צו איהם דער דערווייש, יועל איך טהאָן פֿאַר דיר אַזוינס, וואָס קיין קאַליף איז ניט אים שטאַנד פֿאַר דיר צו טהאָן. איך וועל מאַכען, אַז דאָס גאַנצע פֿאָלק זאָל נאָר ביי דיר קויפֿען די טייטלען, דען איך וועל זיי מאַכען גרעסער פֿון אוילעד'ס טייטלען. ווי גרויס זיינען אוילעד'ס?

— אָה, מיין דערוויש, געליעבטער פֿון אַללאַה!—איך קוס דיר דיינע פֿיס, — אוילעד'ס טייטלען—זאָל איהם אַללאַה צושיקען קרעמפּף! — זיינען דריי מאָל גרעסער ווי געוועהנליך. קום אַרויף אויף מיין ראַגאָזשע, זעץ זיך, לייג צוזאַמען דיינע פֿיס, זיי געבענשט און לערן מיר, וואָס צו טהאָן, אַז מיינע טייטלען זאָלען גרעסער ווערען, און דאָס פֿאָלק זאָל נאָר ביי מיר קויפֿען.

האַסאַן האָט אפילו געקענט פֿרעגען, פֿאַר וואָס דער דערוויש, וועל־כער איז בעגאַבט מיט אַזאַ קראַפֿט, נייטיגט זיך אין איינפֿאַכע נאַהרונג, נאָר קיין אָבשפּאָטער איז האַסאַן ניט געוועזען, קיין אפּיקורוס אודאי ניט. ער האָט אַוועקגעשטעלט פֿאַר'ן גאַסט אַן אָבגעקאָכטעס פֿעלכעל—אַלעס, וואָס איז איהם איבערגעבליבען פֿון דעם גע'גנב'עטען בעקעל.

אַז דער דערוויש האָט זיך זאַט אָנגעגעסען, זאָגט ער:

— דיין שכן׳ס טייטלען זיינען דריי מאָל אַזוי גרויס ווי געוועהנליך... זאָג זשע מיר, ווי גרויס ווילסטו דען זאָלען דיינע זיין, אָה האַסאַן, דו זוהן פון אַ מיר אונבעקאַנטען פאָטער?

האַסאַן האָט אַ מינוט אַ טראַכט געטהאָן און געזאָגט:

— זאָל אַללאַה דיר שענקען קינדער און פיה! אָה, איך וואָלט געוואָלט, דאָס מיינע טייטלען זאָלען דריי מאָל אַזוי גרויס זיין, ווי דו ביסט אים שטאַנד זיי צו פערוואַנדלען.

— גוט, האָט געזאָגט דער דערוויש. טהו נאָר אַ קוק אויף דעם פויגעל, וואָס איך האָב געבראַכט פון ווייטען מזרח. זאָג איהם, אַז יעדער פון דיינע טייטלען זיינען גלייך צו דריי פון דיינע טייטלען.

— זאָל דיר אַללאַה בעלוינען מיט ווייבער און גמלים, אָה דערוויש, — אָבער וואָס וועט עס העלפען, ווען איך וועל דערצעהלען דעם פויגעל אַזוינס, וואָס איז נישט געשטויגען און נישט געפלויגען?

— טהו דאָך אָבער, וואָס איך זאָג דיר, האָט דער הייליגער געענטפערט. ד׳בין דאָך עפּעס אַ דערוויש, דאַרפסט מיר ניט פערשטעהן.

האַסאַן האָט אָנגעוואונשען דעם פויגעל, דאָס ביי איהם זאָלען אויסוואַקסען די לענגסטע פעדערן, און האָט איהם אָנגערופען שיקזאַל־פויגעל. נאָר דאָס איז ניט געווען דער ריעזיגער שיקזאַל־פויגעל פון דער מיטהאָלאָגיע פון די מזרח־לענדער. דאָס איז געווען אַ קליין פויגעלע, גיכער עהנליך צו אַ סאָראָקע, וואָס פלעגט רק פלאַפּלען מיט׳ן צינגעל און אַביסעל אונטערשפּרינגען ביי׳ם געהן. דער דערוויש האָט עס אַרויסגעפיהרט פון אינזעל סומאַטראַ, וואו אַהין עס איז געבראַכט געוואָרען פון סוחרים, וועלכע זיינען געקומען צו פאָהרען פון אַ לאַנד, וואו די מענשען זיינען עהנליך צו די נעגער׳ן, הגם, דאָס איז אפילו ווייט פון אַפריקאַ געוועזען. האַסאַן האָט אָנגערופען דעם פויגעל שיקזאַל־פויגעל, ווייל ער האָט געוואוסט, דאָס יעדערער, פון וועמען מען עוואַרט עפּעס צו האָבען, ווערט גרויס ביי זיך, און ווידער פערקעהרט: ווען איינער דאַרף אָנקומען צום אַנדערן, בייגט ער זיך אין דרייען און מאַכט זיך ניעדריג. שוין אַזאַ מנהג איז געווען אין דמשק.

— איך בין דיין קנעכט, אָה שיקזאַל־פויגעל! מיין פאָטער איז אַ הונגער געווען... און יעדער פון מיינע טייטלען איז דריי מאָל אַזוי גרויס ווי ער איז!

— גוט אַזוי, זאָגט דער דערוויש, גיעב נאָר אָב כבוד דעם אַללאַה! האַסאַן פאָלגט. ער גיט אָב כבוד זיין ליעבען נאָמען און צום פויגעל שרייט ער נאָכאַנאַנד: „האַסאַן׳ס טייטלען זיינען אונגעהויער גרויס".

און די טונגענד איז באַלד בעלוינט געוואָרען. דער קאַליף האָט נאָך ניט אויסגעפייעט צום דריטען מאָל צו בעפעהלען אַראָבצוהאַקען די קעפּ פון אַלע

פֿרויען פֿון זיין האַרעם... נאָך ניט איין מוטער האָט צייט געהאַט אויסצוריכטען איהר טאָכטער אין וועג צום פֿרויען־מאַרק אין קאָנסטאַנטינאָפּעל... האַסאַן האָט נאָך ניט בעוויזען צו פֿערשלעפּען כאָטש איין ציגעלע, וואָס האָט זיך פֿערבלאָנדזעט, ווי אויך נאָך מאָל האָט דער פֿויגעל אויסגעשריען:

— מיין פֿאָטער איז אַ הונגר...

דאָס האָט ער אפילו ניט געדאַרפֿט ריידען, נאָר ער האָט בלויז איבער־גערעדט האַסאַן׳ס ווערטער...

— מיין פֿאָטער איז אַ הונגר... זאָלען ביי דיר אויסוואַקסען די לענגסטע פֿעדערן... האַסאַן׳ס טיטלען...

אָט!... ניט זיין טאַטענס כבוד, די טיטלען זיינען דער עיקר...

— האַסאַן׳ס טיטלען זיינען דריי מאָל גרעסער ווי זיי זיינען!

עס זיינען געווען צו ערשט אין דמשק מענשען, וואָס האָבען געגען דעם פּראָטעסטירט. אָבער ניט לאַנג האָט דאָס געדויערט, אין דעם פֿויגעלס קול איז עפּעס געווען, וואָס האָט בעוועגט די לופֿט אויף אַ בעזונדערען אופֿן און וואָס פֿלעגט אַזוי איבערברעכען די לופֿטשטראַהלען, אַז די טיטלען האָבען געוואַקסען און געוואַקסען... אין די אויגען פֿון דעם פּובליקום!

און דער פֿויגעל טענה׳ט כסדר:

— האַסאַן׳ס טיטלען זיינען דריי מאָל גרעסער ווי זיי זיינען!

און די טיטלען וואַקסען אַלץ ווייטער! מענשען פֿלעגען קלעטערן איינער דעם אַנדערן אויף די קעפּ, נאָר צו צושלאָגען זיך זיי צו פֿערזוכען.

איילער איז געוואָרען אַן אביון. האַסאַן ווידער האָט איינגעקויפֿט ציעג און ציגעלאַך און אויפֿגעבויט זאָגאַר אַ דאַך איבער זיין ראַגאָזשע, פֿון יעצט אָן האָט ער געקראָגען אַ נאָמען פֿון אַן עהרליכען מאַן. דען ער האָט געהאַלטען פֿאַר אַ שאַנדע, ווען איינער, וואָס האָט ניט געהאַט קיין אייגענע, פֿלעגט שטילערהייט פֿון איהם אַוועק׳גנב׳ענען זיינס אַ ציגעלע, און צו אַללאַה האָט ער שטענדיג געבעטען, אַז ער זאָל וואָס גיכער אויסראָטען די גנבים...

און זיין גאַנצע פֿרומקייט און רייכקייט האָט ער געהאַט צו פֿערדאַנקען דעם קליינעם פֿויגעלע, וועלכעס פֿלעגט כסדר באָלבען איינס און דאָס זעלבע און וועלכעס פֿלעגט פֿערוואַנדלען, אַ דאַנק דעם אָפֿטען ווידער־האָלען, דעם שקר אין אמת, און אַלע פֿלעגען אָנזעהן האַסאַן׳ס טיטלען פֿאַר זעהר גרויסע, און אַלע פֿלעגען זיך נאַרען, אַלע...

אַחוץ האַסאַן אַליין, וועלכער פֿלעגט בסוד זיך אָנגרייטען מיט טיטלען, וועלכע ער פֿלעגט אָבקויפֿען ביי אוילעד׳ען, ביי וועמען ער איז יעצט פֿערבליבען דער איינציגער קונה.

און אַזוי איז עס געבליבען ביז צום היינטיגען טאָג.

וויסען איז א זינד.

טהוגאַטער האָט געמאָלקען איהר פֿאָטער'ס קיה, און זי האָט זיי געמאָלקען גוט, דען די מילך, וואָס זי האָט געבראַכט אין דערהיים איז געוועזען פֿעטער און האָט געגעבען מעהר פוטער ווי די פֿון איהרע ברידער. און איך וועל אייך באַלד דערצעהלען, ווי אַזוי דאָס איז געקומען.

לאַנג בעפֿאָר די פויערים קומען אויף דער לאָנקע, שטעהען שוין די קיה אויף זייער בעשטימטען אָרט און וואַרטען, אַז מען זאָל זיי אָבנעהמען די מילך, וועלכע איז אייגענטליך בעשטימט פֿאַר זייערע יונגע קעלבער. שטעהענדיג אַזוי און מאַכענדיג אַ דומע געזיכט, געהט דער לייכטער טהייל פֿון די מילך, דאָס פֿעט, די סמעטענע, די פוטער אין דער הויך און שווימט אַרויף פֿון אויבען. ווער עס האָט געדולד און מעלקט די קיה ביז צום לעצטען טראָפּען, ברייננגט אַהיים פֿעטע מילך, ווער עט היילט זיך, לאָזט איבער די סמעטענע. — טהוגאַטער האָט זיך קיינמאָל ניט געהיילט, אָבער איהרע ברידער האָבען שטענדיג געהאַט עפעס צו טהאָן; דען זיי האָבען בעהויפּטעט, אַז זיי האָבען נאָך אַ רעכט אויף אַנדערע זאַכען און זיינען ניט געבאָרען געוואָרען, אום צו מעלקען די קיה פֿון זייער פֿאָטער; טהוגאַטער האָט קיינמאָל ניט געדיינקט פֿון אַזעלכע רעכטע.

— מיין פֿאָטער האָט מיר אויסגעלערנט צו שיסען מיט בויגען און פֿיילען, — האָט געזאָגט דער ערשטער ברודער. — איך קען מאַכען אַ לעבען פֿון דער יאַגד, כ'קען וואַנדערן איבער דער וועלט און אַרביימען פֿאַר מיר אַליין.

— מיר האָט ער אויסגעלערנט צו פֿאַנגען פֿיש, — האָט זיך אָבגערופֿען דער צווייטער, — און איך וואָלט געווען אַ נאַר, אויב איך וואָלט מיין גאַנצען לעבען לאַנג געמאָלקען פֿאַר אַ צווייטען.

— מיר האָט ער געצייגט ווי מען בויט אַ שיף, — האָט געזאָגט דער דריטער, — כ'וועל אויסהאַקען אַ בוים, מאַכען אַ שיף און פֿאָהרען אויף'ן ים. איך וועל זעהן, וואָס עס הערט זיך ביי'ם אַנדערן ברעג ים.

— און איך וואָלט זעהר געוואָלט לעבען מיט דער שעהנער בלאָנ־

דינקע, — האָט ערקלעהרט דער פֿיערטער. — כ׳וועל מיר בויען אַן איי־גענע הויז אין האַלטען טהוגאַטערס,*) וואָס וועלען מעלקען די קיה פֿאַר מיר.

אַזוי האָט יעדער ברודער געהאַט אַ וואונש, אַ פֿערלאַנג, אַ ווילען. און זייער גייסט איז אַזוי פֿיעל פֿערנומען געווען מיט זייערע בעדירפֿניסע, אַז זיי האָבען זיך ניט גענומען די צייט מיטצונעהמען די סמעטענע; און די קיה האָבען עס בעהאַלטען פֿאַר זיך, ניט האָבענדיג קיין נוצען פֿון דעם.

טהוגאַטער אָבער האָט געמאָלקען ביז צום לעצטען טראָפּען.

— פֿאָטער! האָבען די ברידער פלוצלונג אַ געשריי געטהאָן, — מיר וועלען אַוועקגעהן און דיר איבערלאָזען אַליין.

— און ווער וועט מעלקען מיינע קיה? האָט זיער פֿאָטער געפֿרעגט.

— ווער דען אַנדערש ווי טהיגאַטער? האָבען זיי געענטפֿערט.

— און וואָס וועט זיין, ווען עס וועט זיך איהר אויך פלוצלונג פֿער־וועלען צו וואַנדערען איבער דער וועלט און צו פֿאַנגען פֿיש. אָדער געהן אויף דער יאַגד? אפשר וועט איהר גאָר קומען אויף׳ן געדאַנק זיך צו פֿער־אייניגען מיט אַ בלאָנדען אָדער אַ שוואַרצען און צו בויען אַן אייגענע הויז? איהר זייט מיר אפילו ניט אַזוי נויטיג, אָבער אָהן איהר קען איך ניט אויסקומען, דען די מילך, וואָס זי בריינגט אין דערהיים איז פֿעט!

די זיהן האָבען אַ ווײלע איבערגעטראַכט, נאָכדעם האָבען זיי געזאָגט:

— דו דאַרפֿסט איהר קיין זאַך ניט לערנען, פֿאָטער. און אַזוי קענסט דו זיין זיכער, אַז זי וועט מעלקען די קיה ביז זי וועט שטאַרבען. צייג איהר קיינמאָל ניט, ווי דער בויגען שיסט אַוועק דעם פֿייל, אום זי זאָל ניט קריגען קיין לוסט צו געהן אויף דער יאַגד. דערצעהל איהר קיינמאָל ניט, אַז די פֿיש האָבען ליעב צו בייסען די ווענדקע, ווען אויף׳ן ברעג איז אָנ־געצעפּעט אַ טויט ווערעמעל, אום זי זאָל ניט קריגען קיין לוסט צו פֿאַנגען פֿיש. צייג איהר ניט, ווי אַזוי מען בויט אַ שיף, אום עס זאָל זיך איהר ניט פֿערוועלען אַרויסצופֿאָהרען אויף׳ן ים. און זאָג איהר ניט, ווי אַזוי מען פֿער־אייניגט זיך מיט אַ בלאָנדען אָדער אַ שוואַרצען, אום צו בעקומען אַן איי־גענע הויז. לערן איהר קיין זאַך ניט, און זי וועט בלייבען ביי דיר, און די מילך פֿון דיינע קיה וועט שטענדיג זיין פֿעט. מיר אָבער וועלען וואַנדערען איבער דער וועלט, פֿאָטער.

אַזוי האָבען גערעדט די זיהן, אָבער דער פֿאָטער איז געווען אַ פֿאָר־זיכטיגער און האָט געענטפֿערט:

---

*) טהוגאַטער הייסט אין דער סאַנסקריט־שפּראַכע טאָכטער און אין דערזעלבער צייט פֿערשטעהט מען אונטערדעם אַ מיידעל, וואָס מעלקט מילך.

— אָבער ווי אַזוי קען איך פֿערהינדערן, אז זי זאָל ניט לערנען פֿון זיך אַליין, אויב איך וועל איהר קיין זאַך ניט צייגען? אפשר וועט זי זעהן ווי אַ פֿליעג שיפּט זיך אויף אַ שטיקעל האָלץ; אָדער זי וועט זעהן ווי אַ געשפּאַנטער פֿאָדעם שליידערט אַוועק דעם שיפֿעל פֿון וועב־שטוהל. אפשר טרעפֿט עס אַמאָל, זי זאָל זעהן, ווי אַ פֿיש, זעהענדיג אַ ווערעמעל, בייסט אַריין אַ שאַרפֿע שטיקעל שילף און פֿאַנגט זיך אַליין? און פֿיליכט געפֿינט זי גאָר אַמאָל אַ נעסט פֿון צוויי יונגע פֿויגעל און זעהט, ווי אַזוי זיי בייען זיך אַן אייגענע היים?

די זיהן האָבען ווידער אָנגעהויבען צו טראַכטען און האָבען געזאָגט:

— זי וועט דערפֿון קיין זאַך ניט לערנען, פֿאָטער, דען זי איז פֿיעל צו דום, אום די ווייסענשאַפֿט זאָל ביי איהר אַרויסרופֿען אַ וואונש, אָדער אַ פֿערלאַנג. אויך מיר וואָלטען עס קיינמאָל ניט געוואוסט, ווען דו וואָלסט עס אונז אַליין ניט געזאָגט.

אָבער דער פֿאָטער האָט געענטפֿערט:

— ניין, דום איז זי גראַדע ניט, און איך האָב שטאַרק מורא, אַז זי וועט זיך אויסלערנען אַליין, וואָס איך וועל איהר ניט לערנען. ניין, דום איז זי ניט!

און די זיהן האָבען נאָכאַמאָל אָנגעהויבען צו טראַכטען, און דיזעס מאָל זיינען זייערע געדאַנקען געווען טיעפֿער, ענדליך האָבען זיי געזאָגט:

— פֿאָטער, דו מוזט איהר איינריידען, אַז וויסען, בעגרייפֿען און פֿערלאַנגען... איז אַ גרויסע זינד פֿאַר אַ יונגע מיידעל.

דעמאָלט איז דער פֿאָטער געווען צופֿריעדען, און די פֿיער ברידער האָבען געוואַנדערט איבער דער וועלט, זיינען געגאַנגען אויף דער יאַגד, האָבען געפֿאַנגען פֿיש און געבויט הייזער און שיפֿען.

טהוגאַטער אָבער האָט ווירקליך געגלויבט, אַז וויסען און פֿערלאַנגען איז אַ גרויסע זינד... און דערפֿאַר האָט זי געמאָלקען די קיה, ביז וואַנען זי איז געשטאָרבען.

און אַזוי איז געבליבען ביז צום היינטיגען טאָג.

דער פֿאָטער און דאָס קינד.

— זעה, טאַטע, ערקלעהר מיר, וואָרום פֿאַלט די זון ניט אַרונטער?

דער פֿאָטער האָט זיך פֿערשעהמט, ווייל ער האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָרום די זון פֿאַלט ניט אַרונטער, און ווייל ער האָט זיך געשעהמט, האָט ער זיין קינד פֿאַר דיזער פֿראַגע אָבגעשמיסען.

דאָס קינד האָט מורא געהאַט פֿאַר זיין טאַטענס כעס און האָט שוין מעהר ניט געפֿרעגט וועגען דער זון, אויך ניט וועגען אַנדערע זאַכען, וועלכע ער איז געווען גערן צו וויסען.

— דאָס קינד איז נאָך ניט געוואָרען קיין לייט, אָבוואָהל ער האָט שוין אָבגעלעבט זעקס טױזענד יאָהר... ניין, מעהר אַלס זעקס טויזענד יאָהר.

דאָס קינד איז געבליבען אונוויסענד און דום ביז היינטיגען טאָג.

די השגחה.

— זעה נאָר, מיין קינד, ווי קלוג דער אויבערשטער האָט אַלעס געמאַכט! דער פֿויגעל לייגט זיינע אייער אין נעסט. שפּעטער קומען אַרויס יונגע פֿויגעלאַך, פּונקט אין דער ריכטיגער צייט, ווען עס גיט גענוג פֿליעגען און ווערעמלעך זיי צו פֿיטערען. דאַן גיבען זיי אָב אַ לויב צו גאָט פֿאַר זיין אונענדליכע גוטסקייט, וועלכע ער גיסט אויס איבער אַלע זיינע בעשעפֿ־ניסע...

— זאָג מיר נאָר, טאַטע, גיבען די ווערעמלעך אויך אָב א לויב צו גאָט?

דער גלויבען.

אַ מאָל איז געווען אַ רייזענדער, וועלכער האָט פֿערמאָגט אַ סך גאָלד און זילבער. מירא האָבענדיג, מען זאָל איהם ניט בערויבען, האָט ער זיך פֿערזאָרגט מיט גוטע וואַפֿען, ער האָט אויך געהאַט אַ סך קנעכט, וואָס האָבען איהם שטענדיג בעגלייט; זיי אַלע זיינען געווען גוט בעוואַפֿענט, און זייער צאָהל איז געווען גרעסער, ווי די צאָהל פֿון די רויבערס אין גאַנ־צען לאַנד. מיט איין וואָרט, ער איז געווען אַזוי גוט בעוואַפֿענט און בע־שיצט, דאָס אפילו אַ גאַנצע אַרמעע וואָלט ניט געווען אימשטאַנדע אַוועק־צורויבען פֿון איהם זיין פֿערמעגען.

פֿיעלע רויבער, וועלכע האָבען ניט געוואוסט פֿון דעם, זיינען איהם איבערפֿאַלען, אָבער ווען זיי וואָלטען ניט באַלד געטויטעט געוואָרען, וואָלט עס זיי שטאַרק פֿערדראָסען, וואָס זיי האָבען זיך צוגעריהרט צו איהם.

איין רויבער, וועלכער האָט געזעהן דעם טרויעריגען סוף פֿון זיינע חברים, איז געוואָרען פֿאַרזיכטיגער און איז געגאַנגען צו אַ הייליגען מאַן, וועלכער האָט געוואוינט אין מיטען וואַלד, אום ער זאָל איהם געבען אַ גוטע עצה. דער הייליגער איז געווען זעהר אַ קלוגער, דען ער האָט פֿער־בראַכט אַ לאַנגע צייט פֿון זיין לעבען צווישען אַ סקעלעט און אַ קרוג וואַסער.

„הייליגער מאַן, וואָס מוז איך טהאָן, אום צו בעקומען דעם רייכטהום פֿון דיזען רייזענדען?"

„צו דעם גיט עס זעהר אַן איינפֿאַכער מיטעל", האָט דער פֿרומער מאַן געענטפֿערט. „אָט דעם שטריק ווען דו וועסט איהם אַרומרינגלען אַרום האַלז, וועט ער פֿערלירען זיין גאַנצע קראַפֿט. ער וועט זאָגאַר הייסען זיינע קנעכט, זיי זאָלען זיך בוקען פֿאַר דיר און דיר אַוועקגעבען אַלעס, וואָס דו וועסט פֿערלאַנגען!"

דער שטריק האָט זיך גערופֿען „גלויבען".

און די ווערטער פֿון דעם הייליגען מאַן זיינען מקוים געוואָרען. פֿאַר דעם רייזענדען אָבער און זיינע חברים איז עס ניט געווען קיין פּראָפֿיט.

דער שטריק האָט נאָך בעהאַלטען זיין וואונדערבאַרע קראַפֿט ביז צום היינטיגען טאָג.

קראַטעס דער צווייטער.

דער ערשטער קעניג איז געווען אַ מזל'דיגער סאָלדאַט!" האָט וואָל־טער געזאָגט, נאָר איך ווייס ניט, אויב דאָס איז אמת, עס איז פּונקט אַזוי וואַהרשיינליך און אפשר נאָך וואַהרשיינליכער, אַז דער ערשטער קעניג איז געווען אַ בעקאַנטער פֿון מאָנאַכען, וועלכע האַנדלען מיט שטריק. נאָר די פֿאָלגענדע געשיכטע איז טאַקע אַן אמת'ע.

קראַטעס איז געווען זעהר אַ שטאַרקער און געזונדער. מיט צוויי פֿינ־גער האָט ער געקענט צוברעכען די שטאַרקסטע ביימער, און מיט איין קלאַפּ איז ער געווען אימשטאַנדע צו טויטען 13 שונאים. ווען ער האָט אָנגעהויבען הוסטען, איז ענטשטאַנען אַ פֿייער פֿון דעם שטאַרקען לופֿט־דרוק, און ווען ער האָט נאָר געדיינקט צו מאַכען אַ בעוועגונג, האָט די לבנה אָנגעהויבען ציטערן.

צוליעב אַלע דיזע גוטע אייגענשאַפֿטען איז קראַטעס געוואָרען אַ קעניג. נאָכדעם ווי ער איז אַ צייט געווען קעניג, איז ער פלוצלונג געשטאָרבען.

אָבער דער קליינער קראַטעס, זיין זוהנדעל, איז געווען אַ קראַנקער, אַ שוואַכער, מיט קרומע פֿיס, נאָר פֿון דעסטוועגען האָט זיך איהם שטאַרק פֿערוואָלט צו פֿערנעהמען דעם פּלאַץ פֿון זיין פֿאָטער און צו שפּיעלען די־זעלבע ראָלע ווי קראַטעס דער ערשטער.

ער האָט זיך געשטעלט אויף אַ שטוהל, וועלכען ער האָט גערופֿען טהראָן און האָט געזאָגט:

„איך בין דער קעניג!"

„פֿאַריואָס?"

— „דערפֿאַר ווייל מיין מאַמע האָט געשלאָפֿען אין דעמזעלבען הייזעל, צוזאַמען מיט דעם אַלטען קראַטעס, וועלכער איז יעצט געשטאָרבען!"

אייגענטליך האָט ער געזאָגט „פּאַלאַץ", נאָר אין דער אמת'ן איז עס געווען אַ הייזעל.

דאָס פֿאָלק האָט ניט פֿערשטאַנען דיזע לאָגיק, און ווען קראַטעס דער צווייטער האָט אַ געשריי געטהאָן: „קומט אַהער!" זיינען זיך אַלע אַוועק־געגאַנגען אָן אַ זייט, און ווען ער האָט קאָמאַנדירט: „געהט אַוועק!" זיי־נען אַלע נעראָפֿען צו איהם. מיט איין וואָרט — קראַטעס דער צווייטער

האָט ניט געהאַט קיין אויטאָריטעט ביי דער מאַסע. און ער אַליין איז גע־ווען צו דוס, אום אויסצודריקען זיין ווילען פונקט פּערקעהרט.

אין אַן אָפּאָזיציאָנעלער צייטונג פון יענער צייט איז פערעפענטליכט געוועזן די פאָלגענדע נאָטיץ:

„פאַר וואָס, אָה קראַטעס דער צוויטער, האָסטו דיר אַרויפגעזעצט אויף דעם שטוהל פון דעם מאַן וועלכער האָט מיט 20 יאָהר צוריק צו־זאַמענגעלעבט אין איין הייזעל מיט דער פרוי, וועלכע האָט דיר געבוירען? האָסטו דו פערגעסען, אַז דו האָסט קרומע פיס און אַ פערדישען קאָפּ? הויב זיך אויף פון דיין שטוהל און שריי ניט לעננער: „קומט אַהער!" און „געהט אוועק!" פונקט ווי דו וואָלסט געוועזן דער אַלטער קראַטעס. וואו יינען די בוימער, וועלכע דו האָסט צובראָכען מיט צוויי פינגער? די לבנה ציטערט ניט, אפילו ווען דו זאָלסט דיינקען צו שפּאַלטען דעם וועלטרוים! דו ביזט ניט אימשטאַנדע צו טויטען אַ פלוי און פון אַ הוסט דיינעס ענטשטעהט ניט קיין פייער. טראָג זיך אוועק פון דאַנען און גיב איבער דעם פלאַץ צו אַ צוויטען, וועלכער פערשטעהט אַלע דיזע ניצליכע זאַכען!"

אַזוי האָט גערעדט די אָפּאָזיציאָן.

עס איז זעהר וואַהרשיינליך, אַז קראַטעס וואָלט זיך בעדאַרפט אוועק־טראָגען פון דעם שטוהל, וועלכען ער האָט גערופען אַ טהראָן, נאָר צום גליק איז געקומען די אַלטע הייבאַם זיינע און האָט אָנגעהויבען ריידען צום פאָלק:

„הערט מיר אויס, בירגער! איך בין געוועזן די הייבאַם, ווען קראַטעס איז געבאָרען געוואָרען, און ווען ער איז נאָך געוועזן קליינער ווי ער איז יעצט! אַלזאָ, ווען דער קליינער קראַטעס איז געבוירען געוואָרען, האָט זיך זיין פאָטער געזאַלבט דעם קאָפּ מיט עהל... און פּלוצלונג איז אַראָבגע־פאַלען אַ טראָפּען אויף דעם קאָפּ פון זיין זיהנדעלע. פאָלגליך איז עס גאָר ניט נויטיג, אַז ער זאָל אויסרייסען בוימער, אַז די לבנה זאָל ציטערען און דאָס אַ הוסט זיינער זאָל אָנמאַכען אַ פייער. איך זאָג אייך..."

מעהר ווי דאָס האָט די אַלטע הייבאַם ניט געדאַרפט ריידען, אַלע האָבען באַלד בעגריפען, אום וואָס עס האַנדעלט זיך און דאָס גאַנצע פאָלק — די ערוויסגעבער פון דער אָפּאָזיציאָנעלער צייטונג אַם שטאַרקסטען — האָבען געשריען מיט איין קול:

„עס לעבע דער קעניג! עס לעבע דער פון גאָט געזאַלבטער!"

און קראַטעס איז געבליבען זיצען אויף דעם שטוהל, וועלכען ער האָט גערופען טהראָן. — — — — — — — — — — — — — — — —

— —

אונמאראליש.

אין סאַמאָיעדיען — איך ווייס ניט, צו די לאַנד רופט זיך אַזוי, נאָר דאָס איז אַ מאַנגעל אין אונזער שפּראַך, וועלכען מיר מוזען אויספילען — אין סאַמאָיעדיען איז אַ מנהג, אַז יעדער איינער בעשמירט זיך פון קאָפּ ביז די פּיס מיט פערשטונקענעם עהל.

אַ יונגער סאַמאָיעד האָט געהאַט די חוצפה ניט נאָכצופּאָלגען די געוואוינהייט. ער פלעגט זיך קיינמאָל ניט בעשמירען ניט מיט עהל און ניט מיט קיין אַנדער זאַך.

„ער האַלט ניט פון אונזערע מנהגים" — האָט אַ סאַמאָיעדישער גע־לעהרטער געזאָגט: „ווי עס ווייזט אויס, האָט ער גאָר קיין זיטען ניט — ער איז אונמאָראַליש."

און דאָס איז געווען גאַנץ ריכטיג געזאָגט; און עס איז גאַנץ זעלבסט־פערשטענדליך, אַז דער יונגער אונמאָראַלישער סאַמאָיעד האָט פיעל געהאַט צו ליידען. ער האָט געכאַפּט מעהר ים־הינט ווי די אַנדערע, נאָר קיין זאַך האָט איהם ניט געהאָלפען. מען האָט צוגענומען פון איהם זיינע ים־הינט און האָט זיי געגעבען צו די אַנדערע, וואָס האָבען זיך בעשמירט מיט פער־שטונקענע עהל, און ער אַליין איז כמעט אויסגעגאַנגען פון הונגער.

אָבער עס איז נאָך ערגער געוואָר־ען, ווען נאָכדעם ווי דער יונגער סאַמאָיעד האָט געלעבט אַ געוויסע צייט ניט בעשמירטערהייט, האָט ער ענדליך אָנגעפאַנגען זיך צו וואַשען מיט שמעקעדיגע זייף.

„ער האַנדעלט נעגען די מנהגים", האָט געזאָגט דער געלעהרטער: „ער איז אונמאָראַליש! קומט, לאָמיר צוגעהן צו איהם צונעהמען זיינע ים־הינט און איהם גוט אָנברעכען די ביינער..."

און אזוי איז געווען, נאָר ווייל מען ווייס ניט אין סאַמאָיעדיען פון קיין פערלוימדונגען, קיין פּרעסס־פרייהייט, קיין שפּיאָנען, קיין אָרטהאָ־דאָקסע פאָרשטעלונגען, קיין פאַלשען ליבעראַליזמוס, קיין קאָרומפּירטע פּאָליטיק, קיין פערקויפטע מיניסטאָרען און קיינע פערפוילטע פּאַרלאַמענטען, האָט מען דעם פערברעכער געשמיסען מיט די אָבגעשניטענע פלוס־פעדע־רען פון די ים־הינט, וועלכע ער אַליין האָט געפאַנגען.

די מצוה פֿון כבוד אב ואם.

ביי די ערשטע פּאָר פֿאָלק איז געבאָרען געוואָרען דער בכור; די מוטער איז געוועזן אויסער זיך פֿון פֿרייד, דער פֿאָטער האָט זיך אויף איהם ניט געקענט אָנקוקען.

— אָבער זאָג מיר, געניוס, וועט ער אויף אימער פֿערבלייבען אַ קליינינקער? האָט די מוטער געפֿרעגט, און האָט נאָך צוגעזעצט: — כ׳ווייס אַליין ניט, וויל איך דאָס, אָדער ניט! איך וואָלט זעהר געוואונשען איהם צו זעהן אַן אויסגעוואַקסענעם, נאָר עס וואָלט מיר שטאַרק פֿערדריסען, ווען ער וואָלט זיך אויף אַזוי פֿיעל פֿערענדערט, איך זאָל איהם מעהר ניט קענען טראָגען אויף׳ן האַנד און ערנעהרען מיט מיין ברוסט.

— דיין קינד וועט אַ גרויסער ווערען, האָט געענטפֿערט דער געניוס, און ניט לאַנג וועט ער זיך ערנעהרען פֿון דיין ברוסט, עס וועט קומען אַ צייט, ווען דו וועסט איהם שוין ניט מעהר קענען טראָגען אויף׳ן האַנד.

— אָה, געניוס, האָט די דערשראָקענע מוטער אויסגעשריען, צו דען וועט מיין קינד אַוועק געהן פֿון מיר? און אַז ער וועט זיך אויסלערנען לויפֿען, וועט ער טאַקע פֿון מיר אַנטלויפֿען? וואָס זאָל איך טהאָן, דאָס מיין קינד זאָל בלייבען ביי מיר, ווען ער וועט נעהמען געהן?

— ליעב דיין קינד, און ער וועט דיך ניט פֿערלאָזען.

דעם ענטפֿער האָט געגעבען די נאַטור זעלבסט, וועלכע איז צו זיי ערשיענען אַלס געניוס.

און אַזוי איז אויך געוועזען! אַ געוויסע צייט איז אויף אַזאַ אופן פֿאַרביי. נאָר ענדליך זיינען געבאָרען געוואָרען אַ סך קינדער און פֿאַר פֿיעלע עלטערען איז שווער געוואָרען צו ליעבען אַלע די דאָזיגע קינדער.

האָט מען דעמאָלט אויסגעקלעהרט אַ מצוה, וועלכע ווי אַלע מצוות, האָט געדאַרפֿט פֿערבייטען די ליעבע. עס איז פֿיעל לייכטער צו געבען אַ געבאָט, איידער ליעבע: „עהרע דיין פֿאָטער און דיין מוטער"!

נאָר טראָצדעם, פֿלעגען פֿיעלע קינדער אַוועקוואַרפֿען די עלטערען, ווי נאָר זיי פֿלעגען אָנהויבען צו געהן. האָט מען אויסגעקלעהרט צו דער מצוה נאָך אַ פֿערשפּרעכונג: „כדי לאַנג לעבען זאָלסטו אויף דער וועלט".

יאַ, נאָכדעם זיינען אפילו איינינגע קינדער געבליבען ביי די עלטערען, נאָר זיינען געבליעבען ניט אויף דעם אופן, ווי די ערשטע מוטער האָט עס געמיינט, ווען זי האָט געפֿרעגט ביי דעם געניוס: „וואָס זאָל איך טהאָן, דאָס מיין קינד זאָל מיך ניט פֿערלאָזען, ווען ער וועט זיך אויסלערנען געהן".

און אַזוי איז פֿערבליבען ביז׳ן היינטיגען טאָג.

••••••••••••••••••••••••••

די מנהגים.

קיין געזעץ איז ביז איצט ניט געווען אַזוי קליינליך, אַזוי באַרבאַריש, ווי די מנהגים. אַ פֿערברעכער ווערט בעשטראָפֿט מיט אַזוי פֿיעל און אַזוי פֿיעל יאָהר געפֿענגניס. די מנהגים אָבער פֿעראורטהיילען איהם צו לעבענסלענגליכער פֿעראַכטונג. דאָס געזעץ רעדט פֿון איינוואוינער — די מנהגים פֿון אונטערטהאַנען. דאָס געזעץ זאָגט: קעניג— די מנהגים זאָגען: זיין מאַיעסטעט. דאָס געזעץ ערלויבט יעדען איינעם זיך צו קליידען ווי ער וויל — די מנהגים שרייבען אונז פֿאָר, ווי אַזוי מיר מוזען זיך אָנציהען. דאָס געזעץ מאַכט פֿון דער חתונה אַן אָפֿיציעלען קאָנטראַקט—די מנהגים מאַכען פֿון איהר אַ רעליגיעזע און זיטליכע פֿעראבינדונג, ד. ה., זיי מאַכען פֿון איהר אַ גאַנץ אונמאָראַלישע אינסטיטוציאָן. דאָס געזעץ בעטראַכט די פֿרוי אַלס אַ קינד, אַלס אַ ניט-זעלבסטשטענדיגעס וועזען, וואָס שטעהט אונטער דער השגחה פֿון דעם מאַן — די מנהגים מאַכען פֿון איהר אַ שקלאַפֿין. דאָס געזעץ ערלויבט אונז אויף אַ נאַטירליכער ווייזע געבאָרען צו ווערען — די מנהגים קוועלען, פֿערפֿאָלגען און מיסהאַנדלען דאָס קינד, וועמעס עלטערן עס האָבען צוזאַמען געשלאָפֿען, ניט האָבענדיג קיין אָפֿיציעלע ערלויבניס. דאָס געזעץ גיט דער אונפֿערהייראַטער מוטער געוויסע רעכטע — מאַנכעס מאָל זאָגאַר נאָך גרעסערע ווי צו דער פֿערהייראַטער — אָבער די מנהגים שטויסען יענע מוטער ארויס פֿון דער „אַנשטענדיגער" געזעלשאַפֿט; זיי פֿערדאַמען און פֿעראַכטען איהר. דאָס געזעץ רעדט אימער נאָר פֿון קינדער אין אַלגעמיין, ווען עס האַנדעלט זיך אום די עפֿענטליכע ערציהונג — די מנהגים אָבער מאַכען אַן אונטערשייד צווישען אינגלעך און מיידלעך. דאָס געזעץ פֿאָדערט נאָר שטייערען און צינזען אים גאַנץ בעשטימטע גרונדען און צו גאַנץ בעשטימטע צוועקען—די מנהגים צווינגען יעדען טאָג צו בריינגען קרבנות צו דער לעכערליכקייט, דער דומהייט, דער געוואוינהייט, דעם ליגען, דעם בעטרוג און דעם אַלגעמיינעם פֿאַנאַ-

טיזמוס. ס'איז אמת, דאָס געזעץ בעהאַנדעלט די פֿרוי אַלס ניט-זעלבסט־שטענדיגע פערזאָן, אָבער דירעקט פֿערהינדערט ער ניט איהר ענטוויקלונג — די מנהגים אָבער צווינגען די פֿרוי אימער צו בלייבען אונוויסענד, און זאָגאַר דאַן, ווען זי איז עס ניט, צווינגען זיי איהר צו ערשיינען אונוויסענד. דאָס געזעץ דריקט אונז מאַנכעסמאָל — די מנהגים דריקען אונז שטענדיג. ווי דום, ווי לעכע־ליך דאָס געזעץ זאָל ניט זיין, זיינען אָבער די מנהגים אימער נאָך פֿיעל דומער און לעכערליכער. ווי גרויזאַם און ברוטאַל די געזעצע זאָלען ניט זיין, זיינען די מנהגים אימער נאָך גרויזאַמער און ברוטאַלער.

און דאָס איז שטענדיג אַזוי געווען. וואָס פֿאַר אַ געזעץ צווינגט אייך צו ערציהען אייערע טעכטער אין קאָרופּציאָן און פֿערדאָרבענהייט? וואָס פֿאַר אַ געזעץ צווינגט אייך צו מאַכען פֿון אייער פֿרוי אַן אונבעצאָהלטע דיענסט? — די מנהגים מאַכען דאָס אַלעס. ווער פֿערהינדערט אייך צו פֿערשאַפֿען אייערע פֿריינד געננוס און פֿערגעניגען? ווער צווינגט אייך צו נעהמען אַנטייל אין לעכערליכע רעליגיעזע צערעמאָניעס און אַנדערע עהנליכע זאַכען, וועלכע האָבען ניט דעם קלענסטען ווערטה, די קלענסטע בעדייטונג? — די מנהגים. ווער צווינגט אייך אַרויפֿצודרינגען אויף אייערע קינדער אַ גלויבען, אין וועלכען איהר אַליין גלויבט שוין ניט מעהר? — אַלץ די מנהגים. ווער שרייבט אייך פֿאָר אַרויסצוואַרפֿען אייער טאָכטער אין גאַס, ווען זי איז שוואַנגער מיט דער פֿרוכט פֿון דער ליעבע, וועלכע איז פֿיליכט דער פּראָדוקט פֿון אַ מאָמענטאַלער לייכטזיניגקייט, אָדער אונבעוואַנענהייט? — די מנהגים. ווער האָט געשאַפֿען די טרויעריגע טהאַטזאַכע, אַז מענשען זאָלען שענדען די העכסטע און הייליגסטע געזעצע פֿון דעם געזונדען מענשען־פֿערשטאַנד, ענטשולדיגענדיג זיך מיט די לעכערליכע ווערטער: „דאָס איז דער מנהג ביי אונז!" — אימער ווידער די מנהגים.

וואָס מאַכען דען ניט די מנהגים פֿון אונזערע טעכטער?! זיי צווינגען זיי שטענדיג צו זאָגען ליגענס און צו בעהאַלטען זייערע ווירקליכע געדאַנקען הינטער דעם שלייער פֿון היפּאָקריטיזמוס. זיי דאַרפֿען ניט וויסען דאָס, וואָס זיי ווייסען; זיי דאַרפֿען ניט פֿיהלען דאָס, וואָס זיי פֿיהלען; זיי דאַרפֿען ניט זיין דאָס, וואָס זיי זיינען אין דער ווירקליכקייט. „אַ מיידעל רעדט ניט אַזוי", „אַ מיידעל זאָגט ניט אַזוי", „אַ מיידעל פֿרעגט ניט אַזוי", „אַ מיידעל טהוט ניט אַזוי" א. ז. וו. — דאָס איז דער אָנפֿאַנג און די ענדע פֿון דער גאַנצער ערציהונג.

און ווען שליסליך אַזאַ אָרעמעס ווערען גלויבט און געהאָרכט, ווען זי בלייבט צופֿרידען מיט איהר אונפֿערמיידליכען שיקזאַל, ווען זי אָפּפֿערט אויף איהר בליהענדע יוגענד־צייט, איהר גייסט, איהרע געפֿיהלען און

בעדירפֿניסע, ווען מען האָט איהר גענוג פֿערדרעהט דעם קאָפּ און ווען זי איז „אָרענטליך" געבליבען — דען דאָס רופֿען די מנהגים אָרענטליך — ווען זי האָט דאָס אַלעס געטהאָן און אויסגעפֿיהרט, דאַן האָט זי דעם טשאַנס, דאָס אירגענד אַ שמוציגער, גראָבער יונג בעלוינט איהר פֿאַר איהר אָרענטליכקייט מיט דעם, וואָס ער מאַכט איהר פֿאַר דער וועכ־טערין פֿון זיינע זאָקען און העמדער און פֿאַר אַ מאַשין, וועלכע בעזאָרגט די פֿאָרטפּלאַנצונג פֿון זיין ערהאַבענעם געשלעכט; מיט איין וואָרט, ווען אַ מיידעל בלייבט אַזוי קליינליך און אונוויסענד ווי די מנהגים פֿאָ־דערען עס פֿון איהר, האָט זי אַ טשאַנס חתונה צו האָבען. א הערליכע בעשטימונג! זי, וואָס האָט פֿריהער פֿעררִיכטעט די זאָקען פֿון איהר פֿאָטער מיט אַ קינדערשער געהאָרכזאַמקייט, זי דאַרף איצט פֿעררִיכטען די זאָקען פֿון איהר מאַן. זומער שטאָפּט זי די לעבער פֿון זאָקען מיט באַגוועך, און ווינטער מיט וואָל, אָבער איהר שקלאַפֿעריי בלייבט אין אַלע יאָהרעס־ציימען די זעלבע. זי דאַרף זאָגאַר נאָך מעהר. זי דאַרף אויך פֿעררִיכטען די זעקעלעך פֿון איהר מאַן'ס קינדער; זי דאַרף זיינע קינדער וויגען, וויגען און פּפלעגען און זי האָט זאָגאַר דאָס רעכט צו שטאַרבען אין קינפּעט.

אָה, וואונדערבאַרע, אונבעשרייבליכע פֿרייהייט? זי, וואָס האָט זיך געמוזט שלאָפֿען לעגען בעפֿאָר דער חתונה אום 11 אוהר אַבענדס, זי דאַרף יעצט מאַנכעס מאָל אויפֿבלייבען אַ גאַנצע נאַכט און וואַכען ביי דעם וויעגעלע פֿון איהר מאַן'ס קינד. אָבער זי דאַרף יעצט נאָך פֿיעל מעהר אַם מאָרגען דאַרף זי איהם פֿרעגען, אויב ער האָט גוט געשלאָפֿען; זי דאַרף צוגרייטען פֿאַר איהם אַ פֿריהשטיק, איידער ער געהט צו דער אַר־בייט. און ווען ער קומט נאָך הויז דאַרף זי צופֿריעדען זיין מיט „פּאַפּאַ'ס" „הים" אין „בע", וועלכעס ער האָט נאָך איבעריג פֿאַר איהר. זי דאַרף זיך צוהערען, ווען „פּאַפּאַ" רעדט און זי דאַרף שטיל־שווייגען, ווען ער שילט איהר. זי דאַרף איהם איינרייבען מיט קאַנפֿער־עהל, ווען ער ליידעט פֿון רומאַטעס, און ווען „פּאַפּאַ" אונטערהאַלט זיך מיט אַ פּאָר פֿריינד איבער די „מערקווירדיגע" ערלעבניסע פֿון זיין יוגענד, דאַן דאַרף זי אַריינגעהן מיט די קינדער אין דאָס נעבען־צימער און גריבלען איבער די גלענצענדע בעלוינונג פֿאַר איהר אָרענטליכקייט און טוגענד.

אָבער איך וויל יעצט אויך ריידען פֿון דער אונבעלוינטער טוגענד. איך וויל ריידען פֿון יענע מיידלאַך, וואָס האָבען ניט געפֿונען קיין חן אין די אויגען פֿון דעם אַלמעכטיגען מאַן; איך וויל ריידען פֿון די מיידלאַך, וואָס האָבען ניט געפֿונען קיין מענער.

די נאַטור איז וואָהלטהעטיג; זי איז וואָהלטהעטיג אין אַלע איהרע

מאַניפֿעסטאַציאָנען און האַנדלונגען, דען דאָס געגענטהייל וואָלט געווען איהר איינציגער טויטעס-אורטהייל. די קלענסטע אויסנאַהמע אין דעם געזעץ פֿון דער אַלגעמיינער נויטווענדיגקייט וואָלט אַרויסגערופֿען אַ גאַנצע איבערקעהרענים אין דער נאַטור, וועלכע וואָלט געפֿונען איהר ענדע אין דעם זעלבסטמאָרד פֿון אַלע לעבענס-ערשיינונגען. די גרינגסטע אָבשוואַכונג פֿון די נאַטירליכע אינסטינקטען און אייגענשאַפֿטען מוז פֿעראורזאַכען, פֿריהער אָדער שפּעטער, אַ גאַנצע איבערקעהרענים אין דעם אָרגאַניזמוס. דיזע איבערקעהרענים איז אָבער אין דער ווירקליכקייט אַ פֿאַלשטענדיגע פֿערניכטונג, דען אָבצושוואַכען אָדער צו פֿערניכטען אין גאַנצען די אייגענשאַפֿטען פֿון אַ געוויסער ערשיינונג מיינט ניט אַנדערש ווי איהר פֿאָלשטענדיג צו צושטערען. די פֿערניכטונג פֿון איין אייגענשאַפֿט פֿעראורזאַכט די פֿערניכטונג פֿון אַלע אייגענשאַפֿטען. און אַ זאַך אָהנע אייגענשאַפֿטען איז גאָרנישט. די ווירקונגען פֿון דער נאַטור זיינען זעהר איינפֿאַך. זי האָט נאָר איין איינציגעס מיטעל און דיזעס מיטעל איז אין דער זעלבער צייט איהר צוועק: די אַנציהונגס-קראַפֿט.

אַלעס וואָס עקזיסטירט האָט די נייגונג זיך צוזאַמענצושמעלצען. אויך דער מענש ווערט מיט דיזער געבאָרען. איך וויל יעצט ניט ריידען פֿון אַלע אַנדערע ערשיינונגען, וועלכע ענטשטעהען דורך דיזע נייגונג; איך וויל נאָר אָנפֿיהרען איין איינציגע ערשיינונג, וועלכע בילדעט די בעסטע אילוסטראַציאָן פֿון דעם געזעץ דער געגענזייטיגער פֿעראייניגונג: די ליעבע. די ליעבע איז דער בעסטער אויסדרוק פֿון דיזען געזעץ, דען די אַלגעמיינע ווירקונגען פֿון דיזען געזעץ קען מען אין ערגעץ ניט אַזוי דייטליך בעאָבאַכטען ווי אין געשלעכטליכען לעבען. אין וויפֿיעל פֿערשיעדענע קלאַסען איהר זאָלט ניט איינטהיילען די ליעבע, איבעראַל שפּיעלט דער געזעץ דער געגענזייטיגער פֿעראייניגונג די גרעסטע, יאָ, זאָגאַר די איינציגע ראָלע. אין ערגעץ איז די אינערליכע נויטווענדיגקייט פֿון דיזען געזעץ אַזוי טיעף אויסגעדריקט ווי אין דער ליעבע. ווער צ. ב. ש. עס בעאָבאַכטעט די פֿעראייניגונג פֿון צוויי שטויב-אַטאָמען קען אָבליקענען די נויטווענדיגקייט און דעם צוועק פֿון דיזער פֿעראייניגונג, טראָצדעם, וואָס ער מוז אַנערקענען בלויז די טהאַטזאַכע. אָבער די אינערליכע נייגונג זיך צו פֿעראייניגען, ווי זי מאַניפֿעסטירט זיך אין דער טהיערישער און דער מענשליכער וועלט, קען פֿון קיינעם ניט אָבגעלייקענט ווערען, דען יעדער איינער מוז איינזעהן אַז די געשלעכטליכע ענטהאַלטזאַמקייט מוז פֿיהרען צור פֿערניכטונג. איך בעהויפּטע, אַז דאָס געזעץ פֿון דער געגענזייטיגער צונייגונג עקזיסטירט איבעראַל, נאָר אין דעם געשלעכטליכען לעבען, קענען מיר עס לייכטער דערקענען.

אונזערע טעכטער שטעהען אַלזאָ אויך אונטער דעם איינפֿלוס פֿון דעם געזעץ דער געגענזייטיגער אַנציהונג. איך וויל יעצט ניט ריידען פֿון די פֿערשיעדענע סאָרטען דער ליעבע, וועלכע דער מענש האָט ערפֿונדען. דער איינער רעדט פֿון זיטליכקייט, דער אַנדערער פֿון ריינהייט, דער איינער רעדט פֿון טוגענד, דער אַנדערער פֿון ליידענשאַפֿט. ווי געזאָגט, מען האָט ערפֿונדען פֿערשיעדענע סאָרטען פֿון ליעבע: גייסטיגע, ערהאַבענע, געמיינע, טהיערישע, סענטימענטאַלע, גראָבע, פֿיינע, אַנשטענדיגע, שענדליכע, ערדלע, ריינע, ניעדעריגע, זינליכע און פּלאַטאָנישע ליעבע.

מען קען די צאָהל פֿון דיזע אונטערשיידונגען פֿערמעהרען אַזוי פֿיעל ווי מען וויל, נאָר די הויפּטזאַכע בלייבט אימער: די ליעבע, ד. ה., דאָס געזעץ דער געגענזייטיגער אַנציהונג, די געשלעכטליכע פֿעראייניגונג. נאָר דאַן, ווען דאָס מעדכען בעפֿריעדיגט מאָראַליש און פֿיזיש איהרע נאַטירליכע נייגונגען, נאָר דאַן קען זי ערפֿילען איהר נאַטירליכע בעשטימונג, נאָר דאַן קען זי זיין אַ מענש; דאָרט וואו דער מענש ווענדעט אָן אַלע מיטלען, דיזע נאַטירליכע נייגונג צו אונטערדריקען, דאָרט לייקענט ער אָב זיין נאַטירליכע בעשטימונג.

מיר האָבען אויסגעקלעהרט מנהגים און מיר ווענדען זיי אָן, מנהגים, וועלכע ענטהאַלטען אין זיך דעם שטאַרקסטען ווידערשפּרוך געגען די הויפּט־געזעצע דער נאַטור. מיר גלויבען, אַז עס איז נויטווענדיג די נאַטירליכע אינסטינקטען און נייגונגען צו אונטערדריקען. מיר ווילען זיי אָבשטעלען, ווען זיי ווילען זיך בעוועגען; מיר פֿערדאַמען זיי אַליין צו זיין. ווען זיי ווילען זיך פֿעראייניגען. מיר טהיילען זיי אָב, ווען זיי ציהען זיך געגענזייטיג אָן. מיר בעטראַכטען עס אַלס פּפֿליכט די נאַטור אָבצושוואַכען, דיזע אָבשוואַכונג — אָדער בעסער געזאָגט, אונזערע שטענדיגע ערפֿאָלגלאָזע פֿערזוכע אויף דיזען געביעט — רופֿען מיר טוגענד. יאָ, דיזע פֿערזוכע זיינען ערפֿאָלגלאָז, דען די נאַטור לאָזט זיך ניט אונטערדריקען. עס גיט אַ לאַטיינישער שפּריכוואָרט, וועלכער זאָגט: „דו קענסט די נאַטור אַרויסיאָגען מיט אַ מיסט־גאָפּעל, אָבער זי וועט טראָץ־דעם ווידער קומען".

יאָ, זי קומט דאָך ווידער, אָבער די מיסט־גאָפּעל האָט איהר פֿערוואונדעט, און דיזע וואונדען בלוטען און פֿילען זיך אָן מיט מאַטעריע. דאָס אָרעמע מעדכען, וועלכעס מיר מאַכען צום סטודיר־עקספּערימענט פֿון אונזער מיסט־גאָפּעל־מאָראַל, פֿערוועלקט לאַנגזאַם און שטאַרבט אַלס איינע פֿון יענע אונצעהליגע שלאַכט־אָפּפֿער, וועלכע מיר בריינגען יאָהר אויס יאָהר איין מיט אַ פֿרומער גרויזאַמקייט דעם מינאָטאַוראָס*).

*) דער מינאָטאַוראָס איז אַ פֿאַבעלהאַפֿטעס וועזען אויס דער גריכישער מיטהאָלאָגיע.

יאָ, אַ מינאָטאַוראָס! עס איז אַ שרעקליכעס וועזען מיט אַ מויל אַזוי גרויס ווי די ביבעל און אַ ריעזען־גרויסען קערפּער, וועלכער ענדיגט זיך אין אַ שטריק־נאָדעל. דער נאָמען פֿון דיזער שרעקליכער חיה איז: היס־טעריע. זי פֿרעסט מעדכען, מעדכען און אימער נאָר מעדכען.

און ווען עס קומט אַ מאָל אַ טהעסעאוס, וועלכער פֿערניכטעט דיזע עקעלהאַפֿטע חיה, דאַן רופֿט איהר איהם אַ שלעכטען און פֿערדאָרבענעם מענשען.

עלטערען, וואָס איהר האָט ליעב אייערע קינדער, ווי אַזוי קענט איהר זיין די בונדעס־גענאָסען פֿון דיזער שרעקליכער היה? ווי אַזוי קענט איהר עס פֿערטיג ברייגנען איהם די אָפּפֿער אריין צו שטעקען אין זיין שטענ־דיג אָפֿענעם מויל? איז עס ניט אייער פֿליכט צו שיצען אייערע קינדער פֿאַר דער גרויזאַמקייט פֿון דעם מינאָטאַוראָס פֿון אייער מאָראַל? אייער לעכערליכע מאָראַל־קאָמעדיע שטערט מיר גאַנץ ווייניג. איך זאָג אייך אָפֿען און פֿריי, אַז איך וועל קעמפּפֿען געגען דעם מינאָטאַוראָס, קעמפּפֿען מיט אָדער אָהנע אייער הילפֿע. דאָס איז מיין מאָראַל. און איך וועל זיעגען אין דיזען קאַמפּף, דען איך וועל אַרויסשלעפּען די שרעקליכע חיה פֿון אייערע מנהגים אוים איהר פֿינסטערער און אונטעראירדישער וואָהנונג אין דאָס שטראַהלענדע ליכט פֿון דער וואַהרהייט, און איך וועל איהר פֿערדאַמען און פֿעראורטהיילען, אַפּעלירענדיג אָן די מענשליכע געפֿיהלען אין מענ־שען. איך וועל איהר אַרונטערהאַקען דעם שמוציגען ליגען־קאָפּ מיט דעם שאַרפֿען שווערד פֿון מיינע קריטישע ווערטער.

עלטערען, וואָס איהר בענעהט אַ זעעלען־מאָרד אָן אייערע טעכטער, פֿערביטעט זיי צו הערען מיינע ווערטער. עלטערען, וואָס איהר ערניעדריגט זיך, צו זיין די בוטשערס פֿאַר דעם מאָהלצייט פֿון אַ בלוטיגע, מערדערישע חיה, זאָגט צו אייער שלאַכט־פֿיה, אַז איך בין דער פֿינסטע־דער דעמאָן, וועלכער וועט זיי פֿערשלינגען; בעהיט אייערע קינדער פֿאַר מיין איינפֿלוס.

מיט אַ מענשליכען קערפּער און אַ קאָפּ פֿון אַן אָקס. די לעגענדע דערצעהלט, אַז אַ גחי־בישער פֿאָלקס־שטאַם איז בעזיעגט געוואָרען פֿון דעם קעניג מינאָס פֿון קרעטאַ. אַלס קריעגס־שטייער האָבען די בעזיעגטע גריכען געמוזט שיקען אַלע 9 יאָהר אַ שיף מיט 7 פֿון די שעהנסטע יונגע מענער און 7 פֿון די שעהנסטע יונגע מעדכען נאָך דעם אינזעל קרעטאַ אין דאָס זאָגענאַנטע לאַבירינט — אַזוי האָט זיך גערופֿען די וואָהנונג פֿון דעם פֿורכטבאַרען מינאָטאַוראָס — וואו זיי זיינען אויפֿגעפֿרעסען געוואָרען פֿון דעם שרעקליכען וועזען. דער גריכישער העלד טהעסעאוס האָט פֿערניכטעט דעם ענטזעצליכען מינאָטאַוראָס און האָט דאַדורך בעפֿרייט זיינע פֿאָלקס־גענאָסען פֿון דער גרויזאַמער מענשען־שטייער.

איך פֿאָרדער אייך אויף אָנצואווענדען אַלע מיטלען, אַז אייערע קינ־דער זאָלען מורא האָבען פֿאַר מיר. איך פֿאָרדער אייך אויף צו פֿערהינ־דערן, אַז מיינע אידעען זאָלען ניט צושטערען אין 10 יאָהר, אָדער אפשר נאָך בעפֿאָר, די קליינע געביידע פֿון אייערע לעכערליכע אידיאָטישע און גרויזאַמע מאָראַל־בעגריפֿע, וועלכע איהר האָט אויפֿגעבויט מיט בלוט בעפֿלעקטע הענד.

איידער איך וועל אָנפֿאַנגען דעם קאַמפף געגען די פֿערברעכערישע גרויזאַמקייט פֿון אונזערע מנהגים, וועלכע פֿעראורזאַכען און ענטוויקלען די היסטעריע, וויל איך אייך זאָגען צוויי ווערטער: עס אינטערעסירט מיר גאַנץ ווייניג, אויב איהר וועט רופֿען מיין שרייב־ווייזע גוט אָדער שעהן; מיין גאַנצעס אינטערעסע איז צו זיין דער זיעגער אין דיזען קאַמפף. אום צו זיין זיכער, אַז די מעדכען וועלען לעזען מיינע ווערטער—דען איך וויל נאָר צו זיי אַליין ריידען, ניט צו די עלטערען — וויל איך האָבען, אַז איהר זאָלט פֿערברענען מיינע ביכער, אַז איהר זאָלט אַרויפֿשטעלען מיינע שריפֿ־טען אויף די גרויסע ליסט פֿון פֿערבאָטענע ביכער. איך וויל געווינען איינ־פֿלוס, און ווען איך האָב ניט דאָס נויטיגע טאַלאַנט אָדער די נויטיגע קראַפֿט דיזען איינפֿלוס צו פֿערלאַנגען, דאַן זאָל אייער פֿלוך און אייער פֿערדאַ־מונג מיך העלפֿען, אַז מיינע ביכער זאָלען געלעזען ווערען.

דיזע טאַקטיק האָב איך געלערענט פֿון אַ מעכטיגער פֿריינדין, פֿון דער נאַטור. איך זי אַרבייט דעסטאָ מעכטיגער, וואָס מעהר מען פֿערזוכט איהר צו אונטערדריקען.

א געשפּרעך מיט יאפּאנער.

איך בין ביי די יאַפּאַנער געווען און האָב מיט זיי אָנבייסען געגעסען, קודם כל האָבען זיי מיך געפּרעגט, ווער און וואָס איך בין.

האָב איך זיי דערלאַנגט אַ וויזיט-קאַרטע: מ ו ל ט אַ ט ו ל י, זשעני.

דער סעקרעטער האָט עפּעס פֿערשריבען. איך האָב פֿון דער זייט געכאַפּט אַ קוק ביי איהם אין ביכעלע און בעמערקט, אַז ער האָט מיר אָנגעוויזען אַ פּלאַץ אין דער אָבטהיילונג: א י נ ד ו ס ט ר י ע ל ע מ ע ר ק־ וו י ר ד י ג ק י י ט ע ן, פּונקט אונטער דעם קאַנאָן, וואָס זיי האָבען אין דער שטאָדט דערלפּט געזעהן, ווי ער שמעלצט זיך און פֿערמישט זיך מיט בראָנז.

— זשעני?... וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פּראָפֿעסיאָן?

— איך האָב געהוסט און געהוסט, געסאָפּעט און געסאָפּעט און דערנאָך גאַנץ נאַאיוו געענטפֿערט:

— כ'זאָל אַזוי וויסען פֿון שלעכטס, אָה קאַמי!

— קענט איהר מאַכען זייגערס?

— ניין, קאַמי.

— אָדער רעגענשירמס?

— ניין, קאַמי.

— אָדער זייגערס מיט אויסגעלאַסענע בילדער? *)

— אַך ניין, קאַמי!

---

*) „זייגערס מיט אויסגעלאַסענע בילדער". די פֿלעגט מען מאַכען אויף יאַפּאַן'ס שטענדיגער בעשטעלונג. דאָס זיינען געווען זייגערס מיט דאָפּעלטע דעקלאַך, וואָס ד' אונטערשטע פֿון זיי האָט פֿערדעקט אַ קליין אויסגעלאַסען בילדעל. די פֿרומע האָלענדער האָבען זיי נאָך צו מיין צייט געליפֿערט מיט דעם גרעסטען פֿערגניגען. אָט אַזוי זיינען זיי. — ם.

— זייט איהר אפשר אַ בריה אויף דעם „קייזער-שניט"? *)

— אויך ניט, קאַמי!

נו, איז מיר אָבער פֿאָרט עפּעס קלאָהר געוואָרען איבער דער דאָזיגער פֿראַגע, און נאָך איידער ס'איז אַריינגעקומען דאָס דיענסט־מיידעל, וואָס ער האָט געשיקט רופֿען, כדי אויסצופּרואווען די געשיקטקייט, וועלכע ער האָט מיר געוואָלט צושרייבען, האָב איך זיך אָבגערופֿען מיט דעם גאַנצען עהר־גייץ פֿון איינעם, וואָס מיינט, אַז ער האָט וואָס עס איז ענטדעקט:

— יאָ, וואָס עהגליכעס, קאַמי, איך בין פֿערקעהרט געבוירען!

ווידער האָט דער סעקרעטער פֿערשריבען. אָבטהיילונג: „מערקווירדיגקייטען פֿון דער נאַטור". איך בין אַרונטער אונטער מאַלקאָלם פֿון „מאַקבעט".

— פֿערקעהרט געבוירען, גוט. אָבער וויאָס קענט איהר מאַכען?

— איך קען ווען ניט ווען דעם אמת זאָגען. אָה קאַמי.

די גאַנצע באַטשאַפּט האָט זיך דערשראָקען און האָט אַ קוק געטהאָן אויף מיין בויך. דער איז נישט געווען צו זעהן. דעריין האָבען זיי אויך געפֿונען די איינציגע אורזאַכע, וואָרים איך האָב איהם ניט אויפֿגעשניטען, וואָרים—דאָס האָבען זיי מיט יאַפּאַנישער אָפֿענהערציגקייט צוגעגעבען — וואו ס'איז גאָרנישט דאָ, דאָרט האָט דער ליגען אפילו קיין רעכט ניט צ ערמאָרדען די וואהרהייט.

— און וויפֿיעל ברייגנט עס אייך איין? — האָט דער קאַמי מיט אַ פֿריינדליכען אינטערעס געפֿרעגט.

— עס ברייגנט מיר גאָרנישט איין, אָה ליעבענסווירדיגער קאַמי!

ווידער אַמאָהל האָט דער סעקרעטער פֿערשריבען ביי זיך אין ביכעלע: „דער אמת איז אין האָלאַנד אַזוי ביליג, אַז ער ווערט גאָרנישט בעצאָהלט. וואָרים די וואָס ליפֿערן איהם, האָבען נימ קיין בויך".

— האָט איהר חשק, מיט אונז צו פֿריהשטיקען?

— מיט פֿערגניגען.

און איך האָב זיך אַנידערגעזעצט צווישען קאַמי און קאַמי, נאָר די קאַמים זיינען געזעסען איינע לעבען די אַנדערע, ווי עס איז דער מנהג אי יאַפּאַן, אויך ביים אונטערשטען עק פֿון טיש איז געזעסען אַ קאַמי. דערנאָך האָט זיך געמאַכט אַ געשפּרעך, וואָס איך גיב דאָ איבער אַזוי גוט ווי מעגליך.

---

*) אַ שווערע אָפּעראַציע, וואָס קומט פֿאָר ביי קינדבעטאָרינס.

— איין זאַך זאָג מיר אַקאָרשט, דו זשעני פון פערקעהרטער געבוירט, וויפיעל געטער זיינען פאַרהאַן?

— גענוי קען איך עס ניט זאָגען, קאַמי. לאָמיך אַקאָרשט זעהן... נאָרוועגען, שוועדען, דענעמאַרק, רוסלאַנד, פוילען, אַנהאַלט-דעסאו, הילדבורגהאוזען, מאָנאַקאָ...

— אָבער דאָס איז דאָך געאָגראַפיע. איך האָב אייך געפרעגט אויף די געטער... דאָס רופט מען, מיין איך, ביי אייך טהעאָלאָגיע.

— פערשטעהט זיך, קאַמי. אָבער די טהעאָלאָגיע האַלט זיך אויף די געאָגראַפיע, איז דאָס אויף דער פּאָליטישער געאָגראַפיע. יעדער שטאַאַט האָט זיך זיין אייגענעם גאָט, אָדער צוויי... אַ פערצייטיגען און אַ מאָדערנעם. ווען דאָס פירסטענטהום העכינגען האַלט מלחמה מיט רוסלאַנד, דאַן ווערט אַ קריעג צווישען די געטער פון די דאָזיגע צוויי לענדער. דער גאָט פון די האָלענדער איז דער בעסטער....

— פון וואַנען ווייסט איהר דאָס?

— קאַמי, ס'שטעהט בפירוש אין אַלע האָלענדישע שול-ביכער... וואָס זשע, דאָס איז יאַפּאַנישער טהעע, אָה קאַמי?

— יאָ, מיר האָבען איהם געקויפט ביי אָ ט ט אָ ר אָ ע ל אָ ף, וועלכער האָט אויך אַ סקלאַד אין יעדדאָ. איהר קענט עס שמעקען, אָה איהר פערקעהרט געבוירענער?

— יאָ, ער שמעקט ווי אַ שפּאַצירגאַנג איבער'ן פעלד... דריי מאָג נאָך'ן שניט.

די קאַמים האָבען פון ענטציקונג געפּאַטשט מיט די הענד, כמעט אַזוי ווי האָלענדער, וועמעס נאַציאָנאַלער שטאָלץ בעשטעהט אין דעם, וואָס ער ברייננגט אַריין און פיהרט אַרוים שיעדאַמער קעז פון קעלן.

— טהעע איז די פרייד פון האַרצען, אָה קאַמי.

— וואָס הייסט ביי אייך אַ האַרץ, אין אַ שלעכטער שעה געבוירענער?

— ס איז אַ בוך אָהן בלעטער, לייטזעליגער פרעמדלינג.

— אַנטלייהט מען עס אין די לייה-ביבליאָטעקען?

— ניין, קאַמי, לייהען לייהט מען עס ניט, נאָר ווען ניט ווען ווערט עס פערקויפט. דער עיקר ווען ס'איז שלעכט געשריבען.

— און דער, וואָס פערקויפט עס?

— דער העלפט זיך פאַר דער צייט אויס מיט „פרינציפּען", מיט דאָגמען, מיט געוואוינהייטען, מיט'ן אומקוקען זיך אויף „מ ע ן'ס" אורטהייל.

— „מ ע ן"... ווער איז דאָס?

— דאָס איז אַ ח׳ה מיט אַ סך קעפּ. זי ע׳נעהרט זיך פון בלוט׳ען און פריכטע — פון די פיינסטע, אָה קאַמי! — און שפּייט מיט גיפט, גראַ׳ פערקעהרט ווי די ביהנען, וועלכע זויגען פון גיפט האָנ׳ג. „מען" איז אייזען, ו׳ען ער שלאָגט, נעבעל, ווען איהר ווילט איהם צוריקשלאָגען. „מען" אי׳ז דער מאַן, וואָס איז ניטאָ. „מען" רעדט, ווען מען פרעגט איהם ניט, און שווייגט, ווען מען רעדט צו איהם, „מען" פערקריכט אין ווינקעלאַך, וועלכ׳ע זיינען קלענער ווי ער אליין, און אַז איהר ווילט איהם אַ־ויסקריגען פון זיין בעהעלטעניש, איז ער ניטאָ, אַזוי׳ ווי אַ וואַנ...

— איך ווייס שוין, מיר זיינען געווען אין פּאַריז... אָבער וואָס זשׂ׳ג, איהר האָט גאָר ניט קיין וואַנצען־פּולווער דאָ?!

— אַוראַי, קאַמי, נאָר ס׳העלפט ערשט דאַן, ווען „מען" איז טויט. „מען" וואָלט זיך שוין ווי עס איז געלאָזט פערטרייבען, ווען ער וואָלט נישט בסדר געזאָרגט דערפאַר, ער זאָל זיין טויט און בעגראָבען און פערגעסען נאָך פ אַ ר דער נידערלאַגע. דאַן זיינען דאָ נייע „מען׳ס" אויף זיין אָרט, און זיי מיינען דאַן מיט אַ פּאָר טויזענד פונד גוס־אייזען, וואָס זיי שטעלען אַוועק אין דער פאָרם פון אַ ליאַלקע אויף דעם אָדער יענעם מאַרק, מיט אַ מאָנומענט, הייסט עס, צו קענען בעצאָהלען דעם חוב פון די אַלטע „מען׳ס". אָדער בעסער געזאָגט, זיי מיינען עס אפילו אויך ניט. דער צוועק איז בלויז, זיך אויסצוגעבען פאַר בעסער איידער די פריהערדיגע. און די ניט־אויפריכטיגקייט פון אַזאַ מין לויב דערקענט מען צווישען אַנדערעם אויך אין דעם, וואָס די, וועלכע גיבען אייזען אָנשטאָט גאָלד, וואַרפען אין דערזעלבער צייט שטיינער אויף ד י, וועלכע וועלען שפּעטער ווידער מעהר ניט קריגען ווי גאַנץ ביליגען אייזען.

— אָבער וואָס טהוט איהר פאָרט, אום ניט אונטערדריקט צו ווערן?

— דאָס איז שווער געגוג, קאַמי, וואָס איהר קומט פון מרחקים אַהער. פאַרהאַן אַזעלכע, וועלכע קעמפּפען ביז די לעצטע כוחות זייערע — דאָס זיינען די פערקעהרט געבוירענע — אָבער דאָס רוב פון זיי לויפען אַריבער אויף דער אַנדערער זייט, כדי צו מאַכען איין האַנד מיט „מען", באָטש קיי־נער ווערט עס אונטער פיער אויגען ניט צוגעבען. אדרבה, יעדער איינער רעדט מכח „מען", אָקוראַט ווי ער אַליין וואָלט ניט געהערט דערצו.

— ווי זשע קענט איהר וויסען, ווער ס׳געהערט דערצו און ווער ניט?

— דאָס דערקענט איהר מייסטענס אָן דעם בויך... וועלכער איז ניטאָ, אָה קאַמי, ווענעמס גייסט עס ווערט גאָרנישט מיעד פאָרשענדיג. ווער ס׳האָט אַבויך, דיק, קיילעכדיג, פאָרמאַזוס — דאָס הייסט פאָלשטענדיג

איינגעפּילט, אָה קאַמי! — און דער עיקר ניט אויפגעשניטען ווי אַ בוך מיט קריסטליכע דרשות, — ווער ס'האָט אַזאַ בוך, דער קען בעטראַכט ווערן פאַר איינעם, וואָס געהערט צו „מען". און דער, וואָס האָט קיין בוך ניט, איז פערקעהרט געבוירען. אָבער ס'איז אַ פוילע געשיכטע, אָה קאַמי, וואָס איהר זאַמעלט אין זיך די חכמה אַזוי ווי אַ ברונען רעגען־וואַסער, יאָ, אַ פוילע געשיכטע. ס'איז אָקוראַט ווי מיט דער אָנשטענדיגקייט...

— „אָנשטענדיגקייט", וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דאָס איז עפּעס, ווי עס זעהט אויס ווי אויסערליכע שטריכען, לייטזעליגער קאַמי, וועלכע בעצייכענען דעם אינהאַלט און ווערען געגעבען אייף זיין אָרט, מחמת אַן אויסערליכע צייכנונג איז וועלוועלער איידער דער אינהאַלט. אָנשטענדיגקייט איז דעם שֵׁרוּי, וואָס „מען" וויקעלט אין פּאַפּיר און אויף וואָס „מען" שרייבט אויף: „ערשטע קלאַסע סחורה פאַר פאַבריק-פּרייזען", כדי אויף אַזאַ'ן אופן צו קענען עפענען אַ קראָם מיט ווינציג קאַ-פּיטאַל. אנשטענדיגקייט איז אַזאַ מין מאַרקע, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ בעשטימטען ווערטה, אָבער מען קען זי ניט אויסבייטען. אַנשטענדיגקייט איז קריסטאָפּעל־טוגענד...

— אַהאַ, „טוגענד"! — נעהמט אַקאַרשט נאָך אַ שעלכעל טהעע, איהר, וואָס איהר פערדיענט אויפגעשניטען צו זיין... טרינקט, פרעהט זיך, ציהט אויס די פיס און זאָגט מיר וואָס טוגענד איז.

— כ'וואָלט עס גערן געטהאָן, קאַמי, וואָס איהר זופּט אַריין די וויז-הייט, אַזוי ווי בלעטער זאַפּען איין אין זיך דעם לעבענס-געטראַנק, אָבער נו יאָ!... ס'איז געפעהרליך! שווערט איהר מיר, קאַמי, אַז איהר וועט גאָרנישט איבערדערצעהלען פון דעם, וואָס איך וועל אייך זאָגען מכח טו-גענד? אַז איהר וועט עס ניט זאָגען ניט דעם קעניג, ניט דעם מיניסטער, ניט דעם בעל הבית פון אייער האָטעל, ניט דעם מיידעל וואָס איהר האָט אָקאָרשט געשיקט רופען אַהער, ניט דעם מאַן, וואָס פּוצט אייערע שטיוועל?

— מיר טראָגען ניט קיין שטיוועל; פריי אַרוים דערמיט, איהר אמת-זאָגער, מאַן אָהן אַ בוך, האָט קיין מורא נישט. ווען מיר וואָלטען אפילו געטראָגען שטיוועל, וואָלטען מיר עס אויך קיינעם נישט געזאָגט. וואָס איז טוגענד?

— קאַמי, איך ווייס ניט וואָס טוגענד איז!

— דאָס האָב איך זיך מאַקי געטראַכט, ווען איך האָב געהערט, אַז איהר זייט אפילו ניט אים שטאַנד צו מאַכען זייגערס מיט אויסגעלאַסענע בילדער. נאָר אַז איהר ווייסט עס ניט, טאָ פאַרוואָס האָט איהר אַזוי מורא געהאַט, מיר זאָלען חלילה ניט דערצעהלען ווענען עס איז דאָס, וואָס איהר אַליין קענט ניט זאָגען?

— אָט דאָס איז דאָס טאַקי, אָה טוגענדגיעריגער קאַמי, וואָס איהר זייט אַזוי שטאַרק פֿערליעבט אין אויסגעלאַסענהייטען... אויף זייגערס. אָט דאָס איז דאָס טאַקי. „מען" ווייס גענוי וואָס טוגענד איז אַזוינס, „מען" טהוט צום טויט דעם פֿערקעהרט געבוירענעם, וועלכער ווייסט עס נישט.

— אָבער זאָגט זשע מיר, אָה מאַן, וועמעס זעעלע איז געבוירען געוואָרען אויף דער לינקער זייט, זאָגט זשע מיר, וואָס „מען" בעטראַכט פֿאַר טוגענד?

— זעהט איהר, דאָס איז עפּעס אַנדערש, קאַמי פֿון זיטליכער גרויסקייט און יאַפּאַנישען קופּער, נאָר די ערצעהלונג איז לאַנג, מחמת „מען" ענדערט זיך אַזוי אָפּט און אין דערזועלבער צייט „מען'ס" טוגענד אויך אַסך טוגענדען פֿון „מען" זיינען פֿערלאָרען געגאַנגען — דאָס רוב טוגענדען זיינען ניט פֿערשריבען געוואָרען, קאַמי — דאָך מכח דעם, וואָס איז געבליבען און איז בעקאַנט, וויל איך גערן זאָגען אַלצדינג, וואָס איך ווייס.

בראשית, אין אָנפֿאַנג איז טוגענד געוועזען... גאָרנישט! מען איז געוועזען טוגענדהאַפֿט, כל זמן קיינער האָט ניט גערעדט מכח טוגענד. טוגענד נעהמט זיך פֿון טויגען, אָה איהר שפּראַך־קענערשער קאַמי. אין אָנפֿאַנג אַלזאָ האָט אַלעס געטויגט. די קוה חאָט נעפּרעסען גראָז, און קיינער האָט דער בהמה ניט געזאָגט, ווי זי דאַרף טהאָן, כדי צו פֿערוואַנדלען דאָס אזינגע גראָז אין מילך און פּוטער. „מען" האָט געהאַנדעלט גוט, „מען"ע האָט געטויגט... ביז וואַנען עס זיינען געקומען מענשען, וועלכע האָבען געגעבען אינסטרוקציעס, ווי מען דאַרף טהאָן, כדי צו טויגען. די אינסטרוקציעס פֿאַר די קיה האָבען ניט געטהאָן קיין שום שאָדען. די איינפֿאַכע בהמות האָבען זיי ניט געלעזען. דאָס איז אַ גרויסע טוגענד פֿאַר די קיה, אָה קאַמי. אָבער „מען" האָט יאָ געלייענט די אינסטרוקציע, אום צו טויגען, דאָס איז געוועזען „מען'ס" ערשטע אונטוגענד, אָה קאַמי, וועלכער בעלעקט זיך מיט דער וויסענשאַפֿט אַזוי ווי מיט אַ מאָרגען־טראַנק. וואָרים די נאַטור פֿון דעם מענשען איז געוועזען גוט. אָבער „מען" האָט אָנגעהויבען דערצעהלען, וואָס גוט איז, און פֿון דער רגע אָן האָט „מען" געהאַט אַזויפֿיעל טוגענדען, וויפֿיעל „מען" האָט קעפּ: אַ לעגיאָן, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אָה קאַמי, וואָס איהר זייט בעהאַווענט אין די אונבעגרייפֿליכסטע זאַכען. די מאַמע האָט ליעב געהאַט איהר קינד. רופֿט „מען" זיך אָב: „הערט, מאַמעס, איהר מוזט ליעבען אייערע קינדער!" פֿון דעמאָלט אָן, אַז אַ מוטער האָט שטאַרק ליעב געהאַט איהר קינד, האָט דאָס דאָזיגע קינד זיך גלייך געטראַכט: „נו, פֿערשטעהט זיך, דו מוזט דאָך, „מען" האָט דיר אָנגעזאָגט אַזוי צו טהאָן." עס איז געלעגען אין דער נאַטור, אַז הערצליכקייט איז אַרויסגעקומען פֿון דעם פֿערקעהר פֿון די געשלעכטער. דאָס איז

איך געווען דער פאַל ביי די געגז, וועלכע גיבען אינאיינעם אַבטונג אויף זייערע יונגע חברה. פערשטעהט זיך, ביי די געגז, איז עס אַזוי געבליבען, מחמת ס'איז ניט געווען קיינער, וואָס זאָל עס זיי פאָרשרייבען. הקיצור, אָה קאַמי, יואָס איהר זייט אַזוי ליעבענסווירדיג ווי אַן עהע־קאַמעראַד פון די בריהענרע געגז... מחשבות'ן, זייט איהר אַ בעווייבטער?

— ניין, מאַן פון אונגעצויגענער אָבשטאַמונג.

— ס'מאַכט גאָרניט אויס, קאַמי, וואָס איהר וואָלט אודאי געווען אַזוי ליעבענסווירדיג ווי דער זכר פון די געגז, ווען איהר זייט אין זיין לאַגע... די טוגענד איז פערשוואונדען נאָכדעם ווי מען האָט גענומען ריידען מכח דער טוגענד, אָקוראַט ווי די שטילקייט פערשווינדעט דורך אַ געשריי מכח דער שטילקייט.

„מען" האָט געמאַכט טוגענדען, וועלכע האָבען פערנומען דעם פלאַץ פון טוגענד. און די דאָזיגע פאַבריצירטע טוגענדען האבען זיך געביטען יעדען סעזאָן, יאָ יעדע וואָך. וואָס הייגט איז געווען טוגענד, איז מאָרגען געוואָרען אונטוגענד, און אומגעקעהרט. ווער עס וואָלט זיך היינט בעהאַנגען מיט דער פאַראַיאָהריגער טוגענד, וואָלט געווען אויסער דער־מאָדע און מען וואָלט איהם אָנגעקוקט ווי אַ פערקעהרט געבוירענעם. ווער ס'טהוט זיך אָן אין די טוגענד פון דער צוקונפט, ווערט אויסגעפייפט אַזוי ווי וואַגנערם מוזיק אין פאַריז. דער עיקר איז, מען זאָל אויף זיך אַרויפ־ציהען די טוגענדען פון טאָג. ווער ס'נעהמט זיך דאָס פאַר אַ מוסטער, דער איז מאָדערן, טוגענדהאַפט.

מיט לאַנגע יאָהרען צוריק, למשל, אָה קאַמי, וואָס איהר שיינקט אוועק זיידענע שטאָפען אַלם מתנות, מיט יאָהרען צוריק האָט מען געגלייבט אין יופיטער, ווענוס, וועסטאַ און נאָך אַזעלכע זאַכען... זומער־שטאָפען, געוועבט פון דיכטער אין דער פרייער לופט. צייטענווייז האָבען זיך גע־מאַכט שעהנע צייכנונגען אין די דאָזיגע וועבערייען, אָבער די פאַרב איז אָבגעקראָכען אין דער קעלט.

דערנאָך איז אַ צייט לאַנג נאָכאַנאַנד, אָנגעגאַנגען אַ מיש־מאַש פון אַלערליי אַנדערע גאָטעס־דיענסטען...

— איך פרעג אייך אויף „טוגענד", אָה מאַן, וואָס דו מישסט אַזוי אוים די זאַכען איינע מיט די אַנדערע... איך פרעג אויף טוגענד, און איהר דערצעהלט מיר גאָר וועגען „גאָטעסדיענסט"...

— איהר זייט גערעכט, קאַמי, פירסט אין דער קונסט פון איידעלער־אונטערשיידונג, ס'איז אמאָל וואו ניט וואו געווען אַ מין טוגענד, זיך אויפצועסען איינע די אַנדערע. „מען" איז געווען דאַגעגען און האָט געדרונ־

נען, אז פֿערברענען איז בעסער... מחמת פֿרעהליכקייט וועגען. וואָרים פֿייער גיט ליכט, אָה קאַמי, וואָס איהר זויגט איין אין זיך נאַטור־וויסענ־שאַפֿט אַזוי ווי אַ שוואָם, און ליכט ברייננגט מונטערקייט. „מען" האָט פֿער־ברענט יעדען איינעם, וואָס האָט געהאַט אַנדערע טוגענדען, איידער „מען" גופא. ענדליך זיינען די שטענדיגע אילומינאַציעס לאַנגווייליג געוואָרען — איהר קענט זיך משער זיין, וואָס דאָס איז אַזוינס געווען, אָה קאַמי, וואָס מען פֿיהרט אייך אַרום פֿערביי די שורות פֿון גאַז־פֿלאַמען אין פאַרק — הקיצור, די שטענדיגע אילומינאַציעס זיינען מיאוס ימאוס געוואָרען, האָט מען די לייט גענומען אָבהאַקען דעם קאָפּ, וואָס דאָס איז פֿאַר אַסך געווען אַ גאַנץ קנאַפּער שאָדען. נאָך שפּעטער האָט „מען" אויסגעטראַכט אַנ־דערע מיטלען, ווי אַזוי צו צווינגען צו „מען'ס" טוגענדען. „מען" האָט דערוואָרגען, דערשטיקט די פּאַציענטען, — און די ווערטער דערוואָרגען און דערשטיקט קען מען פֿערשטעהן אי בדרך משל, אי פשוטו כמשמעו, אין פראָסטען זינן פֿון וואָרט, הייסט עס. דאָס איז דער ביליגסטער וועג, וואָס „מען" האָט היינטיגע צייטען אָנגע־נומען.

— וואָס פֿאַר אַנדערע טוגענדען נאָך זיינען דען איצט אין דער מאָדע, אָה מאַן, וואָס איהר זייט אויף אַ ניט טוגענדליכען אופן געקומען אויף דער וועלט?

— איהר טרעפֿט וואָס צו פֿרעגען, אָה פֿאָרשענדער קאַמי, וואָס איהר ווילט וויסען וואָס עס טהוט זיך גאַנץ אונטען ביי מיר אין מיין געמיטה׳ אַזוי אַז עס געהט מיר איינפֿאַך אַריבער א שוידער איבער'ן לייב צו ריידען מיט אייך מכח דעם דאָזיגען ענין. ס'האָט זיך מיר ניט איינגעגעבען אויס־צוּאווייכען אייער שאַרפֿזיניגקייט, וועלכע דרינגט אַריין אין דער טיעפֿער טיעפֿעניש פֿון מיין נשמה, אָקוראַט ווי אַן אַקציזניק לאָזט זיך אַראָב אויף דעם סאַמע גרונד פֿון דעם קאַסע־קאַסטען. דאָך אָה, קאַמי, איידער איך לאָז זיך פֿונאַנדער איבער די היינטיגע טוגענדען, פֿאָדער איך פֿון אייך אַ שבועה, שווערט מיר, אַז...

— גוט, גוט, מיר שווערען. איך שווער, און קאַמי שווערט, און אויך דער קאַמי, וואָס זיצט דאָרט ביים עק, שווערט.

— איהר שווערט, אַז איהר וועט מיך נישט פֿערראַטהען?

— דאָס שווערען מיר אייך, איהר, וואָס איהר מאַכט אַזעלכע צערע־מאָניעס דורך אייער פֿערקעהרטער געבורט.

— הערט מיך אויס, קאַמי, וואָס שטעהט אַן דער שפּיצע פֿון דער ווייטער באָטשאַפֿט, און איהר, קאַמי, וואָס שטעהט אין מיטען, און איהר־

קאַמי, וואָס שטעהט ביים עק פֿון דער באַטשאַפֿט: פֿאַרהאַן אַצונד צוויי טוגענדען. זייערע נעמען זיינען צניעות און עהרליכקייט, און אַט די צוויי זיינען איינס, אָה קאַמי. און דער נאָמען פֿון דער דאָזיגער איינער טוגענד -- וועלכע איז צוויי — דער נאָמען פֿון דער דאָזיגער טוגענד...

— געה ווייטער, מאַן פֿון אַ מערקווירדיגער פֿאָרשטעלונג.

— דער נאָמען פֿון דער דאָזיגער טוגענד, אָה קאַמי... קענט איהר מיר נישט לייהען אַ פּאָר טויזענד טאַעלס?

— אונמעגליך, מיר האָבען אָקאָרשט אויסגעגעבען אונזער לעצטען טאַעל.

— דאַן סמייע איך ניט אייך צו זאָגען דעם נאָמען פֿון אָט דער איינער טוגענד, אָה קאַמי, מחמת איהר קענט נאָך מיינען אַז איך רוף אייך אונטוגענדהאַפֿט, ווייל איהר האָט אויסגעגעבען אייער לעצטען טאַעל.

— מיר וועלען עס ניט אָנפּאַסען אויף אונז. מיר יאַפּאַנער האָבען אונזער איינענע יאַפּאַנישע טוגענד. זאָג, מאַן, וועמעס זעלע איז קרום...

— דער נאָמען פֿון דער דאָזיגער טוגענד, אָה קאַמי...

דאָ איז אַריינגעקומען דער דיענער, וועלכער האָט געבראַכט די צייטונג.

— וואָלט איהר אפשר געוואָלט אונז פֿאַרלעזען די צייטונג און אונז ערקלעהרען וואָס דאָרט שטעהט, איהר פֿרעמדלינג אין אייער איינען געבורטס־לאַנד?

— מיט פֿערגניגען, טוגענדהאַפֿטער קאַמי.

— פֿאַרוואָס רופֿט איהר מיר עפּעס טוגענדהאַפֿט?

— קאַמי, איך האָב געזעהן, אַז דער דיענער, וועלכער האָט אייך געבראַכט די צייטונג, האָט אייך אין דערזעלבער צייט אייך דערלאַנגט אַ בריעף. דיזען בריעף האָט איהר געעפֿענט, און איך האָב בעמערקט, ווי די טוגענד האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט ביי אייך אויף׳ן געזיכט, בעת איהר האָט דאָרט ענטדעקט אַ וועקסעל, און איך האָב זיך געפֿרעהט מיט דער צופֿרידענהייט פֿון אייער זעלע. מחמת דעם האָב איך אייך גערופֿען טוגענדהאַפֿט.

— און די צניעות?

— די וועט ניט צוריקבלייבען, אָה קאַמי. מיט דעם וועקסעל אייערן... ווי גרויס איז ער?

— דרייצעהן טויזענד טאַעלס.

— מיט אייער וועקסעל קענט איהר צודעקען אַלע עבירות, אַלע אָבוייכונגען פֿון צוריקהאַלטונג, וועלבע מען וואָלט אייך פֿערדעכענט פֿאַר ניט צניעות'דיגע מעשים, ווען איהר דעקט זיי ניט צו מיט דעם וועקסעל אייערן. מיינט איהר, אָה קאַמי, וואָס איהר בעקומט אייערע טוגענדען צוגעשיקט אין וועקסלען דורך דער פּאָסט, — מיינט איהר מאַקי באמת'ן, אַז די האָלענדישע רעגירונג, וועלכע האָט זיך תמיד אויסגעצייכענט אין אַלערליי מאָדערנע טוגענדען, וואָלט אייך געליפֿערט אויסגעלאַסענע בילדער, ווען איהר וואָלט געווען אונטוגענדהאַפֿט גענוג ניט צו בעצאָהלען פֿאַר זיי מיט יאַפּאַנישען קופּער און מיט לאַקירט פּרעזענטיר־שאַכטלאַך? ניין קאַמי! דאָס וואָס עס וואָלט בעטראַכט געוואָרען פֿאַר געמיין, ווען עס טהוט עס אַ פּראָסטער חי וקים, אַן אָרעמער טייפֿעל, איז ביי די האָלענדער אין די אויגען געוואָרען עדעל, גרויס און צניעות'דיג, ווייבאַלד עס איז נור געקומען פֿון אַ רעגירונג, וועלכע איז אַזוי רייך אין לאַקירטער טוגענד ווי די יאַפּאַנישע, און נאָך מעהר, קאַמי... דאַרף איך אייך בעטען. איהר זאָלט אַריינחאַפּען אַהער דאָס דיענסט־מיידעל? און דעם דיענער אויך? אָבער איינעם נאָך'ן אַנדערן!

דער דיענער איז געקומען צוערשט, מחמת דאָס דיענסט־מיידעל האָט גענומען אַ לעקציאָן אין יאַפּאַניש.

— זאָג מיר אָקאָרשט, דיענער, ביסט דו טוגענדהאַפֿט?

— יאַ, מיין הערר, זעהר טוגענדעאַפֿט.

— איך וואָלט עס אסור געגלויבט אויף איהם, — האָבען זיך אָבגערופֿען אַלע קאַמיס מיט אַמאָל — ער זעהט ניט אויס ווי איינער, וואָס האָט היבשע וועקסלען ביי זיך אין טאַש.

— איין מאָמענט, אָה איהר אינטערעסאַנטע פֿרעמדע, וואָס איהר שטעהט צו הויך צו פֿעראַכטען דאָס קליינע, דאָס נידעריגע. פֿאַרהאַן גרויסע טוגענר און קליינע טוגענד. מיר דוכט, אַז מיר האָבען דאָ פֿאַר זיך אַ ביישפּיעל פֿון קליינער טוגענד. זאָג מיר אַקאָרשט, דו מיט טוגענדען געבענשטער איבער קנעכט און הערןן, — ביסט דו עהרליך?

— יאָ, מיין הערר, מחמת דאָס געוועהנט אַם לייגסטען. איך האָב דאָ זעקס גולדען די וואָך און פֿולע קעסט.

— אָט האָט איהר אייך די עהרליבקייט אין אַ פּראָסט־פּשיט'ער פֿאָרם, אָה קאַמי, אַזוי איינפֿאַך ווי דאָס לאָמפּען־שירעמעל, וואָס איהר טראָגט אויף'ן קאָפּ אָנשטאָט אַ הוט. דער מאַן בערעכענט... זאָג זשע מיר, דיענער, וויפֿיעל וואָלסט דו אַ שטייגער געקענט גנב'ענען, ווען דו ביסט ניט עהרליך?

— איינמאָל טאַקי גאַנצע טויזענד גולדען, מיין הערר. אָבער דאַן וואָלט איך געגאַנגען מיט'ן קאָפּ אין דר'ערד.

— ריכטיג, הערט זיך אַלזאָ גוט צו, אָה קאַמי. דער דאָזיגער מאַן פֿער'ענט זעקס גולדען די וואָך און „קעסט". לאָמיר זאָגען, ס'בעטרעפֿט פֿינף הונדערט גולדען אַ יאָהר. דורכשניטליך קען אַ משרת זיך האַלטען אויף די פּיס אַן ערך דרייסיג יאָהר צייט. די בעלוינונג פֿון דעם דאָזיגען מאַן'ס עהרליכקייט בעטרעפֿט אויף אַזאַ'ן אופן א קימא לן פֿון פֿופֿצעהן טויזענד גולדען. ס'איז אַלזאָ גאַנץ היינט־מאָדיש פֿון זיין זייט, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבען די דאָזיגע בעלוינונג, איידער די קליינע סומע, וואָס זיין אונעהרליכקייט וואָלט איהם געקענט איינברייינגען, שוין גאָר ניט צו ריידען מבח די צרות, וואָס ער וואָלט דורך איהר געקענט אַריינכאַפּען. איהר אַליין האָט געהערט, קאַמי, ווי ער האָט אין דער גאַנץ געוועהנליכער פֿאָלקס־שפּראַך געלויבט די עהרליכקייט, נאָר פּשוט דערפֿאַר ווייל זי „געוועהרט אַב ליינגסטען".

— דאָס איז ריכטיג, איהר שאַרפֿזיניגער פֿרעמדלינג. אָבער אַצונד וואָלטען מיר געוואָלט הערען עפּעס מכח דער אַנדערער העלפֿט פֿון אָט דער איינער טוגענד, וועלכע איז צוויי.

— דערצו האָב איך נייטיג דאָס מיידעל.

— פֿאַר דעם „קייזערשניט"?

— ניין, קאַמי, פֿון דער צניעות וועגען.

דער דיענער איז אַרויס, און דאָס דיענסט־מיידעל איז אַריין. זי איז געווען רויט פֿון דעם גאַנצען יאַפּאַניש, וואָס זי האָט נאָר וואָס בלומר'שט געלערענט.

— מיין הערר, ווילט איהר אַזוי גוט זיין פֿרעגען אָט די געלע הערר־רען, צו ס'איז אמת, אַז דער משרת זייערער האָט ווירקליך א גוט־געהענ־דעם געשעפֿט דאָרט אין זיין פֿאָטערלאַנד? און צי איך קען זיך פֿערלאָזען דערויף, אַז ער וועט זאָרגען פֿאַר מיר ווי געהעריג איז? וואָרים איך בין ניט אַזוי נאַריש ווי גרעטכען, וועלכע געהט איצט אַרום איבער די הייזער מיט איהר קינד, וואָס האָט קיין טאַטען ניט. ס'הויבט זיך גאָר נישט אָן! קודם כל מוז איך וויסען... וואָרים, פֿערשטעהט איהר מיך, מיין אָנשטענ־דיגקייט איז וואָס עס איז ווערט ביי מיר. און פֿערלירען אַ גוטען פּלאַץ, איידער איך בין זיכער, אַז איך וועל ניט מוזען אַרומלייפֿען ווי גרעטכען, וועלכע קען אין ערגעץ ניט אָנקומען, ווייל זי איז ניט קיין עהרליך מיידעל...

— גענוג, אָה דיענסטמויד, עהרליך מיידעל, דו קענסט געהן!—נאָר

זואָרט אָקאָרשט, איין וואָרט בלויז: וואו האַלט עס מיט אייער.אַ פּאַנז לעקציע?

— אָה, דאָס וואָלט געגאַנגען ו,י געשמירט, מיין הערר... ווען איך וואָלט נור געוואוסט, צו זיין קראָם דאָרט אין דערהיים געהט ווירקליך גוט, און אַז איך וועל ניט אַזוי ווי גרעטכען...

— און אייער האָלענדישע שטונדע?

— מיין הערר, ער האָט בלויז זעקס גולדען אַ וואָך און „קעסט". איהר פערשטעהט דאָך אַליזאָ, אַז איך וואָלט זעהר ניט געוואָלט שפּעטער אַזוי ווי גרעטכען...

— נו גענוג שוין, קענסט געהן צוריק צו דיינע לעקציאָנען, דו טוגענדהאַפטע דיענסט־מויד! — איהר האָט בעמערקט, קאַמי, ווי די דאָזיגע שטיבער־ריינינגענדע פּרויענצימער איז פּול מיט די מאָדערנע בוגענדען אָקוראַט ווי אַ האָלענדישע רעגירונג?

— גאַנץ ריכטיג, איהר בויכלאָזער אונטערזובער, וואָס איהר פרעסט אַרוים דעם אמת פון קנעכט און דיענסט־מיידלאַך. אָבער וואָס זשע, מוזט איהר דען אָננעהמען אָט די צוויי עקזעמפּליאַרען אַלס מוסטער פאַר דער גאַנצער וועלט?

— איך מיין, אַז יאָ, קאַמי. איהר האָט געהערט, ווי אַ פאָלקס־שפּריכוואָרט מעסט די עהרליכקייט מיט דער אייל, אָקוראַט ווי איהר מעסט די שטיקער זייד, וועלכע איהר גיט מיר ניט אַוועק אַלס געשיינק, און ווי אַזוי די טוגענד־ליעבענדע דיענסט־מויד קען ניט לערנען קיין יאַפּאַניש ביז וואַנען זי ווייסט ניט, צי האָט דער לעהרער איהרער ווירקליך אַ גוט־גע־הענדעס געשעפט דאָרט אין דערהיים. אַזוי, קאַמי, געהט עס איבעראַל. אין די העבערע קרייזען פון דער געזעלשאַפט איז מען ניט גוועהנט אָנצו־רופען די זאַכען אַזוי ביים רעכטען נאָמען, אָבער אין גרונד גענומען, בעשטעהט אַלצדינג אויף... געלד!

ווען איך, וואָס איך בין ניט טוגענדהאַפט, וואָלט געפונען אימיצען, וועלכער איז שוואַכער פון מיר, און איך וואָלט איהם געצוואונגען פאַר מיר צו אַרבייטען אָהן געצאָהלט, כדי אַליין צו לעבען ווי אַ פוילענצער פון די פריכטע פון זיינע הענד, דאַן וואָלט דאָס בעטראַכט געוואָרען פאַר אונ־עהרליך ביז דעם מאָמענט, ווען איך וואָלט געקענט מאַכען אייזענבאַהנען מיט דעם אָנגע'גנב'עטען געלד. דאָס קענט איהר וויסען, אָה קאַמי, וואָס איהר האָט געהאַט די כוחות און די געדולד בייצוואווינען די זיצונגען אין די קאַמערן, וועלכע רעפּרעזענטירען ניט דאָס האָלענדישע פאָלק.

ווען איך וואָלט אַשטיינער אימיצען געשלאָגען און געשמיסען, אָדער

איינגעשפּאַרט און געלאָזט אומקומען פֿאַר הונגער, דאַן וואָלט מען עס בעטראַכט פֿאַר אונטוגענדהאַפֿט, וואָרים מען וואָלט מיך געפֿרעגט, וויפֿיעל ריינעם פּראָפֿיט איך האָב דערפֿון געהאַט, וואָס איך וואָלט נישט געקענט אויפֿווייזען. אָבער אין האַאַג האָט איהר געזעהן, ווי די עהרליכסטע מע־נער פֿון זיביציג ערטער זיינען צופֿרידען מכח דער טוגענד פֿון אַ רעגירונג, וועלכע טהוט דאָך זעלבע און הויבט זיך גאָרנישט אָן שעהמען דערמיט. האָט איהר אין פּאַרלאַמענט געזעהן ווען עס איז רויט ווערען, אָה קאַמי, ווען מען האָט גערעדט מכח דעם ריינעם פּראָפֿיט, וואָס מען האָט דער־פֿון?

— ניין, איך מוז צוגעבען, אַז אַט די הערן האָבען אויסגעקוקט צו האָבען אַ רוהיגען געוויסען. עס זיינען געווען צווישען זיי אַזעלכע, וואָס האָבען געהאַט בייבער... אָה, געשוואָלען פֿון טוגענד!

— און וועלכע זיי שניידען קיינמאָל ניט אויף, אָה קאַמי, וואָס איז, כלעבען, אַ שאָד. און מיט דעם אַנדערן טהייל פֿון די היינטיגע טוגענדען, וועלכע זיינען צוויי און דאָך איינס, אויך דערמיט, קאַמי, זעהט עס אומע־טום אויס איינס און דאָס זעלבע. אָט שטעהט דאָ אין דער ציימונג:

פֿערהייראַט:

הערר יאַנסען
מיט
פֿריילין פּעטערסען.

פֿריילין פּעטערסען איז אַלוא פֿון איצט און ווייטער פֿרוי יאַנסען. דאָס הייסט: הערר יאַנסען האָט צוגעזאָגט פֿריילין פּעטערסען, אַז ער וועט זי ניט לאָזען אַרומלויפֿען אַזוי ווי גרעטכען. דאָס האָט ער פֿערשפּראָכען פֿאַר עדות אין שטאָדט־הויז. און ער האָט פֿערשריבען זיין נאָמען אין אַ בוך, וואו מען וועט שפּעטער קענען געננוי אויסגעפֿינען, ווער ס'איז דער־פֿאָטער פֿון פֿריילין פּעטערסען'ס קינדער, כדי צו וויסען אויף ריכטיג, ווע־ס'מוז בעצאָהלען שול־געלד און די קאָסטען פֿון פּאַקען־שטעלען.

אַשטייגער ווען פֿריילין פּעטערסען וואָלט געגאַנגען וואווינען אינאיינעם מיט הערר יאַנסען פֿאַר אָדער גאָר אָהן פֿערזיכערונג אין דעם בוך פֿון'ם שטאָדט־הויז, דאַן וואָלט מען עס פֿון איהר בעטראַכט פֿאַר אַ ניט־צניעת'־דיגע האַנדלונג. איהרע קינדערלאַך וואָלט מען דאַן גערופֿען „ניט עכט", אָדער נאַטירליך...

— און ווי הייסען די דאָזיגע קינדער אַצונד?

— אוננאַטירליך און עכט, אָה קאַמי, וועמעס גייסט וויל גאָרניט זאַט ווערען אַזוי ווי די רויב־גיעריגקייט פֿון אַ קריסטליכען שטאַאַט. אַצונד זיי־

נען די קינדער אַזוי איבערפֿילט מיט אוננאַטירליכקייט, אַז זיי זיינען עכּט. אָבער דער עיקר איז עס דאָ געגאַנגען מכח געלד. בעת הערר יאַנסען איז געפֿאַלען אויף די קניע, כּדי אויף אַן אַנשטענדיגען אופן איהר מיטצו־מהילען, אַז ער וואָלט איהר וועלען דערהויבען צו דער מוטער פֿון זיינע צוקינפֿטיגע קינדער, איז איהר גאַנצע צניעות אָבגעהאַנגען פֿון דער פֿראַגע, צי איז ער אים שטאַנד, זי אָבצוהיטען דערפֿון, אַז זי זאָל נים אַמאָל מוזען אַרומלויפֿען אַזוי ווי גרעטכען.

דער הערר יאַנסען האָט אַפּנים געמוזט האָבען אַ גוט געשעפֿט. ווען ער וואָלט דאָס דאָזיגע געשעפֿט ניט געהאַט און פֿריילין פעטערסען וואָלט אַשטיינער אויף זיין פֿאָרשלאַג נעענטפֿערט: „מיט פֿערגניגען!" אָדער: „ווי פֿריינדליך דאָס איז פֿון דיין זייט!" אָדער גאָר פשוט: „כ'וועל זיך אקאָרשט איבערלייגען"... דאַן וואָלט פֿריילין פעטערסען געווען גאַנץ נים־צניעות'־דיג. אַצונד איז זי טוגענדהאַפֿט, און זאָגאַר שטאָלץ מיט איהר טוגענד, וואָרים איהר זעהט דאָך, זי דערצעהלט די גאַנצע וועלט, אַז פֿון היינט און ווייטער וואוינט זי צוזאַמען מיט דעם הערר יאַנסען.

— ווער האָט ערפֿונדען די דאָזיגע טוגענד, אָדער איז מען וועגען דעם ניט איינשטימיג, אַזוי ווי מכח דער בוכדרוק־קונסט?

— ניט די דאָזיגע טוגענד און ניט די דאָזיגע קונסט זיינען ווען עס איז ערפֿונדען געוואָרען. די אומשטענדען האָבען געטריבען דערצו, מען זאָל אָנווענדען עפּעס, וואָס האָט עקזיסטירט, אָה קאַמי. די נויטווענ־דיגקייט פֿון אויפֿקלעהרונג האָט געטריבען צו אַ שנעלערער פֿערשפּרייטונג פֿון די געדאַנקען, און מען האָט דערצו אויסגעקליבען דאָס לאַנג־בעקאַנטע מיטעל פֿון דער דרוקעריי, וואָס איז פֿריהער בלויז דערפֿאַר ניט אָנגעווענ־דעט געוואָרען, ווייל די נויטווענדיגקייט איז נאָך ניט געווען גרויס גענוג, אַז זי זאָל קענען דעקען די קאָסטען דערפֿון.

און די צניעות, אָה קאַמי, וואָס איהר האָט נים גוט געטהאָן מיך אַראָבצופֿיהרען פֿון וועג,—די צניעות איז ניטאָ. ס'איז איינער פֿון די פֿילע אופֿנים, דורך וועלכע מען מאַכט פֿון דעם שפּאָרזאַמקייט אַ פּרינציפּ און פֿון דעם יקרות אין לעבענס־מיטלען אַ טוגענד.

אין אָנפֿאַנג, אָה קאַמי, זיינען אַלע קינדער געווען ניט־עכּט, און ס'איז קיינעם אויף'ן זיינען נישט אַרויף צו פֿעראַכטען אַ מיידעל, דערפֿאַר וואָס זי איז געוואָרען אַ מוטער. ס'וואָלט געווען אָקוראַט ווי מען וואָלט אַשטיינער געווען ברוגז אויף אַ בלום, דערפֿאַר וואָס זי האָט זיך פֿערמאָסטען אַריבערצוגעהן פֿון דעם קנאָספּען־צושטאַנד אין פֿולער בליהונג.

דאָס איז געבליבען אַזוי, ביז וואַנען ס'האָט אָנגעהויבען ווערען ווייניג נאָהרונג.

מען האָט געגעבען אָנצוהערען די יונגע מיידלאַך, אַז זיי מוזען זאָרגען פאַר די ערנעהרונג פון וויי‍ערע קינדער.

דאָס האָט זיי געטריבען דערצו, זיך אַפריהער נאָכצופרעגען, צי דער פאָטערשאַפט־קאַנדידאַט האָט זיין אייגענעם אַ גוט־געהענדעם געשעפט.

אַסך האָבען געזאָגט יאָ, און אָפטמאָל איז עס ווירקליך געווען אַזוי. אָבער עס זיינען אויך געווען אַזעלבע, וואָס ניט קוקענדיג דערויף האָבען זיי ניט געזאָרגט פאַר וויי‍ערע קינדער. זיי האָבען זיך געמאַכט אַזוי ווי זיי ווייסען גאָרנישט פון וואָס צו זאָגען, ווען דיזע אָדער יענע יונגע מוטער האָט זיי אויפגעפאָדערט, צו טהיילען מיט זיי דעם עול פון דער פאַמיליע.

כדי זיך צו בעוואָרענען אַנטקעגען דער דאָזיגער אָבלייקענונג, האָט מען בעשטימט, אַז פאָרלאך מוזען חתונה האָבען, און אַז יעדער איינער, וואָס וויל ווערען אַ פאָטער, מוז עס אַ פריהער ערקלעהרען. דעריין, אָה קאַמי, ליגט אַוודאי עטוואָס גוטעס. דאָך נישט גוט, איז דאָס, וואָס מען האָט דערמיט געלאָזט הערען, אַז אַ מיידעל, וואָס האָט אימיצען געגלייבט אויף'ן וואָרט, אָהן דער דאָזיגער עפּענטליכער ערקלעהרונג, איז ניט אַזוי בראַוו ווי אַן אַנדער מיידעל. העכסטענס וואָלט מען איהר געקענט בעשולדיגען אין אונפאָרזיכטיגקייט, מחמת זי האָט פערגעסען, אַז די הערצער פון די מענשען זיינען שלעכט, וואָס יעדער איינער האָט דאָך דאָס בעדאַרפט ווייסען.

איך האָב אייך געזאָגט, אַז אין אָנפאַנג איז דאָס אַנדערש געווען, אָה קאַמי. די ערפינדונג פון דעם וואָרט „צניעות"...

— איהר האָט געזאָגט, איין העלפט פון דער אַלגעמיינער טוגענד— וועלכע איז צוויי — איז ניט ערפונדען געוואָרען.

— און דאָס זאָג איך נאָך איצט אויך, אָה קאַמי, וואָס איהר זעהט רק האַלבע אַרבייט... די זאַך איז נישט ערפונדען, האָט ניט געקענט ערפונדען ווערען, ווייל זי עקזיסטירט ניט. נאָר דאָס וואָרט, צו בעצייכענען דאָס ניט עקזיסטירענדע, האָט מען אָנגעהויבען אָנווענדען, בעת מען האָט געדאַרפט האָבען אַ סטראַשידלע איבערצושרעקען די מענשען און זיי וואָרענען פאַר דער איינשרומפּונג פון די פאָרציאָנען, וואָס קען קומען דורך דעם וואוקס פון דער בעפעלקערונג. די נאַאיווע מיידלאַך גופא, וועלכע דערשרעקען זיך פאַר דעם קלאַנג פון דעם דאָזיגען וואָרט, ווייסען נישט, אַז אַמאָל איז זייער אונפאָרזיכטיגקייט גאָרנישט בעטראַכט געוואָרען פאַר אַ זינד. אָבער ביי אונז איז דאָס שוין פון גאַנץ לאַנג אָן, קאַמי. פאַרהאַן

ערטער, וואו ס'איז נאָך ביז גאָרניט לאַנג צוריק נים געוועזן די מינדעסטע שאַנדע צו זיין נאַטירליך*). זעהט, אָט האָב איך דאָ אַ ביבעלע, וואָס איז זעהר אינטערעסאַנט און פֿון וועלכען מען קען אַרויסזעהן, אַז מיט זעכציג יאָהר צוריק איז נאָך אין נאָרד־אַמעריקאַ די צ נ י ע ו ת, אין דעם זינן פֿון די ציוויליזירטע הונגערליידער, געוועזן אַן אומבעקאַנטע זאַך. „קיין שום אונפֿאָרזיכטיגקייט — אַזוי זאָגט אַן אַמעריקאַנער עלצטער — קען נים פֿער־טרייבען אַ פֿרוי פֿון איהרע עלטערן'ס הויז. ס'מאַכט נישט אויס וויפֿיעל קינדער זי ברייגגט אַריין אין הויז; זי איז צו יעדער צייט ווילקאָמען: „ד ע ר ק ע ס ע ל א י ז ש ט ע נ ד י ג א י ב ע ר'ן פֿ י י ע ר, ז י צ ו ע ר נ ע ה ר ע ן.“ איהר זעהט שוין, אָה קאַמי, די גאַנצע צניעות ליגט אין קעסעל. נעהמט אַוועק דעם דאָזיגען קעסעל, און איהר וועט גלייך זעהן, ווי די עלטערן וועלען מאַכען אַ וו א ר ט. וואָס זאָל בעדייטען אַ פֿלוך געגען דאָס מיידעל, וואָס ברייגגט אַריין אין הויז אַן עופֿה'לע אָהן אַ פֿערשריבענעם פֿאָטער.

— דיינקען די רויט־הויטיגע נאָך איצט אויך אַזוי?

— כ'מיין, אַז ניט, קאַמי מיט'ן געלען פנים. כ'מיין, די ווייסע אַמע־ריקאַנער האָבען אַוודאי געמוזט אָבנעהמען ביי זיי די קעסלען און זיי גע־געבען אָנשטאָט דעם עטליכע נייע־ערפֿינדענע ווערטער מ כ ח טוגענד. ווען אַ מיידעל האָט איצט אַ קינד, וואָס איז געקומען אויף דער וועלט דורך אַן איבערמאָס פֿון נאַטירליכקייט, וועט זי עס זיכער טויטען, ווי ס'איז דער מנהג אין ציוויליזירטע לענדער. גיט אַקאָרשט אַ קוק אַהער, אָה קאַמי, וואָס איהר האָט אַזוי שטאַרק בעגעהרט צו שעפּען בילדונג פֿון דער צייטונג. „אין דער „פּרינצענגראַכט' האָט מען היינט אין דער פֿריה געפֿונען דעם טויטען קערפּער פֿון אַ ניי־געבוירען קינד.“ דאָס אָדער עהנליכעס לייענט מען וויינגסטענס אַלע וואָך, און אַז מען בערעכענט וויפֿיעל ניי־געבוירענע קינדער ס'ווערען נ י ט געפֿונען, וועלכע זיינען פונדעסטוועגען פונקט אַזוי אונליעב בעהאַנדעלט געוואָרען ווי דאָס אָרים עופֿה'לע אין דער שטינקענדער „פּרינצענגראַכט“, דאַן, אָה קאַמי, בעדויערט מען, וואָס זיינען אויסגעפֿונען געוואָרען אַזעלכע ווערטער א י ב ע ר טוגענד, און מען איז מקנא די אַמעריקאַנער פֿאַר זייערע קעסלען, וואָס הייגענדיג שטענדיג איבער'ן פֿייער, האָבען זיי ערלויבט דעם מענשען צו זיין אַ מ ע נ ש אָנשטאָט טוגענדהאַפֿט.

*) איך בין געוועזן אין לענדער, וואו קינדער-מאָרד מחמת שאַנדע איז אַן אומבע־קאַנטע זאַך. און איך האָב געזעהן, ווי אָט די אַרויפֿגעצוואונגענע שאַנדע אין די מאָדערנע, וואָס קומען דערפֿון אַרויס, ווערן איינגעפֿיהרט און וואַקסען אינאיינעם מיט'ן קיוויליזאַציע.

— אָבער־ וואָס איז די בעלוינונג פֿאַר אַזאַ מין טוגענדליכקייט? — האָט קאַמי געפֿרעגט.

— גאָרניכט, קאַמי, און טאַקי ווידער מחמת דעם געלד. עלטערן, געזעצגעבער און קעניגע בעגרייפֿען זעהר גוט, אַז די בעלוינונג פֿאַר דער טוגענד וואָלט געקאָסט פונקט אַזוי טהייער, ווי דאָס טראָגען די פֿאָלגען פֿון דעם געגענטהייל, מחמת דעם האָט מען אויסגעפֿונען עטוואָס — שוין ווידער אַ וואָרט, אָה קאַמי—נאָר זאָגט מיר פֿאָרט, האָט איהר געלייענט מיינע „אידעען"?

— בנאמנות אַז ניט, מיר האָבען אונזערע לעהרער אין יעדראָ גע־מוזט צוזאָגען, אַז מיר וועלען ניט לייענען אַזעלכע זאַכען.

— דאַן קענט איהר ניט וויסען, וואָס איך האָב געזאָגט אין נומער 88 פֿון די „אידעען": ווערטער רעגירען איבער דער וועלט, קאַמי. אַזאַ מין וואָרט אַלזאָ האָט מען אויך אויסגעפֿונען אָנשטאָט אַ קעסעל איבער'ן פֿייער, אַלס אַ בעלוינונג פֿאַר דער טוגענד. ווען אייער דיענסטמיידעל בלייבט אַ כשר'ע צנועה איהר לעבען לאַנג, ווען דער דיענער פֿון אייער האָטעל זאָל זיך אפילו עלטערן מיט זיין עהרליכקייט, וועט מען זיי פֿונדעסטוועגען, אַזוי גיך ווי זיי וועלען שוין מעהר ניט קענען אַרבייטען, לאָזען לויפֿען, אָקוראַט ווי גרעטכען, וועלכע האָט ניט געהאַט קיין ברעקעל טוגענד אין זיך, אָדער ווי אימיצען, וואָס איז געווען דום גענוג צו קריגען בויזענד גולדען מיט איין קלאַפּ — און דערצו נאָך אפשר געברענטע צרות אייך — אָנשטאָט צו זיין פֿערזאָרגט מיט דרייסיג יאָהר „קעסט". נאָר דער אונטערשיעד הויבט זיך ערשט אָן נאָך'ן טויט. דאַן, „זאָגט מען", קומען אָט די שלעכטע אייס־רעכנער און גרעטכען אונטען און די אַנדערע אויבען. צי ס'איז אמת, זוויים איך ניט. און זיי, וועלכע טהיילען אוים די פלעצער, וויסען עס אייגענטליך אויך ניט. נאָך מעהר, זיי אַליין גלויבען ניט אין דעם.

— ווי קענט איהר וויסען, אַז זיי גלויבען ניט אין דעם?

— קאַמי, אַמאָל איז אין טהעאַטער געזעסען אַ מאַן, וועלכער האָט געוואָלט זעהן דאָס שטיק, וואָס מען האָט געשפּיעלט. אָבער ס'איז איהם אונמעגליך געווען, מחמת דאָרט זיינען געווען אַזוי פֿיעל מענשען, וועלכע זיינען געקומען פֿאַר איהם און האָבען איהם פֿערשטעלט די ביהנע. ער האָט זעהר גערן געוואָלט מאַכען פלאַץ פֿאַר זיך, כדי צו קענען בעסער זעהן און אין דערזעלבער צייט ניט אָבגעבען דעם אָרט זיינעם, וועלכער איז גראָד געווען ווי צוגעמאָסטען פֿאַר איהם, ווען עס וואָלט נור געווען אַביסעל גראַמער אָרום איהם.

וואָס האָט ער געזאָלט טהאָן, קאַמי? ער האָט אויסגעטראַכט אַ

וואָרט, אַזוי צו זאָגען: „נאָך דעם דאָזיגען שוישפּיעל ווערט אויפגעפיהרט אסך אַ שעהנער שטיק ווער עס וועט אַלזאָ בלייבען דאָ אויף זיין פּלאַץ, וועט דאָס שעהנערע שטיק נים זעהן. נאָר ווער עס שטעהט גלייך אויף׳ן שטעל אויף און געהט אַוועק, דער וועט קענען זעהן דאָס שטיק.״

אַסך האָבען איהם געגלויבט און פֿערלאָזען זייערע פּלעצער.

— און ער אַליין?

— קאַמי, מיט הענד און פֿיס האָט זיך דער מאַן פֿעסט אָנגעהאַלטען אָן זיין פּלאַץ. ער האָט מורא געהאַט, ער זאָל נים אַוועקגעשלעפּט ווערען פֿון דער מאַסע, וועלכע האָט איהם געגלויבט און איז אַנטלאָפֿען פֿון דעם שטיק, וואָס איז געגעבען געוואָרען, אום צו קריגען אַ צוטרים צו דער פֿאָרשטעלונג, וועלכע האָט געזאָלט קומען. מיר דוכט, דערפֿון קען מען אַרויסזעהן, אַז דער דאָזיגער מאַן האָט אַליין נישט געגלויבט אין זיין אייגען וואָרט.

און דערפֿאַר, אָה קאַמי, וואָס איהר פֿערשטעהט, ווי אַזוי איבערצוגיסען אַ משל אין פּראָסט פשוט׳ער שפּראַך, דערפֿאַר גלויב איך נים אין׳ם וואָרט פֿון די, וועלכע בעצאָהלען פֿאַר די „מעשים טובים״, די טוגענדען, וואָס זיי פּריידיגען, מיט אַ מטבע, וועלכע קאָסט גאָרנישט. און דערפֿון זעהט איהר אויך אויף דאָס ניי, ווי אַזוי דער גלויבען אין גאָט, וועלכער שרייבט פֿאָר אַלערליי טוגענדען, איז אייגענטליך קיין אַנדער זאַך נים נאָר אַן אָנווייזונג אויף אַן אונבעקאַנטען קאַסירער, ביי וועמען קיינער קען קיין דין וחשבון נים אָבנעהמען. אויך דאָס וואָרט גלויבען איז אַן ערפֿינדונג פֿון דער שפּאָרזאַמקייט, אָה קאַמי, וואָס איהר האָט דאָך שוין אַוודאי געמוזט בעמערקען, ווי אַ קריסטליכער בעטלער באָט אייך אָן מיט זיין „גאָט וועט אייך טויזענד מאָהל בעצאָהלען״ 99900 פּראָצענט פּראָפֿיט פֿאַר דעם סענט, וואָס ער פֿערלאַנגט פֿון אייך.

— פֿאַרהאַן דאָ אין לאַנד עפּעס אַסך, וואָס דיינקען אַזוי ווי איהר?

— כ׳האָב אייך שוין געזאָגט, אָה קאַמי, אַז איך בין פֿערקעהרט געבוירען און איך בין אַלזאָ אַן אויסנאַהם. נאָר אָט די פֿערקעהרטקייט ווייזט זיך מעהר אַרויס אין ריידען איידער אין דיינקען. אַזוי גיך ווי די מאָדע פֿון די טוגענדען, וועלכע ברייננגען געלד און קאַכטען ווייניג, וועט זיך נור אָנהויבען בייטען, וועלען זעהר אַסך בעהויפּטען, אַז זיי זיינען פּונקט מיט מיין מיינונג. נאָר אַצונד שווייגען זיי, אָקוראַט ווי זיי וואָלטען געגלויבט דעם מאַן, וועלכער האַלט זיך פֿעסט אָן זיין פּלאַץ.

— און זיי שטעהען אויף?

— וואָס איך קען איינפאַלען, קאַמי! אויך זיי האַלטען זיך פּעסט אָן, און געפינען עס גאָרנישט אונאַנגענעהם, וואָס מען האָט אַרויסגערעדט א וואָרט, ווען וועט זיי שאַפען פּלאַץ. מחמת דעם פרעהען זיי זיך אַזוי מיט דעם איבּגעשפּראָכענעם וואָרט, כאָטש זיי ווייסען פונקט אַזוי גוט ווי איך, אַז עס איז פאַלש.

— און די אָרעמע גלויביגע, וועלכע זיינען אויפגעשטאַנען און אַוועק־געגאַנגען, כדי שפּעטער צוריקצוקומען?

— וואַהרשיינליך וועלען זיי געפינען א פערשלאָסענעם טויער, אָה טיעף־פּאָרשענדער קאַמי. אָדער בעסער, איך מיין גאָר, אַז זיי וועלען איבערהויפּט ניט האָבען די געלעגענהייט צוריקצוקומען.

— און וואָס זשע, אייערע געזעצגעבער געפינען עס פאַר גוט אַזוי צו בעשווינדלען די לייכט־גלויביגע מיט פאַלשע ווערטער?

— פערשטעהט זיך, קאַמי. זיי הייסען גאָר, דאָס פאָלק זאָל צאָהלען שטייערן, כדי צו דערהאַלטען ביים לעבען די מענשען, וועלכע ריידען אַזעלכע ווערטער. נאָט, גיט אַ קוק אין דער צייטונג דעם בעריכט פון דער זיצונג, וועלכע...

— אום גאָטעס ווילען, איהר פערגעסט, אַז מיר זיינען אַליין געווען אויף דער זיצונג...

— ס'איז אמת, זעהר געדולדיגער קאַמי... ווי זאָגט מען עס: מען שמייסט ניט צוויי מאָל פאַר דעמזעלבען חטא!... איהר ווילט אַלזאָ הײנט ליעבער נישט הערען, וואָס אין דער צייטונג שטעהט?

— אַן אַנדערס מאָל! אַצונד וועלען מיר געהן אָנקוקען איינע פון די הויגע מערקווירדיגקייטען... אַ דיאַמאַנטען־שלייפערייע אָדער אַ פינדעל־הויז.

— איך האָב אייך שוין געזאָגט, קאַמי, אַז דאָ וואַרפט מען די נייע־געבאָרענע קינדער אין וואַסער אַריין, פון אייער שאַרפזיניגקייט וואָלט איך ערוואַרטעט, אַז איצט, ווען איהר געפינט זיך אין אַזאַ טוגענדהאַפטען לאַנד, זאָלט איהר נישט אין זינען האָבען קיין פינדעל־הייזער, וועלכע פערדאַרבען דאָך בלויז די מדות, די זיטען פון די מענשען.

— וואָס רופט איהר זיטען?

— זיטען זיינען אַזעלכע מוסטער־צייכנונגען, אויף וועלכע ס'שטעהען אויסגעמאָהלט די סאַמע לעצטע, די מאָדערנע טוגענדען, דער קופערנער מאָדעל פון דעם האַרצען.

— ווער מאַכט זיי?

— דאָס איז אַ געהיימניס, קאַמי. נאָר פֿאָלגען מוז מען זיי, אַניט ווערט מען בעטראכט פֿאַר אונגערצויגען און פֿערקעהרט געבוירען. האָט איהר שוין זעהן עס איז געזעהן אימיצען, וואָס האָט געהאַט אַ הויקער?

— זעהר אָפֿט, דער עיקר דאָ אין לאַנד.

— נו אַלזאָ, אַ מיבטיגער שניידער ווייסט ווי אַזוי אַזאַ מין הויקער איינצוגלייכען מיט וואַטען און פֿישביין, אַזוי אַז ער זאָל כמעט אין גאַנצען גיט זיין קענטיג. ווער ס'האָט אַלזאָ אַ הויקער אין דער נשמה...

— אויף דער נשמה, — האָט דער דאָלמעטשער געזאָגט.

— אויף דער נשמה, קאַמי, וואָס איהר זייט אַזוי פינקטליך אין ווערטער. ווער עס האָט אַלזאָ אַזאַ מין הויקערדיגע נשמה, דער אַבאָנירט זיך אויף דער אָדער יענער זיטען־לעהרע, וועלכע גיט אויך אין דערזעלבער צייט אָן די אַדרעסען, וואו מען קען קויפֿען וואַטע און פֿישביין. מחמת אי דעם דאָזיגען געשעפֿט געהט אָן אַ גרויסע קאָנקורענץ.

— וועלכע וואַטע איז די בעסטע?

— דאָס ווענדעט זיך אָן דעם גלויבען, קאַמי.

— וואָס איז דאָס אַזוינס?

— דער גלויבען איז דעם פֿערשטאַנד'ס פּריווילעגיע תפיסה.

— מיינט איהר דערמיט צו זאָגען, אַז די מענשען וואָס גלויבען, האָבען נים קיין שכל?

— ניין, דאָס ניט, וואָרים דאַן וואָלט ניט געווען וואָס איינצושפּאַרען. אדרבה, דער פֿערשטאַנד זייערער ווייזט זיך ערשט ריכטיג אַרויס, אַזוי גיך ווי זיי האָבען אַן אינטערעס אין דער זאַך. ס'איז כדומה למשל אַזוי, אָה קאַמי: ווען איהר שיקט אַשטייגער אַריבער אַ דיענער צום געלד־הענדלער דאָרט אין זיין קאַנטאָר מיט אַזאַ מין שליחות: „אַ קאָמפּלימענט פֿון קאַמי, און קאַמי בעט אייך, איהר זאָלט איהם געבען געוויסע שטאַאַטס־פּאַפּירען", דאַן וועט דער דאָזיגער געלד־וועקסלער צוריקשיקען אייער קנעכט מיט דער בּיטע, איהר זאָלט איהם אַזוי גוט זיין שיקען אַ בעווייז, אַז ער קומטווירקליך פֿון אייך. דאָס איז דאָך אַ סימן, אַז אַזאַ מין געלד־מאַן האָט ווירקליך שכל. נאָר אַזוי גיך, ווי אימיצער קומט און דערצעהלט, אַז ער איז געשיקט פֿון גאָט, כדי צו ראַטעווען זיין נשמה, דאַן שפּאַרט ער איין דעם דאָזיגען פֿערשטאַנד זיינעם אין תפיסה און בעצאָהלט גאַנץ ווייניג פֿאַר די וואַטע און מאַבער־לוין, ניט פֿרעגענדיג, צי האָט דער שליח וואָס צו ווייזען, אַז ער איז ניט קיין שווינדלער.

און אַצונד, קאַמי, נעהם איך אָבשיעד... איך וויל שרייבען „אידעען". קומט איהר קיין אַמסטערדאַם ?

— אַך... יאָ!

— דאַן! האָף איך אייך ווידערצוטרעפען אין זאָאַלאָגישען גאָרטען... אין פּאַרק... ביי דער אָדער יענער אויסשטעלונג פון האָלענדישער קולטור.

אַדיע, קאַמי, גיט אַקאָרשט גוט אַכטונג אויף אייער בויך!

— אַדיע, מאַן פון פערקעהרטער געבורט, סטאַרעט זיך צו קריגען איינעם!

— ס'איז נישט ווערטה די מיה, קאַמי.

דער בריקעל.

עס איז געווען ווינטער־צייט. איבער דעם איינגעפראָרענעם ברייטען קאַנאַל זיינען לעבעדיג אַרומגעפלויגען די גליטשערס. דער אייז האָט זיך אויסגעשפרייט אין איין הויך מיט דער גאַס, און עס איז געווען זעהר בעקוועם, אַריבערצוקומען פון דער גאַס אויף'ן גליטש און פערקעהרט.

פלוצים דערזעה איך, אַז אַ קורצער בריקעל האָט זיך אַריבערגע־וואָרפען פון ברעג צום גליטש. אַ ברייטער פאַס אייז האָט זיך אויפגעריסען און אָבגעדעקט אַ מורא'דיגען תהום, — נעכטען איז עס נאָך ניט געווען. יעדער אַריבערגעהער האָט געמוזט בעצאָהלען אַ מטבעה דעם מאַן, וועלכער האָט דעם בריקעל צוגעמייסטערט. „צוליעב דעם, פלעגט דער ניי־אויפגעקומענער קאַסירער פריינדליך דערקלעהרען, כדי די לייט זאָלען חלילה ניט אַריינפאַלען אין תהום". זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען פערשטאַנען דעם קונץ, און פלעגען מיט אַ שמייכעל אָבענטפערן:

— גיכער האָסטו מיט אַ כיון דעם אייז אויפגעריסען, כדי אַ בריקעל צו בויען!

די געזעלשאַפט איז איבערפילט מיט אַזעלכע תהום'ען און מייסטענס איז זייער אייגענטליכער צוועק אויפצוהאַלטען אַ וועלכען עס איז „בריקענבויער".

וואָס וואָלטען אָנגעהויבען די שוהל־לעהרער צו טהאָן, ווען דאָס שריי־בען וואָלט געווען אַזוי איינפאַך און אָהן קונצען, ווי דאָס רעדען פון אַן אמת־געבילדעטען מענשען?

און וואו וואָלטען אַהינגעקומען די סאָלדאַטען, ווען אַלע וואָלטען אָנ־געהויבען צו פערשטעהן, אַז דאָס קלענסטע פאָלק איז מעכטיגער, איידער די גרעסטע אַרמעע?

און וואו וואָלטען זיך אַהינגעטהאָן די אַדוואָקאַטען, ווען מיר וואָלטען ניט געהאַט קיין געזעצנעבער, וועמעס בערוף איז צו פערטונקלען צוויי־דייטיגע גערדאַנקען מיט נאָך צווידייטיגערע אויסדריקע?

און אויף וואָס וואָלטען געטויגט די גלחים און רבנים, ווען יעדער מאַן וואָלט בעגריפען, אַז זיין רעליגיאָן איז דער געזעץ פון זיין אייגענעם האַרצען?

און ענדליך אויף וועלכע קלאָגען וואָלטען מיר געדאַרפט די מוסר־פרעדיגער, ווען מיר וואָלטען זיך אויסגעלערנט צו געפינען די מוסטערן פאַר אַ מאָראַלישע פיהרונג אין דער נאַטור גופא?

אָה, וויפיעל אַזעלכע „בריקענבויערס" פערנעהמען אַן אומזיסטיגען פלאַץ אויף דער וועלט!...

ברעזאָס.

ברעזאָס האָט געלעבט אין בעאָטיען, אַלס אויבערער אין אַ קליין דערפֿעל, וואָס זיין נאָמען איז שוין לאַנג פֿערגעסען. עס איז שווער צו זאָ- גען, ווי אַזוי ער, אַ געבירטיגער פֿון אַטהען און אַ קרוב פֿון אַלקי- ביאַד'ען, איז געקומען דערצו, צו בעזעצען זיך אין בעאָטיען.

אַלס גוטער מאַן, האָט ער מיט אַלעמען געלעבט בשלום. ער פֿלעגט זאָרגען נאָך זיינע קרעפֿטען פֿאַר דאָס וואָהלזיין פֿון דעם דערפֿעל, און די פֿרייע שטונדען פֿלעגט ער ווידמען דעם שפיעלען אויף דער האַרף. ער איז ניט געוועזען איינגענומען פֿון זיך, און פֿלעגט קיינעם ניט דערעסען מיט זיין שפיעל.

דאַרף זיך מאַכען, אַז רויבער בעפֿאַלען די איינוואוינער פֿון זיין דער- פֿעל און בעגעהען גוואַלד-טהאַטען. הויבט ער זיך אויף און וויל זיי פֿער- טרייבען. גיט מען איהם אָנצוהערענים, אַז ער סמייעט עס ניט צו טהאָן, דען זיי שטעהען אונטער דעם שוטץ פֿון דער הויכער מאַכט.

ברעזאָס'ען שיינט עס צו זיין זעהר אונוואַהרשיינליך, ער פֿיהרט דעם קאַמפף פֿאָרווערטס, און ווייל די מערדער זיינען געוועזען פֿיעל, שיקט ער אין די הויפט-שטאָדט טהעבען אַ שליח נאָך הילף.

אַנשטאָט צו שיקען הילף, ענטפֿערט מען איהם, אַז ער איז אונווירדיג און אונפֿעהיג צו פֿערנעהמען אַ וועלכע עס איז שטעלע אין בעאָטיען. אַנטקעגען די לעצטע בעשולדיגונג מאַכט ער קיין טענות ניט, דערמאָהנט זיינע דאָרפֿס-לייט צו געדולד, און אַליין מיט זיין ווייב און קינד לאָזט ער זיך אין וועג נאָך דער הויפט-שטאָדט. פֿון זיינע זאַכען נעהמט ער נאָר מיט זיין האַרף. און באַלד נאָכדעם האָט זיך אין זיין וואוינונג אַריינגע- צויגען אַן אַנדער אויבערער, וועלכער איז, ווי עס שיינט, געוועזען מעהר ווערטה אין די אויגען פֿון דער הויפט-רעגירונג, איידער ברעזאָס, און וועלכער איז נאָך אַלע סמנים געשטאַנען אין גאַנץ נאָהענטע בעציהונגען צו די זעלבע רויבער, וועלכע זיין נאַרישער פֿאָרגענגער האָט געזוכט צו פֿעריאָגען. וויינינגסטענס, דאָס בעקלאָגען זיך אויף די רויבערייען האָבען מיט אַמאָל אויפֿגעהערט, כאָטש די רויבער האָבען זיך געטהאָן זייערס.

נאָך פֿיעל מיה האָט עס דעם ברעזאָס געלונגען אַריינצודרינגען אין אַרעאָפאַג—אין בעאָטישען פאַרלאַמענט—אום דאָרט צו געבען אויפֿקלעה- רונג איבער דעם, וואָס האָט פאַסירט. צולעצט האָט ער נאָך אָנגעוויזען אויף זיין פֿאַמיליע, וואָס קומט אום פֿון עלענד. דאָס גאַנצע געשעהעניס האָט ער געהאַלטען פֿאַר אַ מיספֿערשטענדניס, — קענטיג אַן אויסלענדער מיט פֿערקעהרטע געדאַנקען וועגען די מנהגים אין בעאָטיען.

דער אַרעאָפּאַג שווייגט, אָקוראַט ווי גאָרנישט! ברעזאָס בערוהיגט זיין פּריו,—וואָס איז איינענטליך געווען גאָר איבריג — און אַליין טרייסט ער זיך מיט דעם שפּיעלען אויף דער האַרף. דאָס שפּיעלען איז ביי איהם געוואָרען אַ נויטוועגדיגקייט. איהם פּלעגט זיך איינגעבען אַרויסצובעקומען טענער, וואָס האָבען זעהר געשטימט מיט זיין ביטערען געמיטה. קיין גרויסער קינסטלער איז ער אפילו ניט געווען, אָבער אום שפּיעלען פון אַ פּאַטער, וואָס זעהט פאַר זיך זיינע שמאַכטענדע קינדער, הערט זיך אַ זאָנדערבאַרע טרויעריגקייט. און דערפאַר טאַקע האָט מען זיך גערן צוגעהערט צו זיין שפּיעל. די שניידענדע טענער האָבען גערייצט א גראָבען געהער, און מענשען מיט אַ גראָבען געהער איז אין בעאַטיען אַפּולע געווען.

אַז ברעזאָס פלעגט דערהערען אַ שעפּטשען: „וואונדערבאַר!", פּלעגען זיך ביי איהם אַראָבלאָזען די הענד, און טרעהרען פלעגען זיך אַרויס־גנב'ען פון זיינע אויגען. עס האָט איהם געמוטשעט דער געדאַנק, אַז דעם אונפּערהאָפּטען לויב האָט ער זיך דערדיענט מיט אַ צו טהייערען פרייז: מיט די ליידען פון זיינע קינדער. ער האָט ניט געטאָרט שפּיעלען, אַז עס זאָל געפעלען, און איבערהויפּט ניט שפּיעלען, ווי ער שפּיעלט. ער פלעגט פּערגלייכען זיין האַרץ מיט די סטרונעס פון זיין האַרף, וועלכע מוזען זיין שטאַרק אָנגעשפּאַנט, אום זיי זאָלען קענען קלינגען, אַזוי שטאַרק, אַז זיי קענען שיער פּלאַצען, ניט צופריעדענשטעלענדיג דעם צוהערער. „צו פיהלען דען די סטרונעס אַזוי ווי איך?" פלעגט ער אָפּט טראַכטען.

און דאָך פלעגט ער וועגן ניט ווען שפּיעלען, — און זיין פאַמיליע האָט אַלץ געהונגערט.

און ניט איינמאָל האָט ער זיך געווענדעט צום אַרעאָפּאַג. ענדליך האָט ער בעקומען דעם פאָלגענדעם בעשלוס: „דער אַרעאָפּאַג, אויסהערענדיג די קלאָגע פון דעם געוועזענעם אויבערער ברעזאָס אויף די רויבערייען אין דעם דאָרף א. ז. וו.; נעהמענדיג אין אַנבעטראַכט די ערקלעהרונגען פון דעם אויבענדערמאָהנטען ברעזאָס איבער דעם, וואָס ער און זיין פאַמיליע געפינען זיך אין גרעסטער נויט צוליעב אַ מיספערשטענדניס, וואָס האָט בעוועגט דעם מאַגיסטראַט פון טהעבען צו שטעלען זיך אויף די זייט פון די רויבער א. ז. וו.; שטיצענדיג זיך אויף די מיטטיילונגען פון פיעלע עדות, וואָס האָבען געהערט דעם אויבענדערמאָהנטען ברעזאָס שפּיעלען אויף אַ האַרף, — אין נאָמען פון געזעץ פעראורטיילען מיר דעם דאָזיגען ברעזאָס צו שפּיעלען אויף דער האַרף און צו בעצאָהלען די געריכטס־קאָסטען...

דער אַרעאָפּאַג איז געווען אַ פערקויפטער, גערופען האָט ער זיך...
ניעדערלאַנדען.

די ציוויליזאציאָן.

פֿאַר דעם קליינעם הייזעל פֿון אַן אַפֿריקאַנער נעגער שטעהט אַ גרויסער, שטאַרקער מאַן, וועלכער איז בעוואָפֿענט מיט אַ לאַנגען ביקס, אַ שאַרפֿען שווערט און אַ האַלבען דוצענד רעוואָלווערס, און גיט אַ קלאַפּ.

„ווער בינסטו, און וואָס ווילסטו פֿון מיר?" פֿרעגט איהם דער נעגער, אַרויסשטעקענדיג דעם קאָפּ דורך אַ קליינע לאָך אין דער וואַנד.

„מיין נאָמען איז „קריסטליכע ציוויליזאַציאָן". פֿאַרשטעהסטו מיר, דו שוואַרצער שופֿט? שטעל מיר ניט אַזעלכע נאַרישע פֿראַגען! איך בין געקומען, דיר צו ציוויליזירען, דו עקעלהאַפֿטע, שוואַרצע חיה. אַן אַנשטענדיגען מענשען וויל איך מאַכען פֿון דיר, דו גראָבער יונג, דו. פֿאָרווערטס, דו גנב! עפֿען אויף די טהיר; ווען ניט, וועל איך דיר אַריינשיסען איין קויל אין דיין שוואַרצען בויך!"

„דו ביסט געקומען מיר צו ציוויליזירען? ווי אַזוי ווילסטו דאָס מאַכען?"

„ווי איך וועל דאָס מאַכען? צוערשט מוזטו דיר אָנקליידען ווי אַ ווייסער מענש. שעהמסטו דיר גאָר ניט, דו געפֿעהרליכער חזיר, דו? אַרום צו לויפֿען נאַקעט פֿאַר דער גאַנצער וועלט! פֿון יעצט אָן און ווייטער מוזטו טראָגען אַ פאָר אונטערהויזען, אַ העמד, אַ שטייפֿען קאָלנער, אַ שניפּס, אַ פאָר געלע שיך, אַ צעלענדער־הוט און אַ פאָר הענדשקעסי האָסטו מיר פֿערשטאַנען, דו שופֿט? די אַלע זאַכען קענסטו בעקומען ביי מיר; פֿערשטעהט זיך, פֿאַר געלד."

„אָבער וואָס זאָל איך דען מאַכען מיט די אַלע שמאַטעס?"

„ריינע און גוטע קליידער זיינען די ערשטע צייכען פֿון דער ציוויליזאַציאָן."

„אָבער ביי אונז איז די היץ צו שרעקליך; איך וואָלט פֿערברענט געוואָרען אין דיזע קליידער."

„דאָס מאַכט ניט אויס, דו שוואַרצע בהמה, דאַן שטאַרבסטו צום ווייניגסטענס אַלס ציוויליזירטער מענש."

„זעהר פֿריינדליך."

„זאָג מיר נאָר דעם אמת, דו שוואַרצע קאַנאַליע, פֿון וואָס מאַכסטו אַ לעבען?"

„ווען עס הונגערט מיר, עסס איך באַנאַנען. איבערהויפּט עסס איך, טרינק און שלאָף אַזוי ווי עס געפֿעלט מיר."

„אָה, דו ענטזעצליכער, שוואַרצער באַרבאַר! דו מוזט דיר זוכען אַ בעשעפֿטיגונג; פֿערשטעהסטו? ווען ניט, וועל איך דיר אַריינוואַרפֿען אין געפֿענגניס."

„וואָס מיינט דאָס אַ געפֿענגניס?"

„זעהט נאָר דעם שוואַרצען אונוויסענדען לומפּ. ער וויים זאָגאַר ניט וואָס אַ געפֿענגניס איז. אַ געפֿענגניס, פֿערשטעהסטו מיר, איז די העכסטע אינסטיטוציאָן פֿון דער קריסטליכער ציוויליזאַציאָן."

„גוט, איך וויל אויפֿעפֿנען אַ קאַפֿע־שאָפּ; דען איך האָב גענוג קאַפֿע און צוקער."

„אַזוי? דאָס איז שוין באַלד אַ פּלאַן. צו ערשט מוזטו מיר בעצאָהלען פֿינף פֿונט פֿאַר דער ערלויבניס."

„פֿאַר וואָאָס?"

„פֿאַר לייסענס, דו אונגלויביגער, שוואַרצער באַנדיט. גלויבסט דו אפשר, די ציוויליזאַציאָן קאָסט קיין געלד ניט?"

„אָבער איך האָב קיין געלד ניט."

„דאָס מאַכט ניט אויס. איך וועל צונעהמען דיין קאַפֿע און צוקער."

„ס'איז מערקווירדיג, וואָס פֿאַר אַ פֿיינע זאַך דאָס איז, די ציוויליזאַציאָן."

„דאָס קענסטו גלויבען, דו שוואַרצע בעסטיע. פֿאָרלויפֿיג קענסטו נאָך ניט בעגרייפֿען אַלע גוטסקייטען דער ציוויליזאַציאָן; אָבער מיט דער צייט וועסטו אַלעם פֿערשטעהן."

דער אָרעמער ווילדער איז באַלד ענטלאָפֿען געוואָרען אין דער מדבר.

דריי.

„וואו געהסטו, פֿהילאָניאָס?" האָט הודאַר געפֿרעגט זיין פֿריינד, מיט וועלכען ער האָט זיך בעגעגענט אין די גאַסען פֿון אַטהען.

„כ'האָב קיין צייט ניט! האָט פֿהילאָניאָס געענטפֿערט. „איך דאַרף טרינקען דריי פֿלעשער שלעכטען ווײַן ביי דער העסליכסטער פֿון מיינע מעטרעסען!"

עס איז איהם אָנגעקומען שווער צו ריידען, דען ער איז געוועזן טויט־שכור.

„קום מיט מיר, דו האָסט גענוג געטרונקען, און איך האָב שטאַרק מורא, אַז דו האָסט מעהר מעטרעסען ווי דו דאַרפֿסט אייגענטליך".

„דריי, הודאַר, דריי!... דער מייסטער האָט געזאָגט דריי... דריי האָט ער געזאָגט..."

„דער מייסטער האָט עס קיינמאָל ניט געזאָגט — ניט פֿון וויין און ניט פֿון מעטרעסען. קום בעסער מיט מיר..."

„ער האָט געזאָגט: דריי... דריי... דריי..."

און פֿהילאָניאָס איז געפֿאַלען דעם דריטען מאָל אין דיזען אָבענד, אָבער דיזעס מאָל איז ער געבליבען ליעגען.

און אַזוי ליעגט ער ביז צום היינטיגען טאָג.

ניט אין פּראָגראַם.

אין אַ ספּיטאָל אין אַמסטערדאַם איז געלעגען אַ מאַטראָז מיט אַ קראַנקען פֿוס, וועלכען מען האָט געמוזט אָבשניידען.

אַ דאָקטאָר האָט אָנגעפֿאַנגען די אָפּעראַציע. און דער מאַטראָז האָט זיך געהאַלטען שטיל, די גאַנצע צייט פֿון דער אָפּעראַציע האָט ער זיך רוהיג גערויכערט זיין פּייפ; דעם מינדעסטען געשריי האָט מען פֿון איהם ניט געהערט. פֿון צייט צו צייט האָט ער, אמת, צוזאַמענגעדריקט זיינע צייהן, אָבער קיין קלאַנג איז ניט אַריבער זיינע ליפּען.

דער דאָקטאָר האָט בעוואונדערט דעם מאַטראָז'ס זעלטענעם שטאַרקען כאַראַקטער, און בשעת ער האָט איהם באַנדאַזשירט, האָט ער איהם געלויבט פֿאַר זיין העלדישע האַלטונג.

אָבער פּלוצלונג האָט דער קראַנקער אַרויסגעלאָזט אַ מורא'דיגען קוויטש...

— וואָס? — איז דער דאָקטאָר נשתומם געוואָרען — איהר שרייט איצט צוליעב אַ שטאָך פֿון אַ נאָדעל, איהר, וואָס איהר האָט נאָר וואָס...

— גאַנץ ריכטיג... — ענטפֿערט דער מאַטראָז — אָבער פֿערשטעהט איהר מיך, הערר דאָקטאָר, אַט דער שטאָך שטעהט ניט אין פּראָגראַם!...

דער מאַטראָז האָט געהאַט אַ רעכט זיך צו בעקלאָגען.

שנעה־בערען אין איטאַליען.

קיין זאַך איז ניט אַזוי פֿיעל בעשריעבען און טראַכ־דעם אַזוי וויניג בעקאַנט ווי די ליעבע. און ווער עס קען איהר אַביסעל, איז זיכער זעהר אונצופֿריעדען פֿון די אַלע מעשה'לעך, וועלכע די שרייבער האָבען אויסגעקלערט וועגען איהר. ביי די מייסטע קען מען אָנזעהן, אַז זיי ריידען פֿון אַ לאַנד, וואו זיי זיינען קיינמאָל ניט געווען.

— ביזט דו אַמאָל געווען אין יענעם לאַנד?

— יאָ!

— דאַן גיעב דו אונז אַן ערקלעהרונג.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט... זיכער! נאָר...

— איך פֿערשטעה... די מאָראַל... די געשיכטע איז צו צאַרט, צו דעליקאַט.

— יאָ, איך האָב געוויסע אורזאַכען צו שווייגען, אָבער גאַנץ אַנדערע. אמת, די געשיכטע איז צו דעליקאַט, צו צאַרט, אָבער דאָס וואָלט גראַדע געווען פֿאַר מ'ר אַ גרונד דערפֿון צו שרייבען. עס פֿערדריסט מיר שרעקליך, אַז איך הער ביי יעדער געלעגענהייט, דאָס עס זיינען דאָ שנעה־בערען אין איטאַליען. עס וואָלט פֿאַר מיר געווען זעהר אַ דעליקאַטע זאַך, אַוועקפֿיהרען דיזע חיות דאָרט, וואו זיי געהערען. ניין, ליעבער פֿריינד, מיין שטילשווייגען האָט אַן אַנדער גרונד. איך האָב מורא, אַז איהר פֿערשטעהט ניט צו לייענען. איך בין שוין געוואוינט דערצו צו זעהען, ווי מען קוקט אויף די פּאָעזיע פֿון דער וואַהרהייט ווי אויף די גראָבקייט פֿון ליגען. און דערפֿאַר, זעהט איהר, שוויג איך בעסער, דען דאָס שטעהט מיין „פּענסי" ניט אָן. זעהט, אַז אייער האַרץ זאָל ווערען צאַרטער און אייערע געפֿיהלען פֿיינער; לערנט זיך פֿריהער אוים צו בעקומען אַ גוטען געשמאַק — אָט דאַן וועל איך אייך אפשר אַמאָל דערצעהלען, וואָס איך וואָלט אייך געקענט דערצעהלען פֿון דער ליעבע.

נאָר איין זאַך, קען איך אייך שוין יעצט איבערגעבען: „צו ליעבען מיינט גוט צו זיין!" און מיט דיזע ווערטער, זעהט איהר, האָב איך אַוועקגעפֿיהרט אַ שנעה־בער פֿון איטאַליען...

געקליבענע געדאַנקען.

ווער עס איז צופֿריעדען מיט זיין אַרבייט, האָט אַ גרונד צו זיין אונ־צופֿריעדען מיט זיין צופֿריעדענהייט.

* * *

פרינציפּען זיינען ווערטער, וועלכע מען דאַרף, אום אויסצומיידען אומ־אַנגענעהמליכקייטען, ניעדעריגע ענטשולדיגונגען פֿאַר די, וואָס האָבען פֿער־זוימט צו טהאָן זייער פֿפליכט.

* * *

איך קעמפּף פֿאַר מיין לעבען, פֿאַר מיין פֿרוי און קינד, און מיט מורא'דיגע געפֿיהלען וואַרט איך אָב, אויב זיי וועלען מיר [illegible] אָבער זיי דערצעהלען מיר נאָר איין זאַך: „דו קענסט שעהן שרייבען!" דאָס איז די גרויזאַמסטע סאַטירע, וועלכע מען קען זיך פֿאָרשטעלען. אַ מענש טרינקט זיך און אַרבייט מיט זיינע לעצטע קרעפֿטען, אום זיך צו ראַטעווען, און זיי שטעהען ביים ברעג און מאַכען איהם אַ קאָמפּלימענט, אַז ער קען גוט שווימען.

* * *

אַן אידעע, וועלכע מען קען באַלד פֿערשטעהן, איז אָפֿטמאָל ניט ווערטה, מען זאָל איהר פֿערשטעהן.

* * *

אַמאָל האָט עס געטראָפֿען, דאָס אַ רייטער איז אַראָבגעפֿאַלען פֿון פֿערד; פֿון דאַמאָלסט אָן האָט זיך יעדערער גערופֿען אַ רייטער, וועלכער איז אַראָבגעפֿאַלען פֿון פֿערד.

* * *

אַ מענש, וועלכער בעקלאָגט זיך איבער דעם עגאָאיזמוס פֿון די אַנ־דערע, איז אַן עגאָאיסט.

* * *

עס טרעפֿט וועהר אָפֿט, אַז מענשען קענען ניט זעהן אַ זאַך, ווייל זי איז צו גרויס.

* * *

יעזוס איז ניט געוועזען קיין קריסט, נאָר איך וויל דערמיט ניט בע־הויפּטען, אַז ער איז געוועזען אַ איד.

* * *

אונדאַנקבאַרקייט איז אַן ערפֿינדונג פֿון די פֿילאַנטראָפּען.

ע נ ד ע.

Presented to the
LIBRARY of the
UNIVERSITY OF TORONTO
by
THE MULTICULTURAL
HISTORY SOCIETY
OF ONTARIO

LIBRARY
AUG 1 9 1999
UNIVERSITY OF TORONTO

3 1761 05058603 1